STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09331

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ

אינהאַלט פון די 18 בענדער

1) פאָלקסטימלעכע געשיכטן
2) די צייט
3) דראמען
4) אָדם וחוה
5) חסידיש
6) פאר קליין און גרויס
7) בילדער און סקיצן
8) אויפזאצן און פעליעטאָנען
9) אלט און ניי
10) פון שטוב און גאס
11) געדאנקען און אידעען
12) פינף מגילות
13) לידער און באַלאַדן
14) געשיכטן און סצענעס
15) ליטעראטור און לעבן
16) אין מיין ווינקעלע
17) שטעט און שטעטלעך
18) מיינע זכרונות און בריוו

פון פאַרלאַג „יידיש"

דער קליינער און יונגער יידישער אַרגענטינער קיבוץ איז אַ דאַנק דער שוידערלעכער יידן־אויסראָטונג זינט אויגוסט 1939 געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער וועלט־חורבן האָט אונדזער ישוב דערהויבן און אים אָנ־געטון אַ טראַגישן און גרויסן זכות.

אַ זכות גייט ביי אונדז זייט שטענדיק אָן האַנט ביי האַנט מיט חוב. פאַר דעם גרויסן טראַגישן חוב איז אונדזער ישוב אַ סך, אַ סך שולדיק. און פאַרלאַג „יידיש", וואָס איז אין דער פאָרעם אַ פריוואַטע אונטערנעמונג און אין תוך געהער ער צום גאַנצן ישוב, שטרעבט צו באַצאָלן אַ קליינעם טייל פון די חובות, וואָס דער ישוב איז שולדיק.

דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" וועט דער אַרגענטינער יידישער ישוב אָנהויבן העלפן אויפבויען דאָס דאָזיקע, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט.

און נישט אומזיסט הייבן מיר אָן מיט אונדזערע קלאַסיקער! דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם האָבן באַ־שריבן וועט מען שוין מיט קיין טאַנקען אויך נישט אויסמעקן.

און ווען דער צאָרן וועט זיך ענדיקן און אייראָפּע וועט זיך נעמען באַנייס אויפבויען און מען וועט דאָרט נעמען אויפבויען אויך דעם יידישן שארית הפליטה, וועט דער אַרגענטינער ישוב דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" שיקן די ביכער פון די קלאַסיקער פאַר די ערשטע פון סניי אויפגעבויטע יידישע ביבליאָטעקן.

פאַרלאַג „יידיש" הייבט אָן מיט אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, ווייל בעצם האָט פּרץ געראַטעוועט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן פון אַ שריפה, וואָס האָט עס גענומען אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פּרץ איז אַריין אין פייער אַריין פון השכלה און אַסימילאַציע און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם סאַמע עיקר פון דער באַדראָטער יידישקייט. די ערשטע ווערק וואָס מען וועט אַריינשטעלן אין אַ באַנייטער יידישער ביבליאָטעק פון אייראָפּע, מוזן זיין פון י. ל. פּ ר ץ!

י. ל. פרץ

אלע ווערק

מיט בילדער, פאקסימילן, געקליבענע פערזענלעכע בריוו און
ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי

פאַרלאַג „יידיש"
פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס 1944

זיבעטער באַנד

בילדער און סקיצן

PRINTED IN ARGENTINE

I. L. PERETZ

Obras Completas

TOMO VII

ESTAMPAS Y BOSQUEJOS

Editorial y Talleres Gráficos "IDISCH"

Bmé. MITRE 2146 **BUENOS AIRES**

1 9 4 4

אינהאַלט:

	זייט
פאַרעדע	9
ביטחון	10
נאָר גיי	12
וואָס דאַרף אַ ייִדענע?	15
נומער 42	17
דער משכיל	22
דער טישעוויצער רב	25
פאַרצײַלטע מעשות	28
אַ ייִנגעלע	37
דער יאַרציעווער רב	40
לאַשציאָוו	45
די ערשטע פּרווו	47
די צווייטע פּרווו	51
אין שוחטס הויז	53
די סקולער רביצין	56
אַפּיקורירט	60
דער נישרף	64
דער עמיגראַנט	68
דער משוגע	70
בלאַנקעטן	73
דער למ"ד-וויוו"ניק	75
דער מסור	78
דאָס וואַסערל	82
ר׳ בערל	94

ר׳ יוחנן גבאי — — — — — — — — — — — — — 100
אייזיקל שוחט — — — — — — — — — — — — — 104
בשעת מגיפה — — — — — — — — — — — — — 122
אין חדר אַריין, שקצים — — — — — — — — — — — 149
משוגעים — — — — — — — — — — — — — — 153
דער נדבן — — — — — — — — — — — — — — 159
דער דראַנג — — — — — — — — — — — — — 168
אַ קשיאַ אויף יענע לייט — — — — — — — — — — 173
מלווה־מלכה — — — — — — — — — — — — — 181
ווי אזוי אַ פּרוש איז געוואָרן אויס פּרוש — — — — 191
דאָס פּראָבלעם — — — — — — — — — — — — — 198



דאָס פרץ-אוהל

אויסגעפירט דורך אברהם אָסטשעגא. — צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן

א.

פאָרעדע

עס איז געווען אין סוף פון די גוטע, און אין אָנהייב פון די שלעכטע ציימן. אויפן הימל האָבן זיך געוויזן שווארצע כמארעס, נאָר עס האָט זיך געדאכט, אז דער רוח — דער צייט־גייסט, מיין איך, — וועט זיי לייכט פארטרייבן. זיי וועלן ערגעץ אויסגיסן זייער האַרץ אין א מדבר. אין אייראָפּעס פיין־געהאלטענעם וויין־גאָרטן האָט דער ביטערער וואָרצל שוין געשפּאָלטן די ערד, אַרויסגעשיקט זיינע שטעכעדיקע, שוין פאַרסמטע שפּיצלעך, נאָר אָט, אָט, טראַכט מען, דערזעען עס די גערטנער און רייסן עס אוים מיטן וואָרצל... עס האָט זיך געדאכט, אז דאָס ניינצנטע יאָרהונדערט האָט זיך אויף דער עלטער נאָר אביסל פארקילט, אביסל היץ געקריגן! עס זאָל זיך פון דעם מאַכן א שווערע קרענק, א שיגעון, — דאָס האָט זיך קיינער נישט געריכט...

ווי ווייט איז פון אונדז געווען דעמאָלט אַמעריקע! נישט איין ייד האָט געקלערט, ווי אזוי עס שטייט דאָרט א שיסל גריץ, אָדער — צי טראָגט מען דאָרט די יאַרמולקעס אויף די פיס. פון ארץ־ישראל־אתרוגים האָט מען אזוי זעלטן געהערט, ווי פון באַראָן הירש צי פון „הנדיב הידוע"...

די אַסטראָנאָמיע באַרעכנט פריער יעדע ליקוי־חמה, ליקוי־לבנה; די פסיכאָלאָגיע האַלט נישט אַזוי ווייט. דער וועלטס נשמה ווערט ראַפּטום פינצטער, דער גוף קריגט אַ מין קאָנוולסיע — און נישט נאָר זי קען עס פאָרויסזען, נאָר אפילו ווען עס איז שוין געשען, איז זיך שווער צו גלייבן... איז עס נישט צו פארשטיין...

אומרואיק דאָך איז מען שוין געווען. עס האָבן זיך געשיט פון אַלע זייטן בלבולים איבער בלבולים.

צווישן אַנדערע זאכן איז געבליבן, אז מען דארף זיך באַקענען מיטן געוויינלעכן וואָכעדיקן יידישן לעבן; זען, וואָס עס טוט זיך אין די קליינע שטעטלעך; אויף וואָס מען האָפט, פון וואָס מען לעבט, וואָס מען טוט... וואָס עס זאָגט דאָס פאָלק!

ב.

ביטחון

מיין ערשטער אריינפאָר איז געווען טישאָוועץ. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט ביי מיינעם א באַקאַנטן, ר' ברוך. ער האָט געשיקט נאָכן שמש און עטלעכע באַלעבאַטים. וואַרטנדיק אויף זיי, בין איך געשטאַנען ביים פענצטער און באַטראַכט דעם מאַרק.

דער מאַרק איז אַ גרויסער פיר־עק. אַרום, אויף אַלע פיר זייטן, שטייען פאַרשוואַרצטע איינגעבויגענע, געבויטע הייזער, טייל מיט שטרוי, מערסטנטיילס מיט שינדלען געדעקט.

סאַמע איינציקע שטאָקן, מיט ברייטע פּאָדשעניעס אויף פוילע פאַרגעלטע באַלקנס. אַרויסגערוקט פון פּאָדשעניע שטייען, נישט ווייט איינס פונעם אַנדערן, „פּשעקופּעקעס" איבער מולטערס מיט בייגל, ברויט, אַרבעס, באָבעס און פאַרשידן אויבס. צווישן די ווייבער איז אַ שטאַרק גערודער! איך האָב אויף זיי, זעט אויס, אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט.

— האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר, — שרייט איינע, — טייט נישט מיט די פינגער, ער זעט דאָך!

— האַלט ס'מויל!

די ווייבער ווייסן שוין, אַז איך בין געקומען פאַרשרייבן; איינע גיט איבער דער אַנדערער דעם סוד אַזוי שטיל, אַז איך הער אין שטוב.

מען זאָגט: „דאָס איז ער טאַקע", „פּאָרט גוט, אַז די אָרעמע שאָף האָבן פאַסטעכער, וואָס האָבן זיי אין זינען"; פונדעסטוועגן, „אַז יענער פאַסטעך וועט נישט העלפן, איז — בלאָטע!". איינע קען דערוויל נישט פאַרשטיין, „יענער פאַסטעך זאָל דאַרפן אַזוינע שלוחים"... דאָס איז אַ ווונק אויף מיין געשוירן בערדל און קורצע קליידער. אַן אַנדערע איז ליבעראַלער און פאַרופט זיך אויף אַ רופא: „הלמאי אַ רופא, זאָגט זי, איז אויך כל־בו, און פונדעסטוועגן..."

— דאָס איז עפּעס אנדערש, א יחיד, אָבער אזוי, ווייניק גוטע יידן?...

זאָלן זיי בעסער, מיינט אַן אַנדערע, אריינשיקן א פּאָר הונדערט רובל; איך בין זיי מוחל דאָס שרייבן, זאָל מיין זון נ י ש ט זיין קיין יעדנעראַל!

. . . .

. . . .

זיצנדיק ביים טיש, בין איך געווען א רואה ואינו נראה: פון נאָס האָט מען מיך נישט געזען, נאָר איך האָב געזען א האַלבן מארק. דערווייל האָט מיין „באַלעבאָס" אָפּגעדאַווענט, אָפּגעלייגט טלית און תפילין, גענומען אביסל בראָנפן און געטרונקען צו מיר לחיים.

— לחיים טובים ולשלום! — ענטפער איך.

— גאָט זאָל געבן בעסערע צייטן, עס זאָל זיין פרנסה.

ווי מהנא בין איך מיין באַלעבאָס, אים פעלט נישט מער נאָר פרנסה. ער גיט־צו מיט גדלות:

— און עס וועט מ ו ז ן זיין פרנסה, עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, גוטע יידן וועלן אויך נישט שווייגן...

איך האָב אים איבער, און פרעג, פאר וואָס אין זיינע אייגענע געשעפטן, כאָטש ער האָט בטחון, כאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז „מאַן דיהיב חיי יהיב מזונא" (דער וואָס גיט לעבן, דער גיט עסן), פונדעסטוועגן טוט ער זיינס, און האַנדלט, און שלאָפט נישט גאַנצע נעכט, און קלערט אַלץ: מאָרגן, שפּעטער, אויפן־יאָר... קוים האָט א ייד חתונה, קלערט ער שוין אויף חתונה־קליידער פאר אייניקלעך. און אַז עס קומט צום כ ל ל ישראל, איז דער בטחון שוין אזוי גרויס, אַז עס איז שוין איבעריק צו טון די האַנט אין קאַלט וואַסער אריין.

— עס איז, מאַכט ער, גאָר פּשוט: כל־ישראל איז שוין דעם רבונו של עולמס זאַך, און ער האָט זיינס אין זין... און, כביכול, עס זאָל זיין שבחה פאר זיין כסא־הכבוד, איז דאָ אזוינע, וואָס דערמאַנען... און, ווייטער דאָס אייגענע... ווי לאַנג קען עס געדויערן? עס מ ו ז דאָך אַן עק נעמען: אָדער כלו־חייב, אָדער כלו זכאי... דאָס איז נישט פרנסה!

ג.

נאָר גייִ!

איך האָב אייך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דער רב פון שטעטל האָט נישט געוואָלט, נישט קומען צו מיר, נישט מיך אויפנעמען ביי זיך. ער האָט מיר געשיקט זאָגן, אַז עס איז נישט זיין זאַך גאָר, אַז ער איז אַ שוואַכער, לאַ־עליכם. אויסערדעם זיצט ער שוין אַ פּאָר וואָכן איבער אַ האַרבע שאלה פון בשר בחלב; און דער עיקר איז, אַז ער איז ברוגז אויף קהל, ווייל מען וויל אים נישט מוסיף זיין צוויי גילדן אַ וואָך פּרנסה.

געקומען איז, על־כן, אַ דריי באַלעבאַטים מיט צוויי שמשים. איך הייב אָן ביי מיין באַלעבאָס.

ער האָט נישט קיין ווייב, און פאַרענטפערט זיך באַלד:

— ווי לאַנג, מיינט איר, איז זי, אונז צו לענגערע יאָר, נפטר געוואָרן?

הכלל — אַן אַלמן; דריי אויסגעגעבענע זין, אַן אויסגעגעבענע טאָכטער, צוויי יינגלעך און אַ מיידל אין דער היים. דערביי בעט ער זיך, איך זאָל פאַרשרייבן, אַז אַלע זין — אויסער דעם יינגסטן, וואָס איז ערשט אַלט פיר יאָר און ביז ער וועט „שטיין", וועט נאָך משיח קומען! — אַז די רעשט זין האָט יעדער זיין פעלער!

אויסער די עלטערע, צוויי אויסגעגעבענע, זין, האָב איך שוין געקענט די גאַנצע משפּחה. די אויסגעגעבענע טאָכטער האָט אין דעם אייגענעם הויז אַ געוועלבל מיט טיטון, טאַבאַק, טיי און צוקער, ווי אויך שפּייז; דאַכט זיך, נאָך סמאַר און נאַפט. איך האָב באַלד איינדערפרי ביי איר געקויפט צוקער. זי איז אַלט אַ יאָר 25, אַ דאַר פּנים, אַ לאַנגע, אונטערגעבויגענע נאָז, וואָס ציילט איר, דאַכט זיך, די פוילע שווארצע ציין אינעם האַלב־אָפענעם מויל, אַ פּאָר בלאָנע־בלוי־שווארצע געפּלאַצטע ליפּן — דער פאָטער אויסן אויג. די שוועסטער אירע, אַ מיידל, איז גאַנץ ענלעך צו איר; זי האָט אָבער „כלה־חן". דאָס פּנים איז פרישער, רויטלעכער,

די ציין — ווייסער, און אינגאנצן נישט אזוי צעווירן, נישט אזוי אָפּגעשלאָזט. אויך זע איךביידע יינגלעך, שיינע יינגלעך; זיי האָבן געמוזט אין דער מאַמען אריין געראָטן: רויטע בעקעלעך, חנעוודיקע, פאַרשעמטע אייגעלעך... פול פעדערן אין די געדרייטע שווארצע לעקלעך... נאָר מיאוסע תנועות: זיי הייבן אַלע מאָל די פּלייצעלעך, פאַרקרימען זיך. זיי טראָגן שיגעטענע קאפּאָטקעלעך. ברודיק, נאָר גאַנץ.

די מוטער, אפּנים, איז נישט לאַנג געשטאָרבן, געגוג צייט געווען צו פאַרברודיקן; ווייניק — צו צערייסן... היינט — ווער האָט צייט צו זיי? די עלטערע שוועסטער האָט פיר קינדער, א מאַן א למדן און א געווועלבל... דאָס „כלה־מיידל" פירט די שענק; דער פאָטער האָט קיין צייט נישט.

— וואָס איז א י י ע ר געשעפט? — פרעג איך אים.

— פּראָצענט...

— ליכווע?

— ליכווע? ... עט...

— גלייך אַזוי? מען האָט ווייניק מיט אונדז צו טון...

— ווייסט איר וואָס, מאכט ער, — נאָט אייך אָוועק אַלע מיינע שמאָטעס — וועקסלען, אַקטן, אַלץ פאַר 25 פּראָצענט. נאָר צאָלט מיר אוים באַר! איך לייג אוועק נישט נאָר די ליכווע, אַפילו די שענק! איך וואָלט ב אָ ד י י אוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל... אַבי געלט! אפשר ווילט איר, נאָט אייך א חרם־קוויטל; איר מיינט, אז מיר האלטן זיך אין דער ליכווע... זי האלט אונדז. מען צאָלט נישט, וואַקסט דער חוב. וואָס מער דער חוב וואַקסט, ווייניקער ווערט איז ער, מער קבצן ווער איך... אויף נאמנות!

פאַרן אַרויסגיין ווייטער פאַרשרייבן, האָב איך נאָך בייגעוווינט א קליינע סצענע. בשעת ווען איך האָב צונויפגעקליבן מיינע כלים, פּאַפּיר, בליישטיפט, פּאַפּיראָסן, האָט ר' ברוך דערוויל אָנגעשמירט פאַר די קינדער, אין חדר אריין מיטצונעמען, צוויי שטיקלעך ברויט מיט פוטער, מיט אַ צולאָג אַ שציפּיאָרעק.

— נאָר גייטס! — מאַכט ער; — ער וויל זיי נישט האָבן אין שענק.
דער קלענערער יתום איז אָבער נישט צופרידן. ער הייבט אויף די פּלייצעלעך און פאַרקרימט זיך צום וויינען. ער שעמט זיך אביסל פאַר מיר,

וואַרט איך זאָל אַרויסגיין; ער קאָן זיך אָבער נישט דערוואַרטן, און לאָזט אַרויס אַ געוויין:

— נאָך שציפּיאָרעק, — וויל ער.

— די מאַמע פלעגט מ י ר געבן צוויי!

די שוועסטער איז צוגעלאָפן צו דער שאַנק, זי האָט אַרויסגעכאַפּט און געגעבן אים נאָך שציפּיאָרעק.

— גיי, — מאַכט זי אויך, — נאָר אַ סך ווייכער. אין די ווערטער האָט דער מוטערס קול געקלונגען. —

ד.

וואָס דאַרף אַ יידענע?

מיר גייען פון הויז צו הויז, פון נומער איינס אָן. איך ווייס אַליין, ווו יידן און ווו נישט־יידן וווינען, איך קוק נאָר אין פענצ־טער אריין. פארגעלטע פענצטער איז א סימן פון „אתה בחרתנו", בפרט נאָך אויסגעהאקטע שויבן, פארטרעטענע מיט קישעלעך און זעק... פאר דאָס — בלומען־טעפּ און פאַרהאנגען זענען סימנים מובהקים, אז דאָ וווינט שוין אזוינער, וואָס האָט נישט אזא פראווע אויפן דלות ווי יענע...

עס טרעפן זיך אויסנאמען... אָט וווינט נ י ש ט א ייד, נאָר אַ שטאַרקער שיכור... און פארקערט, — בלומען און פאַרהענגלעך, נאָר דאָ לייענט מען שוין די „הצפירה".

דעם ערגסטן איינדרוק מאכט אויף מיר א גרויס, א הילצערן משונה הויז. עס איז גרעסער, נאָר שווארצער און ברודיקער פאר אלע הייזער. די פאציאַט האָט זיך שטארק אריבערגעבויגן, און קוקט ארונטער אויף זיינס־גלייכן — אויך אַן אלטע, שווארצע חורבה, — אויף אַן אלטע, אויסגע־דארטע, איינגעבויגענע, ציטערדיקע יידענע, וואָס דינגט זיך מיט איר קונה — א צעשויבערטע געלע דינסט־מויד — איבער א צולאָג צו א פונט זאַלץ.

דער שמש ווייזט מיר אויף דער אַלטער: דאָס איז „די באַלעבאָסטע פון הויז". איך האָב מיך פארוואונדערט; די יידענע איז צו אָרעם פאר אזא הויז.

— דאָס הויז, — דערקלערט דער שמש, — איז אייגנטלעך נישט איר. זי האָט נאָר א זעקסטל „דאָזשיוואָטשע", אן אלמנה איז זי... נאָר די יורשים, אירע קינדער, וווינען נישט הי, — הייסט זי באַלעבאָס.

— וויפל מאכט דאָס הויז?

— גאָרנישט.

— ווערט איז עס?

— א פופצן הונדערט רובל.

— און מאַכט גאָרנישט?

— עס שטייט לײדיק.

עס קומען מיר אויף די געדאַנקען „יענע בחורים״... מן־הסתם וואַרפט מען דאָ ציגל אָדער קאַרטאָפל.

— ניין, — זאָגט דער שמש און שמייכלט. — פאַראַן אַזוי אַ נ־ד ע ר ע צוויי הייזער, וואָס מען ווערט מוזן צ ע ל י י ג ן; דאָ איז עפּעס אַנדערש: אין דעם הויז, פאַרשטייט איר, האָט געוווינט אַמאָל אַ דאָקטאָר; איז ער געשטאָרבן, און שוין, שטייט לײדיק ס'הויז!

— וואָס איז, אויף אַ זאַראַזשליווע קראַנקייט?

— חס־ושלום!

— וואָס דען?

— עס האָט פּשוט נישט ווער צו וווינען; ווער זאָל וווינען?

— ווי הייסט, ווער?

— טאַקע ווער? ביי אונדז האָט יעדערער כמעט זיין נחלה. ווער עס דינגט שוין אַ דירה, וויל נישט קיין באַזונדערע שטוב צו פאַרהייצן. ביי אונדז איז אַ מאָדע, אַ קאַמאָרניק (לאָקאַטאָר) צאָלט עטלעכע רובל אַ יאָר פאַר אַן עק שטוב מיט באַהייצונג. ווער דאַרף אַזוינע גרויסע שטיבער?

— נאָך וואָס האָט מען געשטעלט אַזאַ הויז?

— באַ, — אַמאָל! היינט דאַרף מען נישט...

— נעבעך!

— וואָס פאַר אַ נעבעך? זי האָט אַ שטעל מיט זאַלץ, פאַרדינט עט־לעכע רובל אַ וואָך, פון דעם צאָלט זי אָפּ 28 רובל אַ יאָר פּאָדאַטעק פון הויז. פון דעם רעשט לעבט זי... וואָס דאַרף אַ יידענע? וואָס פעלט איר? תכריכים האָט זי שוין...

איך האָב נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף דער אַלטיטשקער, און עס האָט זיך מיר שוין געדאַכט, אַז עס פעלט איר באמת גאָרנישט. איר גע־רונצלטע הויט האָט מיר אפילו צוגעשמייכלט: וואָס דאַרף אַ יידענע?

ה.

נומער 42

אִיך בין געגאַנגען פון הויז צו הויז לויט נומער, מיט אַ צעטל אין דער האַנט. פון נומער 41 האָט מיך דאָך דער שמש גע־פירט צו 43.

— און 42? — פרעג איך.

— אַט! — ווייזט ער מיר אויף אַ שטיק חורבה אין אַ שמאָל געסל צווישן איין־ און דרייאונפערציק.

— איינגעפאַלען?

— איינגעלייגט, — ענטפערט דער שמש.

— פאַר וואָס?

— איבער אַ פייער־מויער.

— איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

מיר זענען ביידע געווען מיד גייענדיק, און מיר האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק אין פּאָדשעניע. דער שמש פאַרציילט:

— פאַרשטייט איר, על־פּי דיניהם, אויב איין געבויט הויז איז נישט געגנוג ווייט אָפּגעטרעטן פון צווייטן, מוז מען אָפּטיילן די דעכער מיט פייער־מויערן. ווי ווייט דער מהלך דאַרף זיין, ווייס איך נישט; משפּטים בל ידעום, דאַכט זיך, מער ווי ד׳ אמות. אַ פייער־מויער איז ביי זיי אַ סגולה פאַר אַ שריפה... נו, דאָס הייזל האָט אָבער געשטעלט אַ קבצן גדול, ירוחם איוואַנהאָווקער, אַ מלמד, האָט ער נישט געקאָנט מאַכן קיין פייער־מויער.

— זיין גאַנץ בויען, פּראַוודע, איז געווען אָן אַ יסוד. דערנאָך, וועט איר הערן, איז דערפון געוואָרן אַ דין־תורה. ביי דעם דין־תורה האָט, עליה־השלום, זיין ווייב מלכה, דערציילט דברים כהויתן, ווי דער סדר־עולם איז, אָנגעהויבן משֵשת ימי בראשית, און אזוי אָט איז געווען די מעשה:

מלכה האָט מיט איר מענדלען נישט געערדט א יאָר פופצן. זי איז בטבע א פאַרביסענע יידענע געווען. נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין: א הויכע, א דאַרע, א שוואַרצע מיט א שפּיציקע נאָז ווי א האַקן. זעלטן, אַז עס איז איר אַרויס א וואָרט פון מויל, כאָטש פון פּרנסה — א פּשע־קופּקאַ! און מען האָט נישט געדאַרפט! פון אירם א קוק איז אויך שוין קיל געוואָרן אין האַרץ. אַלע פּשעקופּקעס האָבן געציטערט פאַר איר אימת מוות; זי האָט שוין אַזאַ אויג געהאַט. פאַרשטייט זיך, אַז ירוחם האָט זיך מחיה געווען מיט איר שווייגן; ער פּלעגט צו איר אויך קיין וואָרט נישט רעדן. אַזוי שטילערהייט, זענען זיי דאָך געבענטשט געוואָרן מיט צוויי בנים און דריי מיידלעך.

דאָך דער יצר־הרע — א באַלעבאָס צו ווערן, האָט זיי ביידע רע־דעווודיק געמאַכט. דער שמועס איז אַזוי געגאַנגען:

—מלכה! — זי ענטפערט נישט.

— מלכה? זי שווייגט. ער מלכה׳עט, און זי רירט זיך נישט פון אָרט.

ירוחם שטעלט זיך אָבער אויף און גיט א געשריי:

— מלכה! איך וויל שטעלן א הויז!

מלכה האָט שוין נישט אויסגעהאַלטן, און אויפגעהויבן איין אויג און געעפנט דאָס מויל. „איך האָב געמיינט — פאַרציילט זי — ער איז משוגע געוואָרן!“

און א שגעון איז עס באמת געווען. ער האָט געהאַט בירושה פון איין עלטערזיידן דאָס שטיקל פּלאַץ, דאָס שמאָלע, וואָס איר האָט געזען, און — קיין פּחות משוה פּרוטה געלט. דעם ווייבס פּאָר טשוועקעס, וועל־כע מען האָט דערנאָך פאַרקויפט פאַר דריי־מאָל ח״י זהובים, פלעגן זיין פאַרזעצט א גאַנץ יאָר; אויסער שבת ויום־טוב, ווען ירוחם האָט זי אַרויס־גענומען אויף א חרם־קוויטל.

אַז דער יצר־הרע נעמט זיך אָבער צו הילף דעם כוח הדמיון, איז „מי יעמוד“! „קוים שטעלט ער אויף א הויז, איז ער פאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן. א בטוח וועט ער זיין, וועט ער זיך באָרגן אויף א ציג און האָבן די מחיה אין דער היים. איין שטוב וועט ער פאַרדינגען אויף א שענק. און, אַז גאָט, ב״ה, וועט העלפן, וועט זי אַליין זיין שענקערן. און דער עיקר — די קינ־דער פאַרזאָרגט! די יינגלעך וועט ער סיי ווי סיי שיקן אין א ישיבה אַריין, די מיידלעך וועט־ער געבן א שטר חצי זכר אויף דער נחלה, און — אַן עק!

אי מיט וואָס מען וועט בויען? אויף דעם האָט ער געהאַט אַ גרייטן חשבון:

— איך בין — זאָגט ער — מלמד, און דו — פשעקופּקע, האָב'מיר דאָך צוויי פּרנסות; פון איין פּרנסה וועל'מיר לעבן און פון דער צווייטער — בויען.

— וואָס רעדסטו, משוגע — ענטפערט מלכה — מיט ביידע פּרנסות קומען מיר נישט אויס...

— אַזוי ווי מען נעמט זיך פאַר — זאָגט ער — אַזוי העלפט גאָט, ב"ה. אַ והא ראיה — מאַכט ער — אָט זע! נוח מלמד, אונדזער שכן, האָט אַ קראַנק ווייב, וואָס פאַרדינט נישט אַ דריַיער, און ז ע ק ס קינדערלעך — זאָלן געזונט און שטאַרק זיין — און לעבט דאָך פון מלמדות אַליין.

— וואָס רעדסטו, ער איז אַ גרויסער מלמד, סאַמע גבירישע קינדער.

— פאַרוואָס, מיינסטו, איז אַזוי? וואָס איז? ער קען בעסער לערנען פאַר מיר? אוודאי און אוודאי נישט, נאָר אַז גאָט ב"ה זעט, אַז ער האָט ניש מער ווי אַ יי ן פּרנסה גיט ער אים און איר די שפע. און, אַ והאָ־ראיה? זע ווייטער! די שוואַרצע ברכה! אַן אַלמנה, אויך מיט פינף קינדער, און איז גאָר אַ פשוקופּקע אַליין...

— וואָס רעדסטו, פּאַרוקט ביסטו? יענע, הלוואי אויף מיר געזאָגט, האָט אַ הון רב שטעקן אין עסק. אוודאי אַ רובל דרייסיק...

— נישט ד אָ ס אָבער איז דער עיקר, — גיט ער איר צו פאַרשטיין, — דער עיקר איז, אַז איר קען אַריינקומען די ברכה נאָר אין די עפּל! דער „רבונו של עולם" פירט די וועלט על פי דרך הטבע!

אויך רעדט ער איר איין, אַז מען קען אָפּשפּאָרן פון אַ סך זאַכן... מע'קען זיך באַגיין...

און עס איז אַזוי געבליבן. ירוחם האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טאַבאַק־שמעקן, דאָס גאַנצע הויז־געזונט — פון זויער־מילך בפרט און פון וויע־טשערע בכלל, און מען האָט געבויט!

געבויט האָט מען יאָרנלאַנג, נאָר אַז עס איז געקומען צו דער פייער־מויער, איז מלכה געשטאַנען אָן סחורה, ירוחם האָט שוין קיין כוח נישט געהאַט צו לעבן, דער עלטסטער זון האָט זיך געלאָזט אויף דער מדינה, דאָס יינגסטע איז געשטאָרבן, און דאָ פעלט נאָך אַ מטמון — אַ רובל 40 אויף אַ פייער־מויער.

נו, וואָס זאָל מען טון? מען האָט געמאַכט דעם כותב אין גמינע אין דער יד אַריין, און — אַריינגעצוויגן זיך אָן אַ פייער־מויער!

ער האָט זיך מיט נחת אריינגעצויגן. א נושאים־מאַן איז ער, האָט אים די חברה געמאַכט א חנוכת־הבית. מען האָט אויסגעטרונקען, אָן גוזמא, אוודאי אַ פאַס ביר, אַ חוץ בראָנפן און ראָזשינקע־וויין. עס איז געווען אַ שמחה, אַ גדולה.

נאָר די שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. עפּעס א באַלעבאָס האָט זיך צעקריגט מיט ירוחמס א שכן, מיט נוח מלמד. דער נוח מלמד איז אַמאָל אַ ג ר ו י ס ע ר באַלעבאָס געווען, א גביר עצום! א חוץ דער נחלה, ביי וועלכער ער איז געבליבן, האָט ער פאַרמאָגט שיינע עטלעכע מאות; דערצו האָט ער געפירט א מסחר מיט האָניק. שפּעטער, אַז עס איז ביי אונדז געווען דאָס מחלוקת איבערן ליטווישן רב, האָט מען אים דעם זון געמסרט (ער דינט עד־היום מיט א לונגען־פעלער אין פּאָלק), און ער אליין איז אריינגעפאַלן אין א פּראָצעס פאַר אונטערלייגן דעם רב. א רציחה איז טאַקע דעמאָלט געווען. מיט „אויסזאָגן" איז מען שוין גע־ווינט, אָבער אונטערשפּאַרן א הויז פון אלע זייטן, און אונטערצינדן איז טאַקע רציחהשדיק... צי ער ה אָ ט געשטעקט דערינען צי ניין, נאָר דאָס פּראָצעס און דער זון האָבן אים בדיל הדל געמאַכט, און ער איז מלמד געוואָרן, אלס פריש־געבאַקענער מלמד האָט ער ווייניק דרך־ארץ געהאַט פאַר באַלעבאַטים, האָט זיך איינער באַליידיקט, ארויסגענומען זיין בן און אריינגעגעבן צו ירוחמען אין חדר.

נוחן האָט די מעשה פאַרדראָסן, א „חברה־מאַן" איז ער פון לאַנג, אין פּאָוויאַט פלעגט ער אָפּליגן טעג און נעכט, אַ מויל מיט א פּען האָט ער. נו — איז די מעשה מיט דער פייער־מויער ארויסגעשוואומען, און עס איז אראָפּגעקומען דער סטאַרשי־סטראַזשניק.

נאָר דערווייל האָט נוח חרטה געהאַט! ער אליין האָט זיך געמיט! מען האָט אָנגעהאָנגען אָן דער דיעלע א מטבע, איז זי צוריק פאַרזונקען געוואָרן.

עס וואָלט שוין ווייטער גוט געווען, מאַכט זיך אָבער א מעשה מיט תכלת. אַז ירוחם איז א ראַדזינער און טוט אָן בלויע ציצית, איז נוח אַ פאַרברענטער בעלזער און שרייט געוואַלט! אַ וואָרט צו א וואָרט, די פייער־מויער איז ווייטער ארוים, עס איז שוין אַ דיעלע אין סאָנד.

מען האָט געלאָזט אַ „וויראָק זאָאָטשני", דער סאָנד האָט געפּסקנט, אַז ירוחם זאָל במשך א חודש מאַכן א פייער־מויער, און אויב נישט — זאָל מען אים צעליינגן דאָס הייזל.

קיין דרייער איז נישט געווען, אצינד האָט שוין נוח קיין חרטה נישט

געהאט — (דאָס מחלוקת האָט ערשט רעכט געברענט) — און האָט נישט געוואָלט ענטפערן אַ גוט וואָרט. ירוחם האָט אים גערופן צום רב; נוח האָט אויסגעפּאטשט דעם שמש.

אז מלכה האָט געזען, אז עס איז כלה כל הקיצין, האָט זי אָנגעכאַפּט נוחן אינמיטן גאַס ביים פּאָדקאָלנער, און געשלעפּט ווי אַ הורג אריין צום רב. עס איז אפילו געווען אַ פולער מארק מיט בעלזער, נאָר ווער וועט צו־גיין צו אַ יידענע?... „גברא דנשי קטלוהו לית דין ולית דיין" 1) נוחס ווייב איז נאָכגעגאַנגען און געשאָלטן מיט טויטע קללות, צוגיין האָט זי מורא!... ביים רב האָט מלכה פארציילט די מעשה מהחל ועד כלה: זי פארלאנגט, אז נוח זאָל מאַכן, אָדער עס זאָל זיין אַ פייער־מויער, אָדער די דיעלע זאָל ווייטער איינגעזונקען ווערן!...

אונדזער רבי'ל האָט געוווּסט, אז ווען ער וועט דאָ צופּסקענען, וועט דער צווייטער צד חסידים נעמען זיך צו אים, האָט ער זיך אויסגע־דרייט ווי אַ ייד אַ למדן. ער קען נישט פּסקענען... גרמא בנזוקין... בע... מע.... קיין פּשרה קען נישט זיין און האָט אָפּגעשיקט די צדדים צו די רביים.

„נו, „התובע הולך אחרי הנתבע", נוח איז באשטאנען, ירוחם — פאר אין ברירה; און אזוי האָבן זיך ביידע אראָפּגעכאַפּט קיין בעלז.

איידער ירוחם איז אוועקגעפאָרן, האָט ער איבערגעלאָזט זיינס אַ שוואָגער אַ דאָוויערענאָסט, מיט עטלעכע רובל, וואָס ער האָט צוזאמענ־געבאָרגט (און געבאָרגט האָט מען אים פאר רחמנות); ער זאָל מאַכן דער־וויל אַן אָפּאָזיציע.

עס איז אָבער אַלץ געגאנגען שלימשלימזל, דער שוואָגער האָט די פאָר רובל אויפגעגעסן, צי, ווי ער זאָגט, פארלוירן... מלכה איז פאר גרויס צרות קראַנק געוואָרן... ביים רבין האָט אפילו ירוחם געוווּנען אַ „פייער־מויער" מיט „הוצאות", נאָר צוריקוועגס האָט מען ביידע, נוחן מיט ירוח־מען, געכאַפּט אויף דער גרענעץ, און אהיימגעפירט מיטן עטאַפּ.

אז מען האָט ירוחמען געברענגט, איז שוין מלכה געווען אויפן עולם־אמת, און דאָס הייזל — צעוואָרפן...

---

1) אַ מאַנספּאַרזאָן, וואָס ווייבער האָבן געהרגעט, האָט קיין געריכט און קיין ריכטער.

1.

דער משכיל

און מיינט נישט, אז אין טישעוויץ עקט זיך די וועלט! עס איז דאָ א משכיל אויך. און אן אמתער משכיל, א פארצייטישער. א מענטש אין די מיטעלע יאָרן, נישט שטודירט, נישט געלעזן, אָן ביכער, אָן צייטונגען אפילו, מיט איין וואָרט, א משכיל פון דער לופט.

ער גאָלט זיך נישט די באָרד; אין טישעוויץ איז מען יוצא מיט אונטערשערן, נאָר מען זאָגט, אז „ער איז מסלסל בשערו אפילו עשרת ימי תשובה"! דייטש גייט ער אויך נישט, דער פעלדשער אין טישעוויץ גייט אויך נישט דייטש, איז אויך א ייד אין א לאנגער קאפאָטע מיט פאות!

אונדזער משכיל איז יוצא מיט שטיוול־פוצן, און א שווארץ סטענ־געלע אויפן האלדז. ער האָט שיריים פון פאות, פאר דאָס טראָגט ער א קאנטיק קאשקעטל. „פראָסטע" (זאָגט מען) וישמן ישורן ויבעט; „עס גייט אים זייער שוויל, א שארף געוועלב; איינגאנצן, אימשטיינס געזאָגט, דריי קינדערלעך, וואָס פעלט אים? איז ער א משכיל!"

מיט וואָס ער איז א משכיל, איז שווער געווען געוויר צו ווערן. עס איז גענוג, אז מען ו ו י י ס ט, אז ער איז א משכיל; די גאנצע שטאָט זאָגט, אז ער איז א משכיל, ער אליין איז אויך מודה. דער עיקר זענען זיינע „ווערטלעך", ער רעדט „על השם ועל משיחו".

לויט איך בין דערנאָך געוויר געוואָרן, האָט דער משכיל מיך אויך פאר א משכיל גערעכנט, און זיכער געווען, אז איך וועל ביי אים איינ־שטיין, על כל פנים ביי אים „שרייבן" צום ערשטן.

— צו אזא זאך, האָט ער געזאָגט, דארף מען האָבן מענטשן מיט קעפ. מיט אייך, פערד, וועט ער עפעס מאכן?

און אז דער בארג איז נישט געקומען צו מחמדן, ווייל ער האָט פשוט נישט געוווסט פון אים, איז מחמד געגאנגען צום בארג.

געטראָפן האָט ער מיך ביי אַן אַלמנה אין שטוב. אריינגעפאַלן איז ער מיטן רשעס שאלה פון דער הגדה — מיטן: מה העבודה הזאת לכם?

— מאָי פּאַניע — וואָס מאַכט איר עפּעס דאָ?

— ווו דאָ? פרעג איך.

— איר מיינט, אפּנים, גאָר, אַז איך בין פון הינטערן אויוון! אַז מען וווינט אין טישעוויץ, איז מען שוין קיין מענטש נישט, ווייסט מען שוין נישט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך? איר ווייסט: „עם לבן גרתי”, איך וווין טאקע דאָ, נאָר א נאָז האָב איך!

— און אַז איר האָט א נאָז און ווייסט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, נאָכוואָס פרעגט איר?

דער שמש האָט אויפגעשפּיצט די אויערן. דאָס אייגענע האָבן געטון די עטלעכע לײדיקגייערס, וואָס זענען מיר נאָכגעגאַנגען טריט־ביי־טריט. אויף זייער פּנים איז אויסגעגאָסן א ווילדע הנאה, אויפן שטערן — דער פּסוק: „יקומו נא הנערים... לאָמיר זען, ווי צוויי משכּילים באַדיען זיך!”

— וואָס טויג מיר דאָרט, מאַכט דער משכּיל געררייצט, חוזק־שמוי־זעק! מיין צונג איז אויך נישט קיין פּאָדעשווע! און פאר וועמען האָב איך מיך דאָ צו צעפירן, פאר טישעוויצער חמורים? זעט נאָר די בידליאַקעס.

איך בין אין א פאַרלעגנהייט, אַנעמען פאר טישעוויץ קען איך מיך נישט, ווייל די טישעוויצער באַלעבאַטים, אין פענצטער און אין טיר, האָבן גאַנץ אָנגענעם געשמייכלט.

— נאָר, זאָגט מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס? דאָס פאַרשרייבן!

— סטאַטיסטיק!

— סטאַטיסטיק־שמיסטיק! מיר האָבן שוין געהערט אַזוינס! נאָר נאָכוואָס טויג עס?

איך האָב געזאָגט, נישט אים, אייגנטלעך, נאָר טישעוויצער קהל; זאָלן זיי האָבן א באַגריף פון דער סטאַטיסטיק.

— האַ! האַ! צולאַכט זיך געדיכט און גראָב דער משכּיל, דאָס וועט איר איינרעדן טישעוויצער חמורים, נישט מיר! פאַרוואָס פאַרשרייבט איר, ווי מען וווינט: מיט א פּאָדלאָגע, אָן א פּאָדלאָגע? וואָס גייט אייך אָן, אַז איינער וווינט אָן א פּאָדלאָגע? האַ?

עס גייט אין דעם, פאַרציילן איך אים, אַז מען וויל אויסווייזן, ווי אָרעם יידן זענען; מען מיינט...

— מען מיינט גאָרנישט, האַקט ער מיר איבער, נאָר — זאָל זיין אַזוי! וואָס דאַרף מען אָבער וויסן אַקוראַט, וויפל יינגלעך און וויפל מייד־

לעך? און — ווי אלט יעדעס איז? און אלע קרענק, וואָס איר פאַרשרייבט!
— מען איז אונדז חושד, אז מיר דינען נישט אין מיליטער; די ביכער, ווייסט איר אוודאי, זענען נישט ריכטיק, ווילן מיר אויסווייזן...
— נו, אויך רעכט, למשל... איך בין אייך דערוויל מודה... אָבער — פּאַטיענטן? נאָכוואָס פאַרשרייבט איר, ווער עס האָט? און פאַר וויפל?
— אויסצעווייזן, אז יידן —
דער משכיל לאָזט מיך אָבער נישט ענדיקן.
— איר דערציילט מיר נישט קיין באָבע־מעשׂות! דערוויל וועט מען געוויר ווערן, אז איינער און דער צווייטער האָט א קלענערן פּאַטיענט, וועט מען אים שטעלן א חופּה!
קוים ער האָט עס ארויסגעזאָגט, איז ראַפּטום דער עולם פון פענצטער נעלם געוואָרן. דער שמש פון טיר האָט זיך אָפּגעטראָגן, און דער משכיל, וואָס האָט גאָרנישט אזוי שלעכט געמיינט, איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט.
דער עולם האָט מורא געקריגן. אין א פּאָר שעה ארום האָט שוין גאַנץ טישעוויץ מיט מיר געקלונגען. מען האָט מיך שוין חושד געווען, אז איך בין א געשיקטער פון דער אַקציז. א קשיא אויף א מעשׂה, די אַקציז ווייסט, אז א ייד וועט בעסער געוויר ווערן אלע סודות!
איך האָב מיך ארומגעדרייט אין מאַרק שוין איינער אליין, דאָס שטעטל האַלט זיך פון מיר פון ווייטן. א משכיל איז מיר נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. ער האָט געוואָלט מיט מיר רעדן. נאָר ער איז מיר שרעקלעך נמאס געוואָרן, איך האָב אויף זיין פּרצוף נישט געקאָנט קוקן.
און די פּנימער אין גאַס ווערן ערנסטער און פינצטערער, איך הויב שוין אָן קלערן וועגן פּליטה־מאַכן. מען קוקט אויף מיר צופיל פון דער זייט, מען סודעט זיך צופיל!
עס איז מיר איינגעפאַלן צו מאַכן נאָך די לעצטע פּרווו. איך האָב מיך דערמאָנט, אז דער היינטיקער טישעוויצער רב איז אַמאָל ביי אונדז דיין געווען, ער וועט מיך דערקענען, על כל פּנים עדות זאָגן, אז איך בין נישט דאָס, וואָס מען מיינט!
— וווּ וווינט דער רב? פרעג איך דעם משכיל.
ער דערפרייט זיך און ענטפערט:
— קומט, איך וועל אייך פירן!

ז.

דער טישיוויצער רב

ווער עס האָט נישט דעם טישיוויצער רבס שלאָפראָק געזען, וועט קיינמאָל נישט וויסן די סיבה, פאַרוואָס די רביצין, זיין דריט ווייב, א יידענע קוים אין די מיטעלע יאָרן, טראָגט שוין אַ פּאָר גרויסע ברילן אויף דער נאָז. דער שלאָפראָק זעט אויס ווי פון איינציקע פעדעם געלאַטעט.

— נאָך 2 גילדן א וואָך, באַקלאָגט זיך דער רב, ווען די שטאָט גיט מיר, וואָלט איך געקענט שוין דורכקומען; אזוי איז גאָר ביטער! נאָר איך וועל מיינס אויספירן... אָן א דין־תורה קענען זיי זיך נאָך באַגיין, אויף דעם האָבן זיי גוטע יידן און... סאַנדעס; „טעפּל - לעפּל” פּסקנט א ליאַדע מלמד, שאלות־נשים; עס איז דאָך נאַריש, דאָס קען מען נישט מ ח מ י ץ זיין! אָבער אויספירן וועל איך. איך וואַרט נאָר אויף דער קלפּי! אָן א רב וועלן זיי קיין קלפּי נישט מאכן! לאָמיך זען א שטאָט, קיין עיני־הרע, אַן עיר ואם בישראל, אָן גבאים! און, וועט דאָס אויך נישט העלפן, וועל איך נישט פּרווון די חלפים... איך האָב זיי גוט אין דער האַנט!

עס איז שווער געוועזן דעם רב אראָפּצופירן פון זיינע אייגענע צרות. דאָך אז דער משכיל האָט אים צוגעזאָגט, זיך צו ס ט אַ ר ע ן פאַר אים ביי קהל, צו פועלן די הוספה, — האָט ער אונדז געבעטן זיצן, און אויסגעהערט, אין וואָס עס גייט.

— נאַרישקייטן! מאַכט ער, — איך קען דיך! זאָג זיי, די שוטים, אז איך קען דיך.

— זיי אנטלויפן פון מיר!

— עט, אנטלויפן! וואָס הייסט אנטלויפן? ווער אנטלויפן? נאָך וואָס? נאָר מילא, אז דו זאָגסט: אנטלויפן! וועל איך אליין מיט דיר אראָפּגיין.

— אין וואס וועסטו גיין? רופט זיך אן א ווייבעריש קול פון הינ־טערן אויוון.

— גיב טאקע אהער די קאפאטע! ענטפערט דער רב.

— געבן? איך האב זי ערשט צעטרענט!

— מילא, מאכט דער רב, אויך נישט קיין אומגליק, חס ושלום! וועלן מיר מארגן גיין.

איך גיב אים צו פארשטיין, אז עס איז ערשט מיטיק צייט, אז עס איז מיר א שאד דער טאג.

— נו, וואסושע זאל איך טון? פרעגט דער רב און פארלייגט די הענט, — פונקט האט די רביצין זיך גענומען צו מיין קאפטאן...

— רופט זיי ארויף אהער!

— רופן איז א קליינעקייט, אויך אן עסק! נאר ווער וועט קומען? מען וועט מיך הערן ווי דעם רב! אפשר בעסער אראפגיין אין שלאפראק?

עס פאסט נישט, רבי, — רופט זיך אן דער משכיל, — דער סטראזש־ניק גייט ארום אין גאס!

— פון מיינעטוועגן, זאגט דער רב, איך וואלט געגאנגען; זאגט איר: ניין, איז ניין.

עס בלייבט דערביי, מיר זאלן אלע דריי ארויפרופן דעם עולם פון גאס דורכן פענצטער. מיטן פענצטער עפענען איז אבער נישט לייכט צו־געגאנגען. מען האט עס שוין א יאר פופצן נישט געעפנט. די שויבן זענען דורכגעברענט פון דער זון, דער קיט איז אויסגעדארט, און די שויבן ציטערן ביי יעדן טריט איבער דער פאדלאגע. די קוואטירן זענען געלעבערט פון האליץ־ווערים, צוגעקלעפט נאר מיטן ראסט (זשאווער) צו דער וואנט, עס איז נאך א ספק, אויב זיי האבן זאוויאסן.

עס איז אונדז דאך געראטן, מיר האבן איין זייט געעפנט, דערנאך די צווייטע און אן א שאדן, דער רב האט זיך אנידערגעשטעלט אין דער מיט, איך און דער משכיל פון ביידע זייטן, און מיר אלע דריי רופן.

דער מארק איז פול מיט מענטשן. אין א פאר מינוט ארום, איז שוין געווען אן עולם אין שטוב.

— רבותים, מאכט צו זיי דער רב; איך קען דעם מענטש...

מען וועט נישט שרייבן! האבן זיך אנגערופן עטלעכע קולות צוזאמען.

דער רב פארלירט באלד דעם קוראזש.

— נישט — נישט! מאַכט ער שטיל. דער משכיל איז אָבער דערווייל ארויף אויפן טיש און רופט:

חמורים! מען מוז שרייבן! דער טובת הכלל פאַרלאַנגט עס!

„לטובת הכלל” זאָגט ער, אז ער האָט מיט מיר „איבערגערעדט שוין דאָס גאַנצע פשטל”, אז עס איז נישט ווי ער האָט „קאַטאָוועס געט־ריבן”, אז איך האָב אים אפילו געוויזן בריוו פון רבנים!

— פון וועלכע רבנים? רופט מען פון אַלע זייטן.

—פון פאַריזער רב, האָט דער משכיל ווייטער געשפּינען אויפן הויכן קול, — פון פאַריזער רב — (קיין אנדערער פאַסט אים נישט), פון לאָנדאָנער...

— יידן, אחיים! — האָט אים עמעץ איבערגעהאַקט, — נישט אונדזערע לייט!

און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן ארויסשיטן אזוי געשווינד, ווי ער איז אָנגעקומען, געבליבן זענען מיר דריי און — דער שמש, וואָס האָט זיך צוגערוקט צו מיר —

— שענקט מיר עפּעס, מאַכט ער, פאַרן טאָג.

איך האָב אים געגעבן עטלעכע צענערלעך. ער האָט נישט איבערגע־ציילט, אריינגעוואָרפן אין קעשענע, און, נישט געזעגנט זיך, אוועקגעגאַנגען.

וואָס זאָגט א י ר , רבי? פרעג איך דעם רב.

— איך ווייס? איך האָב שטאַרק — שטאַרק מורא — עס זאָל מיר נישט שאַדטן...

— אייך?

— וועמען דען? דיר? זעסטו אַן עסק! וועסטו נ י ש ט מאַכן די סטאַטיסטיק, מען וועט זיך באַגיין אָן איר.. כי הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל!... איך מיין די שני זהובים א וואָך!

די רביצין מיט די גרויסע ברילן איז דערווייל אַפּיר פון הינטערן אויוון:

— איך האָב דיר לאַנג געזאָגט, מאַכט זי, דו זאָלסט זיך נישט אריינ־מישן אין קהלס זאַכן, נאָר דו פאָלגסט דען מיך? ווי קומט א ז ו י נ ס צו א רב, דיין דאגה, — קהל?

— נו, שטיל שוין, רביצין, שטילער, ענטפערט ער איר ווייך, זעסט דאָך, איך בין שוין אזוי, איך האָב א וו יי ך הארץ, עס באַרירט מיך — נאָר א שאָד די צוויי גילדן א וואָך!

ח.

פאַרצײלטע מעשות

„אבל וחפוי ראש" בין איך אראָפּגעגאַנגען פון רב מיטן משכיל צו־זאמען אין גאס אריין. מיר טרעפן דאָך דעם שמש אויפן וועג און דער פארזיכערט, אז, ווי אים זעט אויס, וועט מען קאָנען מאָרגן ווייטער שרייבן.

דעם גאנצן „טאראראם" האָבן אָנגעמאַכט צוויי אָפּגעקומענע באַלע־באַטים, וואָס זענען היינט, פאר גרויס דחקות נעבעך: איינער א טריפהנער שענקער און דער צווייטער א פ ע ר ד ם ־ ה ע נ ד ל ע ר . . .

דער משכיל, פון זיין זייט, זאָגט־מיר־צו צווישן מנחה ומעריב אי־בערצושמועסן „דאָס פשטל" מיטן עולם. און — „הייסט זיין נאָמען נישט שמערל" (אזא נאָמען האָט א משכיל אין טישיוויץ!) אויב ער וועט נישט „איבערקערן דאָס שטעטל".

— זיי מעגן זיך — זאָגט ער — אויף די קעפּ שטעלן, און שרייבן מוז מען! הפה שאסר הפה שהתיר!

גוט כאָטש, דער משכיל האָט אין א חדר געלערנט; אויף דער גרוי־סער וועלט טרעפן זיך נאָך אנדערע משכלים. —

איך גיי צוריק אויף דער סטאַנציע; דער שמש גייט מיט. ביי מיין באלעבאָס דעם אלמן איז נאָך א מנין געווען. צווישן מנחה ומעריב האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן פּאָליטיק, נאָך מעריב איז מען אראָפּ אויף יידן! דער רוב איז שרעקלעך אָפּטימיסטיש. ערשטנס מיינט מען נישט זיי, צווייטנס וועט מען זיך מיט „יענקלען" נישט קיין עצה געבן; שכל האָט ע ר ! דריטנס, גייט עס ווי א רעדל, אביסל ארויף אביסל אראָפּ, פערטנס — וועט גאָט העלפן, פינפטנס — וועלן גוטע יידן נישט דערלאָזן.

דאָס אלטע לידל!

— גלויבט מיר — שפּרינגט ארויס איינער מיט פליענדיקע קליינע אייגעלעך אונטער א קורצן שטערן, — גלויבט מיר, אז ווען עס זאָל זיין אחדות צווישן אלע גוטע יידן, זיי זאָלן זיך האלטן איינס, טאָקע יד־אחת און אויפהערן צו זאָגן תחנון, וואָלט משיח ג ע מ ו ז ט קומען.

— דער קאַזיניצער ז"ל האָט דאָך אויפגעהערט, פרעגט איינער.
— איין שוואַלב, ענטפערט דער יונגערמאַן, מאַכט קיין זומער נישט. ווער שמועסט, זיי זאָלן אַרויסגעבן אַן איסור אויף כלל ישראל!
אמאָל מוז מען זיך אַנטקעגנשטעלן! איינשפּאַרן זיך! — ווען זיי גיבן אַרויס אַן איסור — שפּעט עמעץ און וואַרפט אויף מיר אַן אויג, — וואָלטן די אפּיקורסים אָנגעהויבן באַדיי דאַווענען אַבי צו זאָגן תחנון! אַבי משיח זאָל נישט קומען!
דער עולם שמייכלט.
— וואָס קומט אָבער אַרויס — מיינט אַן אַנדערער — אַז די גרויסע האַלטן זיך נישט צוזאַמען...
דער עולם האָט אָפּגעקרעכצט.
געוויס האָט זיך יעדערער דערמאָנט, וויפל פּעטש ער האָט שוין גע־קריגן, וויפל צרות ער האָט שוין געהאַט דורך דעם נישט בייאַנאַנד האַלטן. און דער בעסטער סימן, אַז טישיוויץ האָט שטאַרק געליטן פון מחלוקת, איז דאָס, וואָס פון דעם רעדן איז שוין נישט אַרויסגעקומען קיין וויכוח וועגן דעם, ווער עס איז שולדיק, פאַרוואָס עס איז קיין שלום נישטאָ צווישן די גרויסע. מען האָט מורא פאַר אַ ניי מחלוקת.
איך האָב מיך אָנגערופן, אַז אינעם מחלוקת איז מער שולדיק דער דלות. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו האַנדלען, מען גייט ליידיק, זוכט מען זיך געשעפטן, זוכט מען נאָך עבירות, פּירט מען וויכוחים, אַ והא ראיה: אין גרעסערע שטעט, ווו יעדערער איז פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, איז שטיל.
— עס זאָל עמעץ — מיין איך — אַריינוואַרפן אין טישיוויץ אַ פּאָר טויזנט רובל, וואָלט מען פאַרגעסן אָן די אַלע זאַכן.
— אַ גרויסע זאַך עשירות, — רופט זיך אָן איינער, — איך זאָל גע־ווען האָבן אַט אַזוי גרויס, אַ נאָגל שכל, וואָלט איך היינט גאַנץ טישיוויץ אַריינגעשטעקט אין בוזעם... עס האָט זיך אין איין האָר געווענדט; איך האָב נאָר געדאַרפט וועלן.
— אמת, אמת! — האָט מען מעיד געווען אין אַלע זייטן, — אמת, אַ מעשה שהיה —
— מילא, המפורסם אין צריך ראיה.
דער ייד, וואָס עס האָט אים נאָר געפעלט „אַ נאָגל שכל" אָדער אַ פּיצעלע רצון, נתעשר צו ווערן, האָט אויסגעזען ווי דער דלות אַליין: דאַר,

געלב, צוזאַמענגעצויגן, אויסגעווייקט, און אין אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט נאָר אין טישיוויצער רבס שלאָפראָק איר גלייכן געהאַט.

אויף דעם איז אָנגעקומען דער משכיל.

— נאַטירלעך! האָט ער זיך צעלאַכט.

— ר' אליה — לאַכט ער — איר האָט אוודאי דאָס גרויסע געווינס אַ שעה פאַרן ציען פאַרקויפט.

— זע נאָר זיין לצנות, — מאַכט דער ר' אליה, גלייך ער געדענקט נישט די מעשה —

— אַזוי לאַנג קרענקט מיר נישט מיין קאָפּ — שווערט דער משכיל, ווי לאַנג איך האָב שוין פאַרגעסן, אויב איך האָב אַמאָל געהערט די ליגן —

— ליגן? באַליידיקט זיך ר' אליה — גלאַט אַזוי, ליגן?! נאָך אייך נאָך איז עפּעס אַנדערש אויך ליגן!

איך מיש מיך אריין און פרעג, וואָס די מעשה איז געווען.

— פון וואָרקער צדיק, זכרונו לברכה, האָט איר דאָך אוודאי געהערט? הייבט ר' אליה אָן.

— אוודאי!

— מן הסתם! פון אים האָט קינד און קייט געוווּסט! איר ווייסט, אַז צו אים פלעגן פאָרן נישט נאָר חסידי־אומות העולם, נאָר אפילו דייטש־לעך אויך; אפילו ליטוואַקעס, די צלם־קעפּ, אויך! אַזוי גרויס גאָלד זאָל איך האָבן, ווי גרויס ליטוואַקעס איך האָב דאָרטן געזען. עס איז אפילו אַ מעשה געווען מיט אַ תוספותל. אַ ליטוואַק מוז דאָך אומעטום ווייזן זיין חריפות, פרעגט ער ד אָ ר ט אַ תוספות אין נדרים, דער רבי, זכרונו לברכה, האָט אים אַמישנע פאַרטייטשט פאַרקערט. „ס'טייטש רבי, שפּרינגט דער ליטוואַק אַרויס, אַ תוספות אין ראש־השנה פון דער אייגענער סוגיא זאָגט דאָך בפירוש דעם היפך פון אייערע דבורים?״ מילא, וואָס קלערט איר — עס איז געווען אַ נס מן השמים, אַז אנשי שלומינו האָבן אים נישט גע־ממיתט אויפן אָרט. נאָר נישט אין דעם בין איך אויסן. געהאַנדלט האָט דער וואָרקער מיטן רבונו של עולם, כביכול, ווי מיט אַ גוטן ברודער:

— רבונו של עולם, — גיט ער זיך אַ שטעל אַנידער אין מיטן שטוב, — עס וואָלט שוין אפשר געווען גענוג צו מוטשען דיינע יידעלעך מיט היצן! זיי קאָנען נישט זיצן און לערנען!

מען האָט, אַפנים, עפּעס געענטפערט פון דאָרט.

— אַזוי! מאַכט ער, איז עפּעס אַנדערש! איך גיב דיר נאָך! ביי גוט

באַצאָלן איז אַלץ רעכט. נאָר רבונו של עולם! טאָמער אביסל אויף דער וועלט!...

מען האָט ווייטער אָנגעזען בחוש אין זיין פּנים, אַז ער הערט א תשובה און ענטפערט:

— מילא, נישט איז — נישט! דו ביסט קוראַנט, וועל׳מיר וואַרטן!

נאָר אין דעם בין איך אויך נישט אויסן. דער עיקר איז געווען פאַר סנדקאות. פאַר א סנדקאות איז ער שוין געווען שטאָל און אייזן; עס האָט נישט געהאָלפן קיין תירוץ. מען האָט שוין געוואַרט דאָרטן, און קוים האָט ער געגעבן א ווונק, איז באַלד מקוים געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אַז אײדער ער גייט צו סנדקאות, אַז ער דערמאָנט זיך נאָר אינעם מוהל־מעסער, איז ער שוין בבחינת פּחד, און דעריבער — „רצון יראיו יעשה״!

ער האָט זיך שטאַרק מצער געווען, וואָס מען איז דערפון געוואָרן געוויר גע־וואָרן. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט דעריבער שוין נישט לאַנג דאָ פירן, אַז ער וועט נתבקש ווערן בישיבה של מעלה. אנישט וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. עס האָט ג ע ד א ר פ ט צו זיין בסוד!

נאָר מען איז דערפון געוויר געוואָרן. איך אויך! איך אפילו פריער ווי אַנדערע, ווייל דער גבאי משה איז מיין ערשט ווייבס א לייבלעכער שוואָגער געווען... און טאַקע דער משה, וואָס האָט אויסגעפּלאַפּלט דעם סוד. דערפאַר האָט מען אים אפילו מעביר געווען אויף א האַלב יאָר; נאָר דער צער פון דעם ייד איז אַזוי גרויס געווען, אַז דער רבי האָט רחמנות געקריגן, און באַלד צוריקגעשטעלט על כנו. נאָר דאָס געהער אויך נישט צו דער זאַך.

געגנוג איך בין געוויר געוואָרן.

מילא — „וישמור הדבר בלבו״; איך האָב געוואַרט; איך וועל דאָך נישט גיין איבער א נאַרישקייט דולן דעם רבין דעם קאָפּ; איך וואַרט. דער־מאָלט האָב איך געווינט אינגאַנצן א מייל הינטער וואָרקע. מיין ערשט ווייב האָט געלעבט, און עס איז א י ר נישט שלעכט געגאַנגען: שווער אויסצוקומען איז אפילו געווען... נאָר — איך האָב פאַרדינט פון מיין שדכנות וואָס עס איז, און זי האָט אונדז מפרנס געווען פון דער שטעל. א חוץ „דרויב״, האָט זי נאָך קעסט געגעבן א פּאָר פּאָלק, — מיין עלטערער טאָכטער. דער אײדעם — א למדן מופלג! וואָס האָט מיר געפעלט?

ויהי היום, דער אײדעם איז אין גער, אין שטעטל איז יריד, און די טאָכטער גייט צו קינד. שווער — אַן ערשטלינג... ביילע־באַשע, אונדזער באָבע, קאָן זיך קיין עצה נישט געבן, און זי האָט שוין ווייען דעם דריטן

טאָג. עס העלפן נישט קיין טרוקענע, נישט קיין געהאַקטע באַנקעס, קיין אָדער־לאָזן, עס איז ביטער! און דאָ קריג איך אַ ידיעה, אַז דער רבי קומט אויף סנדקאות! וואָס קלערט איר? „ליהודים היתה אורה!" — מיר זענען אַלע דערפרייט געוואָרן! עס איז אין אונדז אַריין אַ נייע נשמה! מיר בעטן נאָר, גאָט זאָל זי דערהאַלטן נאָך אָנדערטהאַלבן טעג! וואָרום אַריינגע־לאָזט האָט מען ערשט פּונקט אַ שעה פאַרן סנדקאות! דאָ ווערט אָבער דערווייל ערגער און ערגער; עס ווערט סכנות־נפשות!

אַ פּאָר שעה פאַרן סנדקאות איז איר דאָך בעסער געוואָרן, אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט. זי איז צו זיך געקומען, געעפנט די אויגן, געטריבן די מוטער אויפן יריד, און מיך צוגערופן צום בעט!... אַ נאַרישע יידענע... אַ ל ע זענען אַזוי, פאַרן ה אָ ב ן זענען זיי בייז אויף אונדז... שמואליק — זאָגט זי — געפעלט איר נישט; ער איז איר קיינמאָל נישט געפעלן, זי האָט אים פון דער ערשטער שעה נישט געוואָלט! זי קאָן אים גאָרנישט ליידן, זי וויל בעסער שטאַרבן! זי האָט אמישנע אַרויסגעשיקט די מוטער, ווייל פאַר איר האָט זי מורא געהאַט! זי, עליה השלום, איז טאַקע אַ פייער געווען צו קינדער. ביים באַדעקנס, האָט זי זי געוואָלט פּאַטשן!

איך, פאַרשטייט זיך, גיב איר צו פאַרשטיין, אַז אַלע ווייבער זענען אַזוי; אַז טייל טוען אפילו נדרים, מיט די מאַנען נישט מער צו וווינען; אַז דעריבער איז טאַקע דער קרבן חטאת... טייל שווערן אפילו... נאָר — „אין אדם נתפס על צערו". און זי האַלט זיך אירס, זי געזעגנט זיך מיט מיר... זי דאַרף נישט, נישט קיין נדרים, נישט קיין שבועות, — שמייכלט זי, — „איך גיי — זאָגט זי — אויס ווי אַ ליכט!

מילא, הער איך זי עפּעס, אַז איך זע בחוש, אַז עס איז איר בעסער; זי איז צוריק ביים גאַנצן שכל. און עס איז נאָך אינגאַנצן אַ האַלבע שעה צו סנדקאות! זי איז גאָר, אויף נאמנות, שיין־חנוודיק געוואָרן!

איך זיץ ביים בעט, רעד מיט איר... די באָבע אפילו איז אוועקגע־גאַנגען; זי איז געגאַנגען קויפן אַ וויגל אויפן יריד, איך קוק אויפן זייגער, עס איז שוין צייט צו גיין, איך קוק אויף איר, — כאחד האדם! געזונט! דאָך גלוסט זיך מיר נישט פון איר אוועקצוגיין, זי איינע אַליין צו לאָזן. און איינע אַליין, כמעט אין דער גאַנצער שטאָט.

ביי אונדז — פאַרשטייט איר — איז יריד איין מאָל אין יאָר, און שטייט דריי טעג, און פון דעם האָט מען אַ גאַנץ יאָר פּרנסה. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז אפילו ביים רבין איז אויך קיינער נישט געווען; אַלע אויפן יריד.

נו, ווארט איך אביסל.

אין א האלבע שעה ארום איז אָבער ראפּטום ערגער געוואָרן. זי כאַפּט מיך אָן ביי דער האַנט, פאַלט אַרונטער אויפן קישן, מאַכט העוויות, שלעבט!

זי הויבט אָן פייפן... איך שריי, עס ענטפערט קיינער! פון מאַרק קומט אריין א גול, א גערויש פון טויזנטער מענטשן, נאָר מיך הערט נישט קיינער... צווישן אלפים מענטשן מיט פויערן, — ווי אין א מדבר! איך וויל אויסרייסן די האַנט... גיין עמעצן רופן, זי האַלט אָבער זי שטאַרק...

עס דויערט איין מינוט, צוויי, עס איז שוין באַלד שפּעט, דאָ איז ביטער — רייס איך פּאַרט אוים די האַנט און לויף גלייך אהין! — דער ברית איז געווען אין צווייטן עק שטאָט — איך פלי איבער וועגן, איבער קופּעס סחורות, איך פלי און פלי... עס דויערט מיר אַלץ צו לאַנג. געווען איז תמוז, און מיך האָט לויפנדיק געוואָרפן די קעלט... אָט, אָט, דערזע איך שוין צמחס הויז, ווו עס איז דער ברית... „לב אדם יודע מרת נפשו" — דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי'ן א גזלן: איך פ י ל , אז דאָרט איז יציאת נשמה. אָט, האָב איך שוין דאָס ערשטע פענצטער! איך וויל אויף דער טיר נישט ווארטן, איך וועל אויסהאַקן די שויבן און אריין. איך לויף גלייך צום פענצטער, איך זע, דער רבי איז טאַקע אין שטוב, ער גייט אַרום אויף און אָפּ, איך וועל אַריין ווי א גזלן! איך נעם צונויף די לעצטע כוחות... אין די אויערן קלינגט מיר: „טאַטעשי! טאַטעשי!"... איך שפּרינג —

דעם דערציילער האָט אָטעם פאַרפעלט. ער רוט זיך אָפּ, לאָזט אראָפּ די אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך דיקע טרערן געוויזן, און ענדיקט שטי־לערהייט מיט א צעבראָכן קול —

—עס איז אָבער נישט באַשערט געווען! — פאַרן פענצטער איז גע־ווען א בערגל מיסט מיט שטיינער — איך בין געפאַלן, און שיר־נישט האַלדז און לייב צעבראָכן... איך האָב נאָך עד היום א צייכן אויפן שטערן... אז מען האָט מיך אריינגעברענגט צום רבין, האָט ער שוין אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט...

אז איך בין אהיימגעקומען (ווי אזוי, ווייס איך נישט,) איז זי שוין געלעגן אויף דער ערד... אָדער זי איז אראָפּגעפאַלן ביים גוססען, אָדער איך האָב זי אראָפּגעשלעפּט ביים ארויסרייסן די האַנט...

דער עולם איז שטיל געוואָרן, עס האָט אונדז געדריקט א שטיין אויפן האַרץ, איין משכיל איז באַלד צו זיך געקומען —

— נו, — מאַכט ער — „ברוך דיין אמת!“, ווו איז דאָס עשירות!

דער דערציילער האָט זיך אויסגעווישט מיטן אַרבל די אויגן, א טרויעריקן שמייכל געגעבן און ווייטער פאַרציילט —

— יאָ... איך האָב אייך נאָר געוואָלט ווייזן, וואָס מען מיינט: נישט באַשערט. דערווייל האָט זיך געמאַכט צרות איבער צרות... מיין ווייב איז נפטר געוואָרן... די שטעל איז געגאַנגען לאיבוד... ביי א מאַנספּאַרשוין... איך בלייב מיטן דרויב אָן א שטיקל ברויט... האָב איך חתונה געהאַט... איך האָב אמישנע גענומען אן עלטערע יידענע! וואָרום, באמת, געמיינט האָב איך — א יידענע צו דער שטעל! איך האָב אָבער געהאַט א „מקח טעות“, וואָס א יאָר — א בן! דערווייל זענען אונדזערע ירידים אָפּגעפאַלן, און א גאַנץ יאָר איז די שטעל ווערט א „שישקע פּולוועך“... האָב איך מיך מיישב געווען: אַן עק זאָל עס האָבן! איך וועל אוועקלייגן דאָס שדכנות, ווערן אַן עושר, און זיצן און לערנען! אי ווי אַזוי ווערט מען אַן עושר? איך שרייב צו מיין געוועזענעם ווייבס שוואָגער, צום גבאי, אַז, למען־השם, ער זאָל מיר מודיע זיין, ווען עס וועט זיך מאַכן אַ סנדקאות.

עס איז נישט אוועק א חודש, קריג איך א שליח מיוחד, און לויף קיין וואַרקע. איך שטעל מיך אין ערגעץ נישט אָפּ, לויף גלייך צום רבין.

— און — א גרעסערער בארג מיסט? לאַכט דער משכיל. דער דער־ציילער שיקט אין זיין זייט א בליק ווי א שפּיז.

— דער וואָרקער צדיק, זי"ע, — זאָגט ער — האָט געהאַלטן פון טהרות, זיין גאַנצע עבודה איז געווען ט ה ר ו ת.

— זע נאָר, — מאַכט דער משכיל, — ווי ער קוקט אויף מיר! שיינער אייגער! אַז דו ביסט געקומען אהער, ווער האָט דיר געהאָלפן? א וואָרקער חסיד? אפשר דיין אייגענער פעטער, דער צדיק? אָדער איך? האָ? דו וואָלסט שוין לאַנג געפּגרט פאַר הונגער, ווען נישט איך!

און צו מיר זיך ווענדנדיק:

— און היינט מיינט איר, וואָס איז ער? מ ל מ ד ב יי מ יי נ ע קינדער, זאָל איך זיי אים היינט אוועקנעמען, בלייבט ער שטיין אָן פּרנסה — אָן א שטיקל ברויט אין פּיסק...

דער ייד שווייגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

דער משכיל ווערט מיר אַלע רגע עקעלער, כאָטש ער האָט מיר נאָך פריער מיט די אויגן א צייכן געגעבן, אַז ער האָט געפּועלט, און מיט די הענט געוויזן, אַז מאָרגן וועט מען שרייבן. איך דריי מיך איבער צום ייד:

— נו, נו, דערציילט ווייטער, ר' קרוב.

— זעט אליין, — מאַכט ער צום משכיל, — אונדזער „פאַרשרייבער", אויפן פּנים קוקנדיק, איז מער משכיל פון אייך, און חוזק מאַכט ער נישט... מען מעג זאָגן אַנדערש... דער רמב"ם, ז"ע, האָט אפילו אין כישוף, להבדיל, נישט געגלויבט... נאָר, ווי עס איז, ענטפערט מען ערנסט... א ייד דאַרף האָבן אַ ד ר ך . . . נאָר חוזק איז נישט מעשה... מעשה... ייד, עס כאַפּט אָן ביי דער לעבער!

— נו, נו! — מאַכט דער משכיל ווייבער, — שיט שוין אויס די רעשט.

— איך וועל שוין מקצר זיין — הויבט אָן דער אָרעמער ייד — איך קום אריין אָן א קוויטל, בעל־פּה... אפילו אָן א פּדיון... דעמאָלט ג יי ט נישט קיין פּדיון... פאַר סנדקאות איז ער בבחינת „לא יועל כל כופר", אזוי כלפּי מעלה, ווי כלפּי מטה... נאָר דאָס פּנים איז געווען שרעקלעך! הענט און פיס האָבן אונטער מיר געציטערט! איך שטיי און עפן נישט דאָס מויל. ער, זכותו יגן עלינו, מאַכט גרויסע שפּרייז אויף און אָפּ.

ראַפּטום דערזעט ער מיך, און גיט א געשריי, טאַקע ממש ווי א לייב.

— וואָס ווילסטו?

איך האָב מיך נאָך מער דערשראָקן און — קוים געענטפערט:

— עשירות!...

דער רבי האָט, אפּנים, נישט גוט דערהערט.

— עשירות? פרעגט ער, און דאָס קול איז געווען ווי פון א דונער.

— כאָטש... פּרנסה! ענטפער איך נאָך שטילער.

— וואָס, פּרנסה? שרייט ער ווייטער —

— כאָטש פאַר הונגער נישט שטאַרבן!

דער רבי לויפט אויף און אָפּ, און שטעלט זיך ראַפּטום אָפּ און פרעגט:

—וואָס נאָך?

איך האָב געמיינט — איך שטאַרב! דאַכט זיך מיר, (ווייס איך, מיר דאַכט זיך אזוי), אז נישט איך, נאָר עמעץ אַנדערש האָט מיר איבערגעדרייט די צונג! און זי האָט געענטפערט:

— יוסף זאָל זיין א למדן...

און שוין! — איך בין קוים לעבעדיק ארויס, און ער, ז"ע, איז די אַנדערע וואָך ניפטר געוואָרן...

נו? האָט עפּעס א סך געפעלט צו עשירות? א האָר! איך בין מיר אליין שולדיק! ווען איך שפּאַר מיך איין, האַלט מיך איינס — מילא!

— איז כאָטש — פרעג איך — אייער יוסף א למדן מופלג?

— ער וואָלט אוודאי געווען, — ענטפערט ער מיט א צעבראָכן לשון, — נאָר ער וויל נישט... אויף דעם איז שוין קיין רבי נישט פאראן... ער ווי ל נישט לערנען... טו עפעס!

— וואָס טויג מיר דאָרטן — פאלט דער משכיל אריין אין די רייד — דער „היוצא לנו מדברנו" איז: אז מען דארף נישט האָבן קיין מיסט אונטער די פענצטער; אז מען פועלט נישט אָן א פידיון, און דער עיקר — אז מען דארף פאר קיין רבין נישט מורא האָבן!

אין איין רגע איז דער בלאָס-געלער ייד פלאַמענדיק געוואָרן, די אויגן האָבן זיך אים אונטערגעצונדן, די געשטאלט האָט זיך אויסגעצויגן, און די שטוב האָט א הילך געטון פון צוויי פעטש, וואָס דער משכיל האָט געקריגן.

. . . .

איך האָב מורא, אז זיין ערשטע בקשה וועט אויך נישט דערפילט ווערן: ער וועט נאָך שטארבן פאר הונגער.

ט.

אַ ייִנגעלע?

דעם גאַסטהייזערס שיין חנעוודיק ייִנגעלע מיט די מיאוסע תנועהלעך, מיט די לעקעלעך פול מיט פעדערן, קען מיר אויסן קאָפּ נישט ארויס. אָדער ער שטייט מיר פאַר די אויגן מיט אַ סציפּיאָרעק אין האַנט און וויינט, און וויל דעם צוווייטן; אָדער איך הער אים ביי מנחה־מעריב זאָגן אַזוי קינדיש־וויינענדיק־ערנסט דעם קדיש, אַז עס כאַפּט מיך אָן ביים האַרץ.

ווען דער חסיד האָט דעם משכיל געפּאַטשט, איז דאָס קינד אַזוי בלאַס און גרין געוואָרן פאַר שרעק, אַז איך האָב אים אָנגענומען ביי דער האַנט און ארויסגעפירט פון שטוב.

— קום אַביסל שפּאַצירן!

— שפּאַצירן? שטאַמלט ער.

דאָס בלאַסע פּנים רויטלט זיך.

— דו שפּאַצירסט קיינמאָל נישט?

— היינט נישט. אַז די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, פלעגט זי מיך מיטנעמען שבת ויום־טוב שפּאַצירן... דער טאַטע — איר צו לענגערע יאָר — הייסט בעסער ארייַנקוקן אין אַ ספר.

דאָס איז שוין געווען אין לאַנגן איינפאָר־הויז; פון דער ווייטנס שימערט אַ רויטער „מגן־דוד” פון אַ לאַמטער ארויס. איך האָב זיין פּנים נישט געזען, נאָר זיין דאַר הענטל האָט אין מיינער געציטערט.

מיר זענען ארויס אין גאַס אריין.

דער הימל הענגט איבער טישיוויץ ווי אַ טונקל בלויער מונדיר מיט מאַט־זילבערנע קנעפּ. מיין מיט־שפּאַצירער האָט עס אוודאי אויסגעזען ווי אַ פּרוכת מיט זילבערנע פליטערלעך באַנייט. אים חלומט זיך אפשר אַזאַ בלוי־זיידן תפילין־בייטעלע מיט פליטערלעך; אין אַ יאָר פינף־זעקס וועט ער אפשר קריגן אַזאַ מתנה פון דער כלה.

ביינאכט זעט דאָס שטעטל גאָר אנדערש אויס. די קרום־און לאָמ־געבויגענע הייזלעך פארשווינדן אין דער „פּאָעטישער שטילער שוים פון דער נאכט”; און די פענצטער און שויבן־טירן זעען אויס ווי גרויסע פייערדיקע, פּורפּור־שטראַלנדיקע אויגן...

אויף די קוימען שטייען שוין אוודאי טעפּ מיט זידנדיקע וואסער צו קאַרטאָפל אָדער „קליסקעלעך מיט בעבערלעך”. לויט סטאַטיסטיק פאַלט אין טישיוויץ דורכשניטלעך 37 און א האלבער רובל אויף א קאָפּ א יאָר, לערך 10 קאָפּיקעס א טאָג. בארעכנט: מלמד־געלט, צווייערליי געפּעס, שבתים און ימים־טובים, א קרענק און א גוטן ייד — א חוץ בייזאכן... וועט איר פארשטיין, אז א יאיכל טרעפט זיך ביים קוימען זעלטן, אז די קליסקעלעך ווערן געמאכט פון רעציען־מעל אָן אן איי, און ווער ווייסט, אויב די קארטאָפל ווערן געשמאַלצן.

דאָך שטייען מאנכע הייזלעך שטאָק בלינד. דאָרט גייט א שטיקל טרוקן ברויט, מיט אָדער אָן א הערינג. און אפשר — קריאת־שמע אָן וויעטשערע... אין איינעם פון די הייזלעך מוז שטיין די אלמנה, וואָס דאַרף אזוי וויניק, און קלאַפּן זיך אין דארן הארץ־ברעטל אריין ביי דער לאנגער ווידוי... אפשר מעסט זי זיך אָן אירע תכריכים... דערמאָנט זיך אין אמאָ־ליקן, מיט א גאָלדענעם פּאַס באַזוימטן חופּה־קלייד, און פון די אלטע אויגן קאַפּעט אראָפּ א טרער, און זי שמייכלט דערביי אריין אין דער פינצ־טערער נאכט: וואָס דאַרף א יידענע?

מיין יתום האָט עפּעס אנדערש אין זין.

אונטערטאנצנדיק אויף א פיסל, רייסט ער ארויף דאָס קעפּל צו דער לבנה, וואָס שווימט נאַריש־אַריסטאָקראַטיש פון איין דרילע ארויס אין דער צווייטער אריין.

ער זיפצט. צי האָט ער געזען א שטערן פאַלן? — ניין:

— אוי — זאָגט ער — וואָלט איך געוואָלט, משיח זאָל קומען!

— וואָס איז?

— איך וויל, די לבנה זאָל שוין גרעסער ווערן! עס איז אויף איר אזא רחמנות! זי האָט טאַקע געזינדיקט, אָבער אזוי לאנג צו ליידן... עס גייט שוין דער אלף הששי...

אינגאנצן צוויי בקשות: פון טאַטן אויף דער ע ר ד — נאָך א סציפּיאָרעק, און פון פּאָטער אין ה י מ ל — די לבנה זאָל גרעסער ווערן!

עס כאַפּט מיך אָן א ווילדער חשק אים צו זאָגן: לאָז געמאַך! דיין היגער טאַטע וועט באַלד חתונה האָבן, דו וועסט באַלד א שטיפמאַמע

קריגן, אַ שטיפקינד ווערן, און וועסט וויינען אַ שטיקל ברויט! זיי מוחל דעם סציפּיאָרעק, פאַרגעס אויך די לבנה...

איך האָב מיך קוים איינגעהאַלטן.

מיר זענען ארויס פון טישיוויץ, דער פרילינג - אָטעם בלאָזט אויף אונדז פון גרינעם פעלד. ער שלעפּט מיך צו צו אַ בוים. מיר זעצן זיך.

דאָ — פאַלט מיר איין — האָט ער געמוזט זיצן מיט זיין מוטער. זי האָט אים געמוזט ווייזן, וואָס עס וואַקסט אויף די שמאָלע פּאַסן פון די מיעשטשאַנסקע פעלדער; ער דערקענט ווייץ: קאָרן, קאַרטאָפל.

— און דאָ וואַקסן דערנער! צי קיינער עסט קיין דערנער נישט?

— אייזלען, זאָגט מען, עסן דערנער!

פאַרוואָס — פרעגט ער — האָט גאָט באַשאַפן, יעדע בריאה זאָל עסן עפּעס אנדערש?!

— ער ווייסט נישט, אז ווען אַלע זאָלן גלייך עסן, וואָלטן אַלע גלייך געווען.

י.

דער יאַרציעווער רב

איז א מענטש מיט אלע, „וויגאַדים״, מיט אלעם גוטן. ער נעמט פיר רובל א וואָך און האָט כמעט די והותר! וואָס? „דזיאד ז׳באַבאָן״! ער איז פריער דיין געווען אין אַ גרעסערער שטאָט, אויך גענומען פיר רובל אַ וואָך, און האָט זיך משבת לשבת ביים הערינג כמעט די פינגער צעשניטן. ער רעכנט מיר אויס: אָנבייסן, ווייס איך, א ביסל מילך־גריץ, א האלב פונט פלייש צום וואַרעמעס. ביינאַכט א גלעזל וואַרעמס מיט נעבעכיקע בייגל, — איז שוין געווען עונג! נהרא נהרא ופשטיה, — דאָס וואַרעמס אין די גרויסע שטעט איז א דלות. אזוי איז מען אינגאַנצן פּטור פון קאָלדאָן... ער איז נישט קראַנק צו וואַרטן ביז וועטשערע. און אינדערפרי — אביסל באָרשטש. אזוי פירט מען זיך טאַקע אין יאַרציעוו און אזוי איז טאַקע גוט! דאָרט איז זייער שלעכט געווען. אים האָט עס אפילו נישט געאַרט, ער האָט גאָרנישט ל י ב קיין פלייש, אין דער וואָכן איז עס אַ „מאכל גס״, טאַקע אַ שווער מאַכל. אין דער וואָכן האָט ער ליב א ציבעלקע מיט אביסל פיצמיטאַנע. פיצמיטאַנע האָט ער ליבער אפילו ווי פּורימדיס קרויט, ער האָט שוין אזא טבע. „נאָר די רביצין, זי הערט דאָך נישט״ — שמייכלט ער אויף איר קוקנדיק — זי האָט עס אַמאָל פארדראָסן! א יידענע האָט קנאה! ווי הייסט? די שוחטקע האָט קישקע, און זי, די דיין׳טע — אַפילו קיין ביינדל! נישט אַ רציחה, הא? היינט בין איך אַלץ פּטור; אין יאַרציעוו, ברוך השם, עסט קינד און קייט פלייש — משבת לשבת, און אויך — שעפּסנס! און אַבי די רביצין האָט נישט וועמען מקנא צו זיין, איז אַלץ גוט.

— מקנא צו זיין! וואָרטשעט אריין די רביצין.

— איך ווייס, איך ווייס — לאַכט שטיל דעם רבס קליין גערונצלט קעפּל, בשעת דאָס ווייך־שפּיציקע בערדל ציטערט, און די אלטע אויגן ווערן פייכטער — איך ווייס, דיר איז נישט געגאַנגען אינעם זינדיקן גוף, נאָר

אין כבוד התורה... ס'טיטש א שוחט — יאָ, און א דיין — נישט! א דיין איז דאָך גרעסער ווי א שוחט! סיי ווי סיי, ה יי נ ט בין איך פּטור פון די אַלע זאַכן! — אז מען קוילעט גאַרנישט א גאַנצע וואָך.

נאָך צופרידענער איז ער פון דער פרישער לופט. אין דער גרויסער שטאָט פאַסט נישט פאַר באַלעבאַטים, נאָר גרויסע הייזער: אינמיטן וווינען רייכע באַלעבאַטים; אונטן אין קעלער, און אויבן אונטערן דאַך — אָרעמע לייט, און — פאַרשטייט זיך — די משעובדי־קהל.

זומער האָט עס אים געשטיקט... עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז די רביצין האָט אים אַוועקגענגבעט דאָס טאַבאַק־פּושקעלע, ער זאָל כאָטש קיין טאַבאַק נישט שמעקן. זי האָט עס אָבער געמוזט אָפּגעבן; אָן טאַבאַק איז ער גאָר אויס מענטש; ער קאָן אפילו ביי'ן א ספר אָן טאַבאַק נישט זיצן. אפילו ווען ער שמעקט נישט, מוז ער דאָס קאָרינע פּושקעלע דרייען אין דער האַנט ביים לערנען, און אפילו (ווי אַצינד) ביים רעדן, אַנישט פאַרלירט ער די מחשבות, איז ער מגמגם מיטן לשון.

מילא — וואָס קלערט איר — „אַז ער האָט דערזען יאַרציעוו מיטן גרויסן, מיט גראָז־באַוואַקסענעם מאַרק", האָט ער זיך געוואָלט לאָזן קלעז־מער שפּילן. „קלעזמער האָבן טאַקע געשפּילט", דעם טאָג איז גאַנץ ק ה ל אי ן ד ע ר ה יי ם ג ע וו ע ן, און מען איז אים אַנטקעגן גע־גאַנגען מיט קאַמאַראָווער מוזיק. אויך האָט ער זיך גאָר מחיה געווען מיט די פּיצעלעך הייזעלעך, טאַקע ווי קאָרענע טאַבאַק־שקעטעלעך, סאַמע היל־צערנע, איינס איז דאָ א געמויערטס, א גרויס, דאָס וואָס שטייט אינמיטן מאַרק, — איז עס דעם פּריצס. —

און היינט די טרעפּ, וואָס ער איז פּטור געוואָרן. ער איז בטבע א כשל־ברך, נאָך א יאָר וואָלט ער אָן פּיס געבליבן! און די מנוחה! שטיל! עס בילט נישט קיין הונט, און להבדיל, עס וואָיען נישט די קינדער. עס איז דאָ א דרייסיק קינדער, איז איבער זיי אפשר 6 מלמדים. האָט מען טאַקע אויף זיי השגחה, נישט ווי אין די גרויסע שטעט! וואָיען, יאָ! פּורים, חנוכה, אַזוי א יום־טוב! אַזוי אָבער — מען זאָל עס הערן א שאַרך!

און דער עיקר, האָט ער א ברכה פון זיין ליבן נאָמען — א שטעטל אָן מחלוקת! עס איז אפילו דאָ צוויי דריי חסידים מיט תכלת, — "גלויבט מיר, איך בעט פאַר זייער לעבן", וואָרום, חס־ושלום, איבער הונדערט יאָר, וועט זיך מאַכן אָן עסק מיט דער קבורה! אַזוי איז שטיל.

דאָס שטעטל איז סאַמע דאָרפס־גייער, אָדער „לייפער". אפילו די בעלי־מלאכות זיצן נישט אינדערהיים, און גייען אויף די דערפער ארבעטן.

אפילו דער פעלדשער לויפט ארום אין דער סביבה מיט די באנקעס. זונטיק אינדערפרי קענט איר טרעפן דעם גאנצן עולם, ווי ער שיט זיך ארויס פון די הינערנע הייזלעך. אונטער דער שטאָט טוט מען אויס די שטיוול, מען הענגט זיי אויף א שטעקן איבער די פּלייצעס, און מען צעלויפט זיך אין אלע זייטן. פרייטיק פארנאכט קומען זיי צוריק. אפילו דער שוחט גייט אמאָל אוועק אויף א גאנצע וואָך, — ווען האָט מען צייט צו פירן מחלוקת?

שבת און יום־טוב, איז אפילו עלול צו אזוינע זאכן, עס מאכט זיך אמאָל אן עסק, נאָר ווי! זיי זענען גאָרנישט געוווינט דערצו; עס גייט עפּעס אומגעלומפּערט. דער עולם איז שלעפעריק און מיד.

זיצט ער טאקע און לערנט.

„עס מאכט זיך אפילו (שמייכלט ער) אמאָל א שטיקל מחלוקת, נאָר — לשם־שמים! צווישן מיר מיטן שוחט. פארשטייט איר: א שאלה טרעפט זיך זייער זעלטן; א גאנצע וואָך גייט מילכיק געפעס, שבת — פליישיק געפעס, ביי איין קומען, בבית־אחת, שטייען זיי נישט! א שאלת־הריאה טרעפט זיך איינמאָל אין יאָר! נו, פאר דאָס, אז עס טרעפט זיך שוין, לאָזט מען זיך אַזוי עשירות נישט ארויס; ווארפט מען דורך גאנץ ש"ס, אלע פוסקים, און עס ווערט א מחלוקת. דער שוחט איז זייער איינגעשפּארט און פארקרענקט און האָט נאָך א טבע זיין בינטל חסרונים צו־לייגן אויף יענעמס פּלייצע; זאָגט ער, אז א י ד בין „איינגעשפּארט און פארקרענקט!".

לכתחילה האָט ער אפילו דאָ אויך ווילד צער געהאַט פון צוויי זאכן: פון די הייוון און — פונעם הייזל. „אלץ (שמייכלט ער) דורך דער רביצין". מיט די הייוון איז אזוי געווען די מעשה: ער האָט זיך משווה געווען מיט קהל פיר רובל א וואָך. אז דער פריערדיקער רב האָט באקו־מען פיר רובל א וואָך מ י ט ד י ה י י ו ו ן, האָט מען פון אים מעלים געווען, און גאָרנישט.

נאָר דעם ערשטן שבת־הגדול האָט ער געהאלטן גאָר א גרויסן דרוש איבער חמץ בפסח. די שטאָט איז גאָר אויסער זיך געוואָרן. „א גוטע זאך שמעקט יעדן, אפילו אן עם־הארץ דאורייתא". איך זאָג, אז עס קומט פון דעם, וואָס אלע נשמות זענען געווען ביים בארג סיני, און דאָרטן איז געווען „כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש"! דעריבער, אפילו ווען די נשמה האָט שוין פארגעסן, דערשמעקט זי דאָך, אז דאָס איז עפּעס פון יענע זאכן... און טאקע באלד חול־המועד האָט מיר די שטאָט אליין צו־

געגעבן די הייזן. באותו הרגע האָב איך ביי מיר געפילט אביסל גאווה, און זיין ליבער נאָמען האָט מיך טאקע באלד געשטראָפט דערפאר.

איך האָב געהאט צרות פון די הייזן. א גאנצע וואָך האָב איך גע־האט דין־תורות צווישן די באַלעבאָסטעס מיט דער רביצין: דער איז די חלה געווען צו הארט, דער — צו שווער, דער איז די חלה אָפּרינדיק גע־וואָרן. מען האָט זי חושד געווען, אז זי גיסט אריין וואסער. וויים איך? איך האָב נישט געזען און זי זאָגט: ניין.

מילא, עס איז דאָך נאריש, איך וועל דאָך דער רביצין קיין דין־תורה נישט פסקענען, מאַך איך פשרות. קומט מען פרייטיק, טויש איך אוים אויף מיינע קוילישן, א גאנצע וואָך גיב איך צו אביסל הייזן אויף קליסקעלעך. הכלל — צרות־צרורות! געלויבט איז גאָט, עס האָט א שניידער געברענגט געפּרעסטע הייזן! אוים פּונדוש! אַן עק!

מיטן הייזל ווייטער איז א[illegible] געווען:

ער האָט באַמערקט, אז די ר[illegible]צין מאַכט זיך א קניפּל. מילא, מאַכט זי — מאַכט זי; זיין דאגה. די קי[illegible]ער נ[illegible] עס אפילו גוט, נו, וויל זי אפשר אַן איניקל א מתנה קויפן; זאָל [illegible] אפילו האַלט נישט דערפון, נאָר מיט א יידענע פירט ער קיין מלח[illegible]ט. אפשר, טראַכט ער, מיינט זי עפּעס אנדערש. „איך [illegible] נישט [illegible]געדט זאָל עס זיין, א סך גרייטן זיך אָן אויף שפּ[illegible]... ווייס [illegible] א י ך זאָג: „ברוך השם יום־יום!", אז מען וועט [illegible]ערן, [illegible] זיין תכריכים! נאָר ער מישט זיך נישט אריין!

די הייזן זענען נאָך דעמאָלט געגאַנגען, און, קורץ און בקיצור, „איינמאָל דערציילט מען מיר אין בית־המדרש א מעשה! באשר־בכן, די רביצין האָט געקויפט אביסל געהילץ! איך קום אהיים, אמת! זי האָט שוין אפילו באַשטעלט בעלי־מלאכות, זי הייבט אָן בויען א הייזל! וואָס איז? זי וויל נישט וווינען קאַמאָרינע!" ע ר ה אָ ט ז י ך ו ו י י ט ע ר נ י ש ט ג ע מ י ש ט, — ז אָ ל ז י ב ו י ע ן! און זי האָט אויפ־געבויט, זי האָט זיך אריינגעצויגן, ער — האָט נאָר איבערגעטראָגן זיין ש"ס. —

„נו, בין איך באַלעבאָס אויך!"

איז אים אָבער זייער ווייט געווען צום בית־המדרש.

„לא־עליכם, אויף דער עלטער זענען מיר שוואַך געוואָרן די פים. אינדערהיים קיין ספרים האָב איך נישט. אין בית־המדרש ווייטער איז א חרם, נישט ארויסצוגעבן קיין ספר. נישט נאָר דעם רב, קיין ראש־הקהל

אפילו נישט. מאכט זיך א שאלה, האָב איך מיר נישט מיט וואָס די הענט צו צעפּירן, איך האָב געליטן צער דערפון"!

— „וואָס טוט גאָט? מאכט זיך א שריפהלע, עס זענען אָפּגעברענט געוואָרן עטלעכע הייזער, מיינם אויך! געלויבט איז גאָט! די באַלעבאַטים האָבן קיין גרויסן היזק נישט געהאַט, זיי זענען געווען „סעקעריערט"; איך אוודאי נישט — קהל האָט מיר, ווי איר זעט, אָפּגעצוימט א שטיקל „בית־המדרש!".

יא.

לאַשציאָוו

אין א טונקעלער זומער־נאַכט, צווישן 11 און 12, בין איך אָנגעקומען קיין לאַשציאָוו. ווייטער א מארק, אַרומגע־צוימט מיט געבויטע און געמויערטע הייזלעך. אין מיטן מאַרק ליגן אָנגעוואָרפענע ווייסע שטיינער. איך פאָר צו נענטער, — די שטיינער רירן זיך, קריגן הערנער; עס ווערט פון זיי א מאַסע הערלעך־ווייסע ציגן.

די ציגן זענען געשייטער פאַר טישיוויצער קהל; זיי דערשרעקן זיך נישט. איינער אָדער צוויי אינגאַנצן האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, באַטראַכט אונדז שלעפעריק, און ווייטער זיך גענומען צום קאַרגן גראָז אין גאַס און צום קראַצן איינס דאָס אַנדערע!

גליקלעכע ציגן! עס מאַכט אויף איך קיינער קיין בילבולים נישט, איר ברויכט זיך נישט שרעקן פאַר סטאַטיסטיקער. אמת — מען קוילעט איך, נו וואָס? ווער שטאַרבט נישט פאַר דער צייט? יסורים — האָט איר זיכער ווייניקער!

איך דערמאַן מיך, וואָס מען האָט מיר אין טישיוויץ געזאָגט: אין לאַשציאָוו וועט איך בעסער און געשווינדער גיין, רואיקע באַלעבאַטים, שטילע, עס וועט איך קיינער נישט נאָכלויפן".

קהל און די ציגן זענען אוים אַ זיווג צו זיין; איינס אין דאָס אַנ־דערע געראָטן.

דאָך מיין גאַסט־הייזער, מיינס אַן אַלטער באַקאַנטער, מאַכט מיר אַביסל שווער דאָס האַרץ, עס איז נישט, זאָגט ער, אַזוי לייכט ווי מען מיינט.

— און וואָס וועט איר טון, — פרעגט ער, — איר וועט אַרומגיין מבית לבית?!

— ווי דען?
— הלוואי זאָל מען אייך ענטפערן א גוט וואָרט!
— פאר וואָס נישט?
— א ייד האָט פיינט, מען זאָל אים עפענען און ציילן די קאסע.
— וואָס איז, די ברכה וועט נישט אריין?
— ניין, דאָס נישט, נאָר די קללה — דער קרעדיט וועט ארוים.

יב.

די ערשטע פּרווו

אינדערפרי, נאָך איידער דער שמש איז געקומען, זענען שוין גע־וועזן ביי מיר עטלעכע יידן; זיי ווילן זען דעם פאַרשרייבער. מיין שם פאָרט פ אַ ר מיר.

איך מאַך אַ פּרווו און ווענד זיך צו איינעם.

— גוט־מאָרגן, ר׳ קרוב.

— גוט־מאָרגן, שלום־עליכם!

ער דערלאנגט מיר גאַנץ פויל די האַנט.

— ווי הייסט איר, ר׳ קרוב?

— לוי־יצחק.

— און אויפן דייטשן נאָמען?

— וואָס דאַרפט איר צו וויסן?

— וואָס, א סוד איז עס?

— אַ סוד צי נישט א סוד, נאָר איר מעגט מיר זאָגן, נאָך וואָס איר דאַרפט וויסן... דאָס איז דאָך אוודאי קיין סוד נישט!

— איר ווייסט דען נישט?

— נישט אַקוראַט...

— און ווי איז אייער „מכוח שטוים”?

— „בערנפּעלץ”, — ענטפערט ער אַביסל פאַרשעמט.

— אַ ווייב?

— עט!

— וואָס הייסט „עט”?

— ער וויל זיך גטן! — ענטפערט פאַר אים אַן אַנדערער.

— וויפל קינדער?

ער מוז זיך מיישב זיין, און ציילט אויף די פינגער: פון ערשטן

ווייב, מיינע — איינס, צוויי, דריי; אירע — איינס, צוויי — פון צווייטן ווייב...

עס ווערט אים דאָך נמאס צו ציילן —

— נו, זאָל זיין זעקס!

— „זאָל זיין" טויג נישט, איך דאַרף וויסן אַקוראַט!

— זעט איר, אַט דער „אַקוראַט" איז נישט פּראָסט! אַ ק ו ר אַ ט!

וואָס דאַרפט איר וויסן אַקוראַט? וואָס איז, אַ טשינאָווניק זענט איר? מ'צאָלט אייך דערפאַר? עס וועט אייך עמעץ נאָכפאָרן און קאָנטראָלירן? אַ־ק ו־ר אַ ט!

— זאָג, בהמה, זאָג! — מונטערן די רעשט. האָסט אָנגעהויבן — זאָג!

זיי ווילן וויסן, וואָס פאַר אַ שאלות עס וועט אַלץ זיין.

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעציילט אויף די פינגער און עס איז געוואָרן, ב"ה, דריי מער.

— ניין קינדער, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין.

— וויפל זין און וויפל טעכטער?

ער האָט נאָכאַמאָל געציילט:

— פיר זין און פינף טעכטער.

— וויפל זין און וויפל טעכטער האָט איר אויסגעגעבן?

— דאָס דאַרפט איר אויך וויסן? זאָגט מיר פאַרט, נאָך וואָס?

— זאָג שוין, זאָג! — רופט דער עולם אומגעדולדיקער —

— דריי טעכטער און צוויי זין, — ענטפערט עמעץ פאַרן געפרעגטן —

— טאקע? — מאַכט דער געפרעגטער, — און שראַליק?

— ער האָט דאָך נאָך נישט חתונה געהאַט!

— ביסט אַ פערד! מע רופט אים דעם שבת אויף! וואָס מאַכט אוים אנדערהאלבן וואָכן? —

איך פאַרשרייב און פרעג ווייטער:

— געדינט אין מיליטער האָט איר?

— אַ באַצאָלטער, 400 רובל! ווו נעם איך זיי היינט! קרעכצט ער.

— און די זין?

— דער עלטערער האָט אַ גולע אונטערן רעכטן אויג, און איז, לאַ־עליכם, נאָך אביסל געבראָכט... אָפּגעלעגן איז ער אין דריי שפּיטעלער, געקאָסט האָט מער ווי אַ חתונה! און מע האָט אים קוים פון פּאָלק אהיימגעשיקט! דער צווייטער האָט אַ וויבאָר, דער דריטער דינט —

— און דאָס ווייב?

— מן־הסתם איז זי ביי מ י ר! וואָס איז די שאלה?

— זי האָט דאָך געקענט זיין ביי א י ר פאָטער!

— א קבצן!

— א הויז האָט איר?

— ווי דען!

— וויפל איז עס ווערט?

— עס זאָל שטיין אין זאַמושטש וואָלט עס ווערט געווען, הי איז עס נישט ווערט א דרייער, טיליע וואָס איך האָב א דירה.

— פאר 100 רובל וואָלט איר עס פארקויפט?

— חס־ושלום! א נחלה?! פאר 300 אויך נישט, זעט איר — 500 רובל! מאַ! וואָלט איך מיר געדונגען א שטיבל, געמאכט א שטיקל עסק...

— און אזוי וואָס איז אייער געשעפט?

— ווער האָט א געשעפט?

— פון וואָס לעבט איר?

— ד אָ ס מיינט איר?! מע לעבט!

— פון וואנען?

— פון השם־יתברך! אז ער גיט, האָט מען!

— ער וואַרפט דאָך נישט פון הימל אראָפּ!

—ער וואַרפט טאַקע! איך ווייס, פון וואנען איך לעב? אָט, מאכט א חשבון: איך דאַרף א הון — 4 רובל א וואָך אוודאי! פון הויז האָב איך, אחוץ מיין דירה, א רובל 12 הכנסה; גייט אראָפּ 9 רובל פּאָדאַטעק, א 5 רובל אויף רעפּאַראַציע, בלייבט — א לאָך אין קעשענע אויף 2 רובל א יאָר אוודאי!

ער פאַלט אריין אין גדלות:

— קיין געלט, ברוך־השם, האָב איך נישט! נישט איך, נישט די אַלע יידן, וואָס שטייען דאָ, נישט אַלע יידן! אויסער, אפשר, די דייטשן פון די גרויסע שטעט... מ י ר האָבן נישט קיין געלט! קיין מלאכה קען איך נישט, מיין זיידע האָט קיין שטיוול נישט געניייט! פונדעסטוועגן, אז השם־יתברך וויל, לעב איך; און לעב שוין אזוי א יאָר עטלעכע פופ־ציק! און — דאַרף מען א קינד חתונה מאכן, מאכט מען חתונה, טאַנצט מען אין דער בלאָטע!

— הכלל, וואָס זענט איר?

— א ייד!

— וואָס טוט איר גאַנצע טעג?

— איך לערן, איך דאַוון... וואָס טוט אַ ייד?! אַז איך עס אָפּ, גיי איך אין מאַרק אַריין...

— וואָס טוט איר אין מאַרק?

— וואָס איך טו? וואָס עס לאָזט זיך! אָט, נעכטן, למשל, האָב איך, דורכגייענדיק, געהערט, אַז יונה באַריק וויל קויפן, פון אַ פּריצס וועגן, 3 טריקעס; פאַרטאָג בין איך שוין ביים צווייטן פּריץ, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט צופיל טריקעס! האָב איך געמאַכט מיט יונה באַריק יחדיוו, און האָבן, ברוך השם, פאַרדינט צו אַנדערהאַלבן קערבל־שטיק!

— זענט איר, הייסט עס, אַ מעקלער?

— איך ווייס? אַמאָל פאַלט מיר איין, קויף איך גאָר אַ קערצל תבואה!

— אַמאָל?

— וואָס הייסט אַמאָל? אַז איך האָב דאָס קערבל, קויף איך.

— און אַז נישט?

— שאַף איך מיר אַ קערבל!

— ווי אַזוי?

— ווי הייסט ווי אַזוי?

און עס דויערט אַ שטונדע, איידער איך ווער געוואָר, אַז לוי־יצחק בערנפּעלץ איז אַ שטיקל דיין און זיצט אין בוררות, אַ שטיקל מעקלער, אַ חלק סוחר, אַ פּיצל שדכן, אַמאָל, פאַלט אים איין, גייט ער גאָר אין שליחות.

און פון די אַלע אויסגערעכנטע און פאַרגעסענע „מלאכות" פאַר־דינט ער, כאָטש בדוחק־גדול, זיין ברויט פאַר ווייב און קינד! אפילו פאַר דער אויסגעגעבענער טאָכטער, ווייל איר שווער איז ג אָ ר אַ קבצן!

יג.

די צווייטע פּרוּוו

מען פירט מיך אין אַ געוועלבל אַריין.
עטלעכע פּעקלעך זאַפּאַלקעס, עטלעכע פידעלעך פּאַפּיראָסן; נאָדלען, שפּילקעס, האָרנאָדלען, קנעפּלעך, געלער, גרינער זייף! עטלעכע שטיקלעך היימיש־געמלאָכהטער שמעקעדיקער זייף... אַביסל בשׂבים, און נאָך קלייניקייטן.... אַ צושפּרינג: ביים טיש ליגט אַן אַלטע סאָכע, דאָס איז שוין אַ ביי־געשעפט.

— ווער וווינט דאָ? — פרעג איך.

— איר זעט דאָך! — ענטפערט מיר אַ יידענע און קעמט ווייטער אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען. וואָס האָט דערווייל אַפּירגעכאַפּט דאָס קעפּל פון אונטערן קעמל, און באַקוקט מיט גרויסע פאַרחידושטע אויגן דעם גוי, וואָס רעדט יידיש!

— לייגסט צוריק דעם קאָפּ! חצופה! — שרייט די מוטער.

— ווי הייסט אייער מאַן? — פרעג איך.

— משה!

— אויפן דייטשן נאָמען?

— זיין נאָמען זאָל אהיימקומען! — שעלט זי פּלוצים — פיר שעה איז ער געגאַנגען אָפּנעמען ביי דער שכנות אַ טעפּל.

— הער אויף צו פיסקעווען — מאַכט דער שמש, — זאָג, וואָס מען פרעגט דיך —

פאַרן שמש האָט זי מורא, ער איז שמש און סאָלטים צוזאַמען. ער נעמט צונויף די פּאָדאַטקעס און איז, אחוץ דעם, אַ חשוב ביים וואָיט:

— ווער פיסקעוועט? ווען? וואָס? אויף מיין מאַן טאָר איך אויך קיין וואָרט נישט רעדן?

— ווי הייסט ער אויפן דייטשן נאָמען? — פרעג איך נאָכאַמאָל.

דער שמש אַליין האָט זיך דערמאָנט און זאָגט מיר: „יונגפרייד”.

— וויפל קינדער האָט איר?

— איך בעט אייך זייער, ר׳ קרוב, קומט שפּעטער, ווען מיין מאַן וועט זיין; דאָס איז זיין זאַך! איך האָב אויף מיין קאָפּ דאָס געוועלב מיט דער שטוב, מיט זעקס קינדער לאַבוסעס... טשעפּעט איר אייך באַטש אָפּ פון מיר!

איך פאַרשרייב דערווייל: זעקס קינדער, און פרעג, וויפל זי האָט פון זיי אויסגעגעבן.

— אויסגעגעבן! הלוואי וואָלט איך אויסגעגעבן, וואָלטן מיר ווייניקער גראָע האָר געוואַקסן! ס׳וואַקסט ביזן גראָען צאָפּ אריין.

— איר האָט סאַמע מיידלעך?

— דריי יונגען אויך!

— וואָס טוען זיי?

— וואָס זאָלן זיי טון? צרות טוען זיי מיר אָן! זיי האָבן אָפּגעגעסן מיילער!

— פאַרוואָס לערנט איר זיי נישט קיין מלאכה?

זי פאַרציט די נאָז, וואַרפט א בייזן בליק און וויל מער נישט ענטפערן.

איך פאַל אויף א המצאה, קויף ביי איר א פּעקל פּאַפּיראָסן, זי ווערט אביסל בעסער אויפן פנים, און איך פרעג.

— וויפל פאַרדינט אייער מאַן?

— ער? ער פאַרדינט! מע קאָן זיך דען מיט אים באַהעלפן, נאָך א טעפּל צו א שכנות שיקן? אסור חזיר, ער זוימט שוין פיר שעה! איך וועל דען עסן היינט וואַרמעס דורך אים?

זי איז ווייטער אריין אין אזאַרט; איך האָב געמוזט אָפּטרעטן און כאַפּן דעם מאַן אין גאַס; איך האָב אים דערקענט, ער האָט געטראָגן א טעפּל.

יד.

אין שוחטס הויז

פון שוחטס הייזל לויפן מיר אקעגן פארשידענע געמישטע קולות. א גבור א האן שרייט זיין קוקוריקו מיט גאווה, גלייך עס וואלט קיין חלף אויף דער וועלט נישט געווען. טרויעריק דאקעגן מעקעט א צוגעבונדן קעלבל; עס ליידט, אפנים, הונגער... פאר דאס, צווישן די לאטעס, אונטערן הויכן, געלעכערטן דאך, ציפטשען הונדערטער פייגל, — זיי האבן פליגל און לאכן אויסן שוחט! זומער איז, די לופט איז פול מיט ווערימלעך; מענטשן, אפילו די ארעמסטע, די קארג־סטע, לאזן איבער קרישקעלעך... ציפ־ציפ־ציפ, ציפ־ציפ־ציפ! אויסגעבעט איז די נעסט; אויסגעצירט מיט גלאנצנדיקע פארבן דער „ער", סקראמ־נע און שטיל די „זי", און די קינדערלעך זענען זאט! עס איז זיי ווארעם און — אין ערגעץ נישט פארשריבן...

פרעגט זיי אבער בחרם, וואס מען מיינט „מום בקדשים"? מיט דער שאלה באשעפטיקן זיך צוויי יונגעלייט, בארוועסע, אין יארמול־קעס, אויסגעטון ביז די טלתים־קטנים.

די יונגעלייט זענען נאר פסול צו רעווידירן פאטענטן, סחורה אויף דער קאמער, אבער קעלבער צום מזבח — פראנק און פריי.

ווען גאט האט די וועלט צעטיילט; דער פויער האט זיך גענומען די ערד, דער פישער — דעם טייך, דער יעגער — דעם וואלד, דער גערט־נער — די פרוכט־ביימער, דער סוחר — די מאס און די וואג, און אזוי ווייטער, האט דער פאעט געוויילט אין א וועלדל. די נאכטיגאל האט אים געטרילערט, די ביימער — איינגערוימט אלערליי וואלד־קלאטשערייען... און די אויגן , די פאעטישע אויגן, האבן זיך נישט געקענט אפרייסן פון דער וועשינס קניען ביים טייך און דער קיאנקע אין אירע הענט, און ער האט אלץ פארשפעטיקט! אז ער איז געקומען, איז שוין די וועלט פאר־טיילט געווען. ביי גאט איז פונזיינעטוועגן מער נישט געבליבן ווי —

וואָלקן, רעגנבויגן, ראָסע און זומער־פייגל. צוריקצווועגס האָט ער אפילו שוין די וועשן נישט געטראָפן, זי האָט זיך געשטעלט ערגעץ פאַר אַן אָם...

— האָסט פאַנטאַזיע, באַשאַף דיר וועלטן אַליין! — האָט אים גאָט געזאָגט.

און מען האָט מקנא געווען דעם פּאָעט, זיין וועלט איז די בעסטע! דער פויער באַאַרבעט זיין ערד מיט נויט און שווייס. דער פישער גייט אויך נישט ליידיק; ווינטער דורכצובערעכן איז איז נישט קיין גוטע זאַך. דער יעגער ווערט מיד פון לויפן און יאָגן. פון וואַלד־עפּל מאַכן זיך „פּאַננעס" נישט אַזוי גרינג!... דער סוחר אפילו מוז עפּעס טון, כאָטש פעלשן מאָס און וואָג, — אַניט שטאַרבט ער פאַר הונגער. א י י ן פּאָעט, וואָס ליגט אויפן בויך און שאַפט זיך וועלטן!

עס איז אָבער אַ טעות געווען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין נשמה איז נאָר אַ קאַמאַרא־אָבסקורא, און די גרויסע וועלט מיט אירע גרויסע בלאָטעס פאָטאָגראַפירן זיך אָפּ אין איר! כל־זמן דער חזיר וויסט זיין אָרט, איז נאָך צו דערליידן! קוים אָבער זעצט ער זיך אויבנאָן... ווערט דעם פּאָעטס וועלט אויך חזריש ווי אונדזערע...

מקנא צו זיין בלייבט נאָר אונזערע יונגע לייט: דעם שוחטס זון מיטן שוחטס איידעם. אין דער וועלט פון „מום בקדשים" שלאָגט זיך אונ־דזער וועלט מיט די חזרים אירע נישט אָפּ, צווישן ז י י ע ר וועלט און א ו נ ד ז ע ר וועלט איז גאָר קיין שייכות, קיין בריק, קיין צוזאַ־מענהאַנג נישטאָ.

און דעריבער, אַז איך בין געקומען פון א ו נ ד ז ע ר וועלט אויף י ע נ ע וועלט, ווערן די גמרות פאַרמאַכט, און אויף די יונגע פּנימער האָט זיך באַוויזן שרעק און וווּנדער; ווי זיי וואָלטן דערזען עמעצן פון אַן אַנדערער וועלט.

דער שוחט איז נישט אין דער היים, ער איז געגאַנגען אין דאָרף אַריין — דעריבער בלעקט נאָך דאָס קאַלב אין הויז. די שוחטקע האָט איר שניט־קרעמל.

די שנור און די טאָכטער שטייען ביים קוימען דרייפּאַכיק רויט. ערשטנס פאַר נחת פון די מענער מיט זייער תורה; צווייטנס פון דעם קנאַקעדיקן פייער; און דריטנס — פאַר בושה פאַר אַ פרעמדן מאַנספּער־שוין, און אַ דייטש דערצו. איינע האָט געכאַפּט אַ שפּיץ פאַרטעך אין מויל אַריין, די צווייטע האָט זיך אָפּגערוקט, גלייך זי וואָלט אויסגעגאַנגען

קדושה;ביידע קוקן אויף מיר פאַרוווּנדערט פון אונטער קורצע שטערנס אונטער האָר־בענדלעך פון געפלאָכטענע פעדעם.

די יונגע לייט זענען דאָך באַלד צו זיך געקומען. זיי האָבן שוין גע־הערט פונעם „פאַרשרייבער", געשטויסן זיך, אַז איך בין עס!

דאָס פאַרשרייבן גייט צו געשווינד.

דער שוחט נעמט פיר רובל אַ וואָך, אַחוץ, וואָס ער פאַרדינט אין דאָרף; ווען נישט „שחיטת־חוץ", וואָלט ער גאָר געלויכטן. דאָס געוועלבל מאַכט ווייניק, דאָך — אַ באַרער שטענדיקער גראָשן. פּרנסה, ב"ה, איז דאָ! די קינדער זענען פאַרזאָרגט: ביז הונדערט יאָר עסן זיי קעסט; פלייש ביים שוחט פעלט נישט! א י ב ע ר הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן זיי נעמען ירושה: איינער די חזקה אויף שחיטה, דער צווייטער — דאָס געוועלבל. דאָס הייזל וועט בלייבן בשותפות!

זיי זעען בעסער אויס, ווי אַלע אין שטעטל. בעסער פאַר סוחרים, באַלעבאַטים, בעלי־מלאכות... אפילו פאַר די שענקער מיטן פעלדשער צו־זאַמען.

עס וועט נאָך קומען אַ צייט — טראַכט איך אַרויסגייענדיק — ווען מלמדות אפילו וועט זיין איינע פון די בעסטע פּרנסות...

עס איז דאָ נישט אַזוי שלעכט ווי מען מיינט. אַחוץ רבנות, שחיטה, שמשות און מלמדות, איז דאָ נ אָ ך אַ גוטע פּרנסה.

ביים שוחט אין הויז וווינט אַ „קאַמאַרניצאַ"; זי צאָלט פופצן רובל אַ יאָר. די טיר איז צוגעשלאָסן, דורכן פענצטער, וואָס גייט אין גאַס אַריין, זע איך דאָך אַ גאַנץ שיין שטיבל. צוויי הויכפאַרבעטע בעטן מיט ווייסע קישנס, הילצערנע רויטגעפאַרבטע כלי־בית, אויף דער וואַנט, נעבן קוימען, הענגען קופּערנע כלים. עס בלאַנקט אַ מעשענער הענגל־לייכטער. דאָס שטיבל איז פול מיט רחבות און באַלעבאַטישקייט.

— זי האָט זילבער אויך, — זאָגט מען מיר, — איך זע אַ גרויסן קאַסטן מיט מעש־בלעך באַשלאָגן; דאָרט מוזן זיין בענטש־לייכטער, אפשר צירונג אויך.

— ו ו אָ ס קלערט איר, — זאָגט מען, — זי האָט אַ מטמון מיט געלט; דאָס גאַנצע שטעטל ליגט ביי איר אין קעשענע! זי איז אַן אַלמנה מיט דריי יתומים. אַ גאַנצע וואָך איז די דירה געשלאָסן, ווייל זי קומט אַהיים משבת־לשבת, אויסער שבת־חזון. אַ גאַנצע וואָך איז זי אין די סביבות און בעטלט מיט אַלע דריי קינדער.

טו.

די סקולער רביצין

„אסתר המלכה איז געווען גרין, נאָר אַ פּאָדעם ליטזעליקייט איז איר געווען אויסגעגאָסן אויפן פּנים". אסתר די סקולער רביצין איז אויך גרין; אָבער נישט איין פּאָדעם חסד, נאָר אַ גאַנץ בונט ליטזעליקע שטראַלן ליגט אויף איר פּנים. אַן אַלטע יידענע, אַ דאַרע; דאָס קעפּל איבערגע־צויגן מיט אַן איינגעשרומפּענעם דין־רויזיקן הייטל, הוידעט זיך, ווי אַ הדר אַן אתרוג, איבערן רויטן ברוסט־טיכל. נאָר ד ע ר אתרוג האָט צוויי ערנסט, גוטע אויגן!

זי איז אַ היגע געבוירענע, וווינט איינע אַ ל י י ן. אַלע קינדער האָט זי אויסגעגעבן אין פאַרשידענע שטעט אַריין; נאָר זיין ביי זיי, וויל זי נישט מכמה טעמים! פאַר שנירן און איידעמס קאָן מען נישט ערוב זיין; און אַ מאַן האַלט פאַרן ווייב, אַ ווייב — פאַרן מאַן. (נישט אומ־זיסט זאָגט די הייליקע תורה: „על כן יעזוב": עס ווערט טאַקע איין פליש). — וויל זי זיי נישט מעביר זיין אויף „כיבוד־אם"; דאָס איז אַן אמתער: „לפני עור לא תתן מכשול".

— „גאָט, ב"ה, — זאָגט זי, — האָט אמישנע באַשאַפן אַזוי דעם מענטש, אַז ער זאָל נישט זען דעם נאָענטסטנס פעלער, אנישט וואָלט גע־ווען אַזוי פיל גטן ווי כתובות!"

צווייטנס — האָט דער סקולער רב נישט איינמאָל געזאָגט, אַז אַן אַלמנה, וואָס קומט אָן צו אירע קינדער, איז אַ טאָפּעלע עגונה, און — „דעם סקולער רבס ווערטער דאַרף מען איינפאַסן אין גאָלד און טראָגן אויפן האַלדז פאַר אַן אויבל!".

— אמת, — זאָגט זי מיט אַ שטילן זיפץ, — היינט טראָגט מען שוין נישט קיין אויבל, פאַלשע פּערל זענען שענער!

אין סקול האָט זי נישט געקאָנט בלייבן. זייט דער סקולער רב, איר

מאַן, עליו־השלום, איז געשטאָרבן, איז איר די שטאָט נמאס ומאוס גע־וואָרן

— טאַקע, — זאָגט זי, — פּנה הודה, פּנה זיוה, פּנה הדרה.

זי פאָרט אַהין איין מאָל אין יאָר, אויף דער יאָרצייט. נאָר זי קאָן זיך דאָרט לאַנג נישט אויפהאַלטן — „ א פּוסטקע געוואָרן"!

פערציק יאָר האָט זי געוווינט מיטן סקולער רב. די, וואָס האָבן אים געקענט, זאָגן, אַז זי איז געוואָרן ע ר אויסן אויג.

— ע ר איז געווען, — ער זאָל מיר עס מוחל זיין! — אַ מתנגד; האַלט ז י נישט פון גוטע יידן. זיין „עבודה" איז געווען תורה, פשוט — „נגלה", זיצט זי שטענדיק ביים „צאינה־וראינה", אָדער לערנט דעם שלחן־ערוך אויף עברי־טייטש! אַלע צוויי ווערטער פאַרופט זי זיך אויפן סקולער רב, און — זיין קול, זיינע תנועות, זיינע מנהגים.

נאָך דעם סקולער רבס קידוש און הבדלה, וויל זי קיין אַנדערנס ברכות נישט הערן; מאַכט זי זיך אַליין קידוש והבדלה, איבער חלות אָדער ראָזשינקע־וויין. און א י ר קידוש איז ז יי ן קידוש אויסן אויג; דער אייגענער שטילער, באַלעבאַטישער ניגון, מיט דער אייגענער מתיקות.

זי עסט „גלאַט־כשר", און איז אַ גרויסע מלומדת.

זי קען אוודאי שאלות פסקענען אויך! זי איז אוודאי געשטאַנען פערציק יאָר נאָכאַנאַנד ביים קוימען, איבערגעדרייט מיטן גוטן פּנים צום טיש, ווו דער מאַן איז געזעסן און געלערנט; מיט די טויבן־אויגן האָט זי איינגעזאַפּט יעדע תנועה זיינע; מיט די האַלב־באַהאַלטענע אויגן אונטערן שטערן־טיכל — זיין יעדעס וואָרט... זי איז געווען אַן אמתער „עזר כנגדו"; זיין יעדער געדאַנק האָט זיך דעריבער אָפּגעשלאָגן אין איר מוח, און זיין גוטסקייט — אין איר האַרץ.

אַ טייך ליגט שוין הונדערטער יאָרן אין אַן אַנדער געלעגער, און אַלע באַוועגונגען פון זיינע פאַליעס זענען נאָך אויסגעקריצט אויפן פעלדזן פון איבער דעם ערשטן געלעגער. דעם סקולער רבס לעבן האָט געקענט דרואיקער זיין פון אַ טייך, נאָר די רביצין איז פאַר אים קיין פעלדזן נישט געווען. גיכער אַ שוואָם, וואָס האָט אין זיך אַלץ אַריינגעצויגן.

פון דער היינטיקער וועלט איז זי נישט צופרידן. „נישט פרום, — זאָל זיך דער רבונו של עולם זאָרגן... אַז זיינע יידעלעך פירן זיך אַזוי... נאָר — אָן אַ ת כ ל י ת : די טייערסטע שטאָפן זענען שפּינוועבס, אויך נייט מען נישט ווי אַמאָל, פריער צעשניידט מען אויף קליינעס!"

— פון קיין פ ר ו כ ת וועל איך שוין נישט רעדן, נאָר מען קען אפילו קיין קינד קיין בגד דערפון נישט מאכן. די פּאַרצייטישע אויבלען וועֶרן אַלע מאָל טייערער, אַ שטערנטיכל האָט אַן אייביקן ווערט, אַפילו פון אַ ברוסט־טוך קען מען אויסטעפּען די פּעדעם אויף זילבער און גאָלד, נאָר פון פאַלשע פּערל און דזשעטן קען מען שוין גאָרנישט מאכן.

— און, גלייבט מיר, אַז ס׳איז אַ סך מיאוסער, על־כל־פּנים — אין מיינע אויגן!

קיין שנאה טראָגט זי דאָך קיינעם נישט נאָך.

— מיין מאַן, דער סקולער רב, זכרונו־לברכה, איז אַ מתנגד געווען, און קיינמאָל נישט גערודפט קיין חסידים, חס־ושלום!

זי געדענקט, אַז די באַלעבאַטים זענען אַמאָל געקומען שרייען, אַז מען איז עובר זמן קריאת־שמע — האָט זי געהערט פון זיין אייגן „פּה־קדוש” אַזאַ תשובה: עס זענען פאַראַנען, — האָט ער זיי געזאָגט, — פאַרשידענע חיילות, האָבן זיי פאַרשידן כלי־זיין, אַנדערע מינהגים, נאָר אַלע דינען א י י ן מ ל כ ו ת. אַפילו שטיוול, — האָט ער צוגעגעבן מיט זיין שמייכעלע — מאַכט מען אויך נישט אויף איין קאָפּיטע.

זי געדענקט אַלע זיינע ווערטלעך, און פירט זיך לויט זיינע דעות.

ער פלעגט זיך שטאַרק בייזערן, אויב אַ בעל־מלכה האָט זיך פאַר אים אויפגעשטעלט; ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון נהנה מיגיע כפּו! און דעריבער, אַז זי איז אַהערגעקומען מיט אירע עטלעכע הונדערט גילדן, האָט זי זיך באַלד פאַרלייגט אַ פאַבריק פון פּאַטאַש.

— אַ יידענע — זאָגט זי — איז נישט פּטור פון דעם; עס איז נישט קיין „מצוות עשה שהזמן גרמא”. דערנאָך האָט מען איר די פּאָר זהובים ב א ה א ל ט ן, און זי איז געבליבן ביים פּאַטאַש א ל י י ן.

— עס וואָלט — זאָגט זי מיר — קיין שלעכטער מסחר נישט געווען, איך לייז, ברוך־השם... פּאָר ימים־טובים אַפילו 2 — 3 רובל אַ וואָך! וואָרן — געלויבט איז זיין ליבער נאָמען — מיין פּאַטאַש האָט אַ שם אין די סביבות, נאָר — היינטיקע צייטן, אַלץ ג י י ט אויף באָרג... ווערט מיר אַמאָל פאַרפאַלן.

איך קוק מיך אום אין אַלע זייטן; איך זע נישט קיין כלים, קיין זאַכן צו דער מלאכה.

— דערצו — גיט זי מיר צו פאַרשטיין — דאַרף מען גאָרנישט: מען נעמט אַביסל זאַלע (אַש פון קוימען), קאַרטאָפל, און אַנדערע געוויקסן, מען צעאַרבעט אין וואַסער, לאָזט אויספּאַרען, און מען שטעלט

אויספרייען צום קוימען. פון דעם קומט ארוים אומריינער פּאַטאַש; און — אז מען טוט נאָכאַמאָל דאָס אייגענע, ווערט שוין דערפון „ליטער", דאָס הייסט, ריינער פּאַטאַש"!

ביי מיין אַוועקגיין, פרעגט זי מיך אַביסל פארשעמט און באַזאָרגט:

— זאָגט נאָר, איך בעט איבער אייער כבוד, און אז אייערע כתבים וועלן קומען אין די גרויסע הענט אריין, וועט מען מיך נישט הייסן נעמען א פּאַטענט?

טז.

אַסעקורירט

א רואיק־שטילע זומער־נאַכט. אין עק הימל שוואַרצט זיך דאָס באַרימטע וועלדל; אויף זיינע ביימער האָבן עס אונדזערע עלטערן אויסגעשניטן די מסכתות, אויף וועלכער זיי האָבן געמאַכט אַ סיום אין וועג. דאָ נישט ווייט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. דער „ראש־הגולה" האָט געזאָגט: פּה־לין! און פון דעמאָלט אָן הייסט דאָס לאַנד פּוילין; די אומות־העולם קענען אָבער נישט אויסלייגן!

אויך האָט דאָס וועלדל אַ קורצן וועג קיין ירושלים. און — עס איז געווען אַמאָל אַ ציג, ביי איינעם פון די ל"ו צדיקים, און די ציג האָט גע־קענט דעם וועג; זי פלעגט אַלע טאָג לויפן זיך פּאַשען צום הר־הבית, און צוריקומען מיט דריי טעפּ מילך פאַרן צדיקס וועגן.

רעכטס פונעם וואַלד, ביי'ן אַ טייכל, ליגט דאָס שטעטל. עס איז גע־טיילט אויף צוויי חלקים. איין חלק איז אַ לאַנגע שנור — אַ גראַדע, ברוי־קירטע גאַס מיט געמויערטע הייזער, אונטער בלעכענע דעכער, — סאַ־מע גשמיות, צוגעקאָוועט צו דער ערד מיט פונדאַמענטן. די איינוווינער פון דער גאַס זענען זיכער, אַז זיי וועלן דאָ לעבן און שטאַרבן; אַז, ווען עס זאָלן קומען אַלע ווינטן פון דער וועלט, וועלן זיי זיך נישט רירן פונעם אָרט.

דערנאָך גייט ערשט דאָס צווייטע טייל. גאָר אַן אַ נ ד ע ר ע וועלט; סאַמע רוחניות: לייכטע הינערנע הייזער, דורכאויס סאָסנע און שטרוי, זעלטן אַ שינדל־דאַך. עס בלאָזט אַ קליין ווינטל — ואיננו... צי האָפן די איינוווינער צו געפינען דעם קורצן וועג, און זוכן, ווי די אומ־שטערבלעכע ציג, דעם הר־הבית, אָדער זיי שפּעקולירן אויף אַ פ יי ע ר ק אַ ס ע?

און ווי ענלעך די הייזלעך זענען צו די איינוווינער! אויך שמאָל־

ברוסטיק, פארטונקלטע פענצטער־אויגן, איינגעהויקערטע אונטער א פאר־רוקטן שטרויענעם ספאָדעק.

פון די סכות קרייען ארוים העגער, קוואַקען הינער און גענדז גענ־גען. פון זומפּ, וואָס לעקט מיט שבעים לשונות די שוועלן, קוואַקען באַ־לעבאַטיש די פרעש. נישט זעלטן מישט זיך אריין א יידיש קעלבל מיט א בלעק, און א גוישער הונט ענטפערט אים פון דער לאַנגער גאַס.

באַלד אינדערפרי וועל איך אָנהייבן פארשרייבן.

איך ווייס פריער, וואָס עס וועט זיין: אויב נישט 36 רובל א יאָר, וועט ארוים 33 און 32... איך וועל געפינען א סך מלאכות און ווייניק ברכות; פאבריקן פון פּאָטאַש, א סך ליידיקע שטובן... דער שמש וועט מיר אויסרעכענען: ער איז א לייפער, זי — א פּשעקופּקאַ; צוויי מיידלעך דינען, אין לובלין, אין זאמאָשטש... איין בחור איז א בעלפער, דער אנ־דערער דינט, און די שנור מיט 3—4—5 קינדער איז אהיימגעפאָרן צו איר פּאָטער־און־מוטער...

איך וועל טרעפן פארלאָזטע קינדער, וואָס באָדן זיך צוזאמען מיט גענדז און ענטן אין עק זומפּ; פּיצלעך־דרויב, וואָס רייסט זיך די העלדז־לעך — אין וויג, קראנקע אָן הילף אין די בעטן, קעסט־קינדער ביי גמרות, יונגע ווייבלעך אין פּעלענע שייטלעך מ י ט בושה און אָ ן בושה... קוים מאַך איך צו די אויגן, שווימען פאר מיר דורך סאַמע מאַטע, גרינע, בלאַסע, פארקרומטע צורות... זעלטן איינע שמייכלט. זעלטן איינע מיט א חן־גריבל... אַלע מענער אזוי ווייניק מעניש, אזוי גולמעוואַטע... וווייב־לעך מיט פארטריפטע אויגן, טראַגנדיק — א מולטער אויבס, א זאַק ציר־בעלעס, אָדער א פרישן „אתה בחרתנו" מיט א זאַק ציבעלעס צוזאמען. — איך ווייס פאָרויס, אז איך וועל טרעפן א טריפהנע שענק, צוויי־דריי פערד־גנבים, און מער ווי צוויי־דריי פּאַסירער...

נאָר וואָס וועט זיין פון דער סטאַטיסטיק? צי קען זי ענטפערן אויף דער פראַגע: אויף וויפל ליידיקע מאָגנס, ליידיקע ציין; אויף וויפל מענטשן, וואָס א שטיקל דאַר ברויט ציט זיי די אויגן ווי מיט צוואַנגען אוים די לעבער ארוים; אויף וויפל מענטשן, וואָס זענען באמת געשטאָרבן פאר הונגער — עס פאַלט אוים א טריפהנע שענק, א גנב און א פערדס־גנב?

די געלערנטע מעדיצין האָט דערפונדן א מאַשין, וואָס פארשרייבט דעם דופק, דאָס הארצקלאַפּן; די נאַרישע סטאַטיסטיק שפּילט זיך מיט ציפערן.

צי ווייסט זי, וויפל מאָל און — יעדעם מאָל — ווי טיף און ווי

שטארק דאָס הארץ האָט געקלעמט ביי'ן אַ שפּאַנישן מיוחסעם אייניקל, דעם תבואת־שורס אַ זון, אָדער אַזוי אַ באַלעבאָס, איידער ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָפּגעטון, וואָס נישט רעכט איז? און ווי לאַנג עס האָט דער־נאָכטן געבלוטיקט?? צי ציילט זי כאָטש די פריער און שפּעטער נישט געשלאָפענע נעכט? צי רעכנט זי, וויפל טעג הונגער, וויפל מאָל די קינ־דער האָבן זיך געוואָרפן אין קראמף, וויפל מאָל די הענט און פיס האָט געוואָרפן דאָס פיבער ביים ערשטן אָנגיסן אַ גלעזל בראָנפן אָן אַ פּאַטענט?

אין דער לײדיקער לופט שווימען פאַר מיר ארוים געלע, בלאַסע און בלויע פּנימער, און ברוין־בלויע פאַרברענטע ליפּן — ליספּעלן:

— 24 טעג אויף מיין קוימען קיין פייער נישט געווען.

— 10 טעג דורכאַנאַנד האָבן מיר געגעסן שאָלן פון קאַרטאָפל.

— דריי זענען געשטאָרבן אָן אַ דאָקטאָר, אָן אַ רעצעפּט; דאָס פערטע האָב איך שוין געמוזט ראַטעווען.

די הייזעריקע ווערטער שניידן מיר דאָס הארץ, ווי אַ שטומפּיק מע־סער; איך אַנטלויף פון פענצטער, ביי וועלכן איך בין געשטאַנען; אָבער די שטוב איז פול מיט געשפּענסטער.

ביים אויוון שטייט אַ רויטער ייד, אַן אָנגעפּרעסענער —

— כי, כי! — לאַכט ער, — גנבענען, קויפן אַ גנבה? אויך אַ גע־שעפט! לכל־הפּחות אַ חודש זיצן! — און אַ חודש וואָלט איך היזק גע־האַט אַ מטמון... אויף מיר וועלן אַלע פּריצים עדות זאָגן... ערלעך! ערלעך!

דאָס קול איז נאָך ערגער; עס זעגט... איך וואַרף מיך אויפן בעט, איך פאַרמאַך די אויגן, און עס באַווייזט זיך מיר די אַלטע גוטע סקולער רביצן.

— אָבער, — מאַכט זי מיט איר קינדיש זילבערן קול, — אָבער, אַז אויב נאָך אַלעס, וועט זיך אַרויסווייזן נישטקשהדיק, — ווערסטו, קינד מיינס, זאָגן פּרק: ועמך כלם צדיקים ? . . .

עס דאַכט זיך מיר, אַז אירע בלויע, גוטע, טויבענע אויגן גלעטן מיין הייסן שטערן מיט פאַרכישופט־ליכטיק־זיסע, לייטזעליקע שטראַלן.

אונטער די אויגן בין איך איינגעשלאָפן, און ביידע מלאכים, דער יצר־טוב מיטן יצר־הרע, האָבן זיך מיר געחלומט. איך האָב זיי געזען, ווי זיי פליען אַראָפּ פאַרטאָג פון הימל, איינגעהילט אין אַ רויזיקן לייכטן נעפל.

דער יצר־הרע האָט געטראָגן אין איין האַנט — אַ בלוי פּאַפּיר מיט אַ גרויס שוואַרץ אויג אין דער הייך פון דער לינקער זייט, — אַן אַקט, אוודאי אויף אַ הויז, אפשר אַ גוט... אחוץ טייערע קליידער, שטריימלעך,

קאפּטאַנעס מיט סטראָקעס, זײַדענע גאַרטלען, ווי אויך צילינדער און פּרעק, ווי פּאָר איינעם. אויך: שטערנטיכלעך, אויבלען, ברוסט־טיכער פון גינ־גאָלד, העלדזער־פּערל, ווי אויך — זײַדענע און אַטלאַסענע שלעפּן פון אַלערליי קאָלירן, — דאָס אַלץ אין איין האַנט, און אין דער צווייטער: שאָלן פון קאַרטאָפל...

דער יצר־טוב — נאַקעט און בלויז, אָן קליידער און אָן כלים, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַשאַפן...

ביידע פליען. עס דאַכט זיך מיר, דער יצר־טוב וויל מיר עפּעס זאָגן, ער עפנט דאָס מײַלעכל... אָבער נישט ז י י ן קול וועקט מיך אויף, נאָר אַ ווילד געשריי: עס ברענט! איך שפּרינג אויף. אַ שריפה פונקט קעגנאיבער!

אַ פייערדיקע צונג שטרעקט זיך אויס צו מיר, און זי, דאַכט זיך, זאָגט:

— שרעק נישט... אַסעקורירט!

יז.

דער נשרף

די פייערדיקע צונג האָט מיר ארויסגעשטרעקט ר' חיים ווייצענזאנגס הויז. וואָס אמאָל ווערט די צונג גרעסער, דאָס הויז קלענער, ביז עס איז אינגאנצן איינגעפאלן אין א ים פון יללות און געשריי פאר שרעק. צום גליק איז קיין ווינט בשעת־שריפה נישט געווען.

אַז פון הינטערן באָד איז ארויס די זון, א רויט־חנעוודיקע, ווי א יונגע צדיקת נאָך טבילה, האָט זי שוין מער נישט געזען, ווי שוואַרצע, לאַנגע מענער־קעפּ מיט שטעקעלעך צווישן די גלאָווניעס. זיי זוכן „שיריים" פון ווייצענזאַנגס עשירות, צווישן די „שיריים" פון ווייצענזאַנגס הויז.

אַרום הייזל שטייען שוין רעדלעך געלע ווייבער, זיי האַלטן זיך צו מיט די „אָפּגעגאָסענע נעגל" די ברודיקע שאַלן איבער די אומגעוואשענע קעפּ. און מיט בלאַסע ליפּן באַקרעכצן זיי און באַוויינען דאָס הויז.

מיטן מאָרגן איז אָנגעקומען א פריש ווינטל. פריער וואָלט עס זיך די הענט צעפּירט, אַצינד שאָקלט עס קוים מיטן איבערגעבליבענעם אלטן קוימען, ווי מיט א לולב איבער די ווייבער. דער קוימען שאָקלט זיך און קרעכצט טרויעריק, ווי אַן אלמן — אַן אָבל. און אפשר הערט ער, ווי דער גאסט־הייזער פארציילט מיר דעם „חורבן־הבית", און שאָקלט־צו מיטן קאָפּ: אמת, אמת!

. . . .

געשווינדער וועסטו אמאָל אויפקלויבן יעדן פאָדעם, יעדן שטויב פון לעבן, פון וועלכע דער שר של שינה האָט דיר אויסגעוועבט א פאַנטאַסטישן חלום, איידער דו וועסט נישט אויסזוכן אַלע מעשים, וואָס א ייד מוז טון, איידער זיין אויער דערהערט דעם זיסן קלאַנג פון קופּערנעם גראָשן.

איך זאָל וועלן אַלץ פארשרייבן, וואָלט א שטעטל געדאַרפט האָבן

א בלאנקעט, ווי די „יריעה מיט די זילבערנע פליטערלעך", וואס דער רבונו של עולם האט אויסגעשפרייט צווישן „רגלי השכינה" און אונדזער קעפ, כדי די אויגן פון א בשר־ודם זאלן נישט זען, וואס פאר א מינע ער, כביכול, מאכט, ווען אזא מטופל שטעלט זיך אנידער, הייבט אויף דעם קאפ מיטן אויסגעברענטן מוח, פארלאשענע אויגן און ציטעריקן גארגל, און, צוהאלטנדיק דעם לײדיקן, איינגעצווייגענעם מאגן מיט אויסגעקנאקטע, דארבייניקע הענט — און ער בעט אן א קול, אן א לשון — די צונג וויל זיך נישט איבערדרייען — נאר דאס ב ל ו ט זיינס רופט: „רבונו של עולם", א י ך ה א ב מ י י נ ס געטון, אצינד מוזטו שוין העלפן! — „רבונו של עולם"! פ ר נ ס נ י כעורב... וואס בין איך ערגער פונעם פויגל?... רבונו של עולם, ווו זענען מיינע קרישקעלעך? ווען וועט זיין מ י י ן ש ב ת ־ ש י ר ה?"

און, לויטן לייב, וואס ער האט אויף זיך, איז ער גאנץ ענלעך צו'ן א פויגל; עס פעלט אים נאר פ ל י ג ל, און דעריבער אויך — א נעסט מיט קרישקעלעך...

פאר דאס זענען אמאל די יידישע פרנסות אזוי ספעציאליזירט, אז זייער גלייכן וועט זיין אין 21־סטן יארהונדערט, ווען א י י ן ספעציאליסט וועט אויפהייבן די אויבערשטע ברעם, דער צ ו ו י י ט ע ר — אראפדריקן די אונטערשטע און א דריטער וועט באטראכטן דאס קראנקע אויג.

ווען א קאלבס־בראטן, א שמאטע אין א פאבריק פון פאפיר, אדער אן עקספארטירט איי — זאלן האבן א מויל צו רעדן און דעם רבין ר' העשלם זיכרון, וואלטן זיי דאך נישט אימשטאנד געווען אויסצורעכענען, וויפל יידישע הענט עס האבן זיי ארויסגעצויגן און אריינגעפירט, — פון פויערס אבארע אין בראט־פאן, פון מיסטקאסטן אין האלענדער אריין, מעבדות לחירות...

און א יידישע פרנסה איז אויך אזא לייטער, ווי יעקב־אבינו האט געזען אין חלום, בשעת ווען פון אלע שטיינער איז פאר זיין קאפ א י י ן שטיין געווארן. א לייטער, וואס שטייט אויף דער ערד און גרייכט ביזן הימל אריין.

ווי טיף זי איז איינגעגראבן אין דער ערד, ווייסט נאר דער ווארעם, וואס ליגט א ו נ ט ע ר אירע פיס; ווי הויך זי שטייט — נאר ד ע ר שטערן, וואס לייכט א י ב ע ר איר.

אונדזער איינעם שווינדלט, ארויפקוקנדיק, פאר די אויגן, אראפ־

קוקנדיק אַלץ טיפער און טיפער — דרייען זיך איבער די גערערים, און דאָס פּנים ווערט אויף אייביק גרין.

אויף דער לייטער גייען מלאכים ארויף און אראָפּ... מענטשן, לייי־דער, קלעטערן מיט די לעצטע כוחות אַרויף און פּאַלן אָן כוח אראָפּ. אַ ייד, ווען אפילו ער ברעכט נישט האלדז און נאַקן, ווען ער בענטשט שוין גומל, האָט ער שוין אויך נישט קיין כוח נאָכאַמאָל צו קלעטערן...

אויף אַזאַ לייטער איז געקראָכן אונדזער נשרף.

פריער איז ער „געלאָפן" אויפן דאָרף, אונטער די באָרוועסע פיס האָט אים די ערד געברענט. דעם קין קלינגט נישט דעם ברודערס בלוט אין די אויערן, נאָר ווייב און קינדס געשריי: עסן!

גאָט האָט געהאָלפן; אַ פּאָר יאָר דורכאַנאַנד האָט ער סאַמע מציאות געקויפט; נאָך אַ משך פון אַ פּאָר יאָר — אַוואַנסירט פון אַ „לויפער" אויף אַ „גייער": אין דער היים איז שוין דאָ פּאָרראַט אויף אַ גאַנצע וואָך, דער מוח איז רואיקער, און האָט שוין צייט צו פילן, אַז די פיס ווערן גע־שוואָלן, אַז אַ טאַטע פון זעקס קינדער דאַרף גיין, נישט לויפן, אויב ער וויל, אַז די פיס זאָלן אים דערטראָגן על־כל־פנים ביז צו אייניקלס בר־מצווה...

און גאָט ב"ה האָט ווייטער געהאָלפן; ער איז שוין, ברוך־השם, אַ דאָרף־סוחר! דאָס הייסט: ער גייט שוין צו פוס נאָר דעמאָלט, ווען עס מאַכט זיך אים נישט קיין געלעגנהייט: פון איין דאָרף אין צווייטן אַריין פאָר אַ קאָפּיקע. מאַכט זיך אָבער אים אַ געלעגנהייט — פאָרט ער.

גאָט, ברוך־הוא, האָט ווייטער געהאָלפן; נאָך אַ פּאָר יאָר, און ער האָט שוין זיין אייגענע פערד־און־בידקע!

און די צייט שטייט נישט, ער רוט נישט, גאָט, ברוך־הוא, העלפט, — פון פערד ווערט אַ פּאָר פערד, פון דער בידקע — אַ בריטשקע. עס קומט נאָך צו'ן אַ שמייסער! ער איז שוין תבואה־סוחר; פריער האַנדלט ער מיט פּויערים, דערנאָך — מיט פּריצים!

און אַז גאָט העלפט, קריגט מען חן ביי לייט: פריער ביים גומיענני, דערנאָך ביים עקאָנאָם, דערנאָך ביים רזאָנדצע, דערנאָך ביים לאָקיי פון הויף, און גאָר צום סוף ביים כראַביע פּ. אַליין. אָה! דעמאָלט ווערט ער שוין אַ תושב, — אַן „איינגעזעסענער" אין שטעטל. פון שמייסער ווערט אַ היימישער משרת, פערד און וואָגן פּאַרקויפט, און אין קעשענע ליגן דעם כראַביע פּ.'ס קוויטלעך...

וואָס איז ער אַצינד?

אין שטעטל זעט ער שוין אויס ווי א זון, ארום וועלכער עם דרייען זיך די שטערן — קלענערע סוחרים, און כוכבי דשביט — מעקלערס.

ער באשיינט און באלייכט דאס גאנצע שטעטל מיט קרעדיט. יעלענסקין זעט ער אויס ווי א שפין, וואס זיצט אינמיטן וועבעכץ, און ווי דער כראביע פ. איז איינער פון די פליגן, וואס ווערן פארפלאנטערט.

נאך א צייט האט אונדזער „זון־שפין" אדער „שפין־זון" פארגרעסערט דאס הייזל, געשריבן מיט קינדער תנאים, צוגעזאגט נדן, געקויפט דער ווייב פערל, זיך — א שאפן־פעלץ, באשטעלט פאר די יינגלעך בעסערע מלמדים, פאר די מיידלעך — א לערער, אויסצולערנען כאטש א יידיש בריוול שרייבן...

פלוצלינג (על כל פנים — פארן שטעטל) האט דער כראביע פ. באנקראטירט און אונדזער שפין־זון אדער זון־שפין האט אויף אמאל אלץ פארלוירן.

. . . .

א חודש פריער, ווען איך פאר דורך, וואלט איך געוועזן פארשריבן:
א הויז, — 1500 רובל, א פראפינאציע, א האנדל פון וואלד און תבואה, א פראצענטניק.

ער האט ביים כראביע פ. 15000 רובל אויף 10 פראצענט, נישט אויף דער היפאטעק, נאר אויף האנט־קוויטלעך...

היינט פארשרייב איך איין ווארט:
„נשרף"!
איך קען דאך צוגעבן:
„א ייד פון 82 יאר, געשוואלענע פיס, א הויזגעזינד פון 17 פארשוין...

יח.

דער עמיגראנט

איך עפן א טיר.

א שטוב אָן בעטן, אָן כלים, אָנגעשיט מיט היי און שטרוי. אינמיטן שטוב שטייט אן איבערגעדרייט פעסל. ארום פעסל — פיר מאָרזאקעס-קינדער מיט צעשויבערטע האָר, ארום א גרויסע געלע ליימענע שיסל מיט „פיצמיטהאָגנע", פון וועלכער זיי שעפּן מיט די רעכטע הענטלעך מיט בלעכענע פארגרינטע לעפל. אין די לינקע הענטלעך האלטן זיי — צו שטיקלעך קלייען-ברויט.

אין איין ווינקל אויף דער ערד זיצט א בלאס ווייבל, און די טרערן קאפּען איר פון די אויגן אויף דער קארטאָפלע, וואָס זי נעמט זיך צום שיילן. אין צווייטן ווינקל ליגט „ער", אויסגעצויגן אויף דער ערד.

— בחנם אייער טרחה, ר' קרוב, — מאַכט ער צו מיר, און הייבט זיך נישט אויף, — בחנם אייער טרחה: איך בין שוין נישט קיין היגער.

אַז ער זעט, אַז איך האָב דאָך קיין חשק נישט אַוועקצוגיין, הייבט ער זיך לאנגזאם אויף.

— נו, ווו וועל איך אייך זעצן? פרעגט ער פארדריסלעך.

איך בין אים מבטיח, אז איך קען שרייבן שטייענדיק.

— איר וועט פון מיר גאָרנישט האָבן! איך ווארט נאָר אויף א שיפסקארטע... איר זעט דאָך, איך האָב שוין אלץ פון שטוב, אַפילו די כלים צו דער מלאכה, פארקויפט.

— איר זענט א בעל-מלאכה? פרעג איך.

— א שניידער.

— און וואָס נייט אייך ארויסצופאָרן?

— דער הונגער.

און דער הונגער איז געלעגן אויף **זיין** פנים, אויף **איר** פנים,

און נאָך מער אין די קינדערס ברענענדיקע אייגעלעך איבער דער פּיצמיטהאָנע.

— קיין ארבעט נישטאָ?

ער מאַכט מיט די פּלייצעס. עס הייסט: אָן דעם האָט מען שוין לאנג פארגעסן.

— וווהין פאָרט איר?

— קיין לאָנדאָן. איך בין שוין איינמאָל אין לאָנדאָן געווען, שיין געלט פארדינט. מיין ווייב 10 רובל א וואָך געשיקט, און אליין ווי אַ מענטש געלעבט, — האָט דער שווארץ־יאָר אהיימגעשלעפּט.

איך האָב געקלערט, אז דער „שווארץ יאָר" איז דאָס ווייב.

— פארוואָס האָט איר אייער פאמיליע נישט מיטגענומען?

עס האָט מיך אליין צוריקגעשלעפּט! פינצטער חושך איז דאָרט. אזוי ווי איך האָב צוגעמאַכט אן אויג, האָט זיך מיר געחלומט דאָס שטעטל, דער טייך ארום, דער וואלד... עס איז מיר דאָרט ענג געווען, עס האָט גע־צויגן און געצויגן...

— דאָ איז טאַקע — זאָג איך — א הערלעכע געגנט.

— לופט בחצי חנם!... און מיר שלינגען שוין, ברוך השם, לופט דריי יאָר! היינט פאָר איך שוין מיט ווייב און קינד! אַן עק זאָל עס האָבן.

— און עס וועט אייך ווייטער א שאָד זיין דער וואלד?

— דער וואלד — פארקרימט ער זיך מיט א ביטערן שמייכל — מיין ווייב איז אייערנעכטן געגאנגען אין וואלד אריין קלויבן יאגדעס, האָט מען זי אָפּגעצויגן און נאָך מיט א פּאָר בייטשן מכבד געווען.

— א טייך האָט איר... וויל איך אים אוועקציען פון די טרויעריקע געדאנקען. זיין בלאַס פּנים ווערט נאָך בלאסער —

— דער טייך! דעם זומער האָט ער מיר א קינד צוגענומען.

איך בין קוים ארויס פון שטוב.

יט.

דער משוגע

איך בין אהיימגעקומען אויף דער סטאנציע דענערווירט. איך בין לאנג געלעגן אויף דער הארטער סאָפע, איידער איך האָב געקאָנט צומאכן אן אויג. עס וועקט מיך א שאָרך, דורכן פענצטער גנבעט זיך עמעץ צו מיר אַריין. איך זע אויף דער פוטרינע צוויי דאַרע, ברודיקע הענט. עס הויבט זיך איבער זיי אויף אַ צעשויבערטער קאָפּ מיט צוויי ברענענדיקע אויגן און א געל פּנים.

— מ י ך ווילט איר נישט פארשרייבן? פרעגט דער קאָפּ שטיל.

איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. ער רעכנט: שתיקה כהודאה, און שטייט שוין אין מיטן שטוב.

דערשראָקן און נאָך מער פארוווּנדערט, לאָז איך פון אים קיין אויג נישט אראָפּ.

— פארשרייבט! מאכט ער אומגעדולדיק. דעקלאנגען אייך טינט און פעדער? ער וואַרט ווייטער נישט אויף תשובה און רוקט מיר צו, צו דער סאָפע, דאָס קליינע טישל מיטן שרייב־געצייג.

— שרייבט, איך בעט אייך, שרייבט!

און דאָס קול איז אזוי מילד און שטיל, עס שלייכט זיך אזוי לייכט אריין אין הארץ, אז איך הער מיך אויף צו שרעקן.

איך זעץ מיך אויף צום פארשרייבן. איך פרעג, און ער ענטפערט.

— איר הייסט.

— יונה.

— אויפן צונאָמען?

— יינגלווייז האָט מען מיך גערופן יונה ציג, נאָך דער חתונה — יונה דראַנג; נאָר זייט עס האָט זיך מיר דאָס מכשול געטראָפן — דער משוגענער יונה.

— אויפן דייטשן נאָמען?

— א... ד אָ ס מיינט איר? באַלד, באַלד — פּערעלמאַן! איר זעט מיינע פּערל?!

ער ווייזט מיר די צעריסענע רויטע פּאַטשיילע אַרום האַלדז, און זאָגט:

— אמתע פּערל, האַ! נאָר — איך ה יי ס אַזוי! וואָס זאָל איך טאָן?

— א ווייב?

— זי זאָל איר בעסער נ י ש ט פאַרשרייבן... זי וויינט נישט מיט מיר.. זייט דאָס מכשול האָט מיך געטראָפן, וויינט זי נישט מיט מיר... א ווייל ווייבל! איך וואָלט איר זייער גערן געגעבן גט, נאָר דער רב לאָזט נישט; ער זאָגט איך טאָר נישט, — א ווייל ווייבל!

דערביי ווערן אים די אויגן פייכט.

— זי האָט אפילו דאָס קינד צו זיך גענומען. עס איז אים ביי איר בעסער. וואָס וואָלט איך געטון דערמיט? ארומגעטראָגן? מען וואַרפט אויף מיר שטיינער; מען וואָלט מיר נאָך דאָס קינד געשעדיקט.

— איין קינד האָט איר?

— איינס.

— וואָס פאַר א „מכשול" האָט אייך געטראָפן?

— איר זאָלט אַזוי וויסן פון אַלדאָס בייז, אויב איך ווייס וואָס. דער עולם זאָגט — א דיבוק. דער רופא זאָגט, אז עס איז מיר א שטיין געפאַלן אין קאָפּ אריין, האָט זיך מיר די נשמה, אָדער ווי ער זאָגט, „דאָס חיות" אראָפּגעלאָזט אין בויך אריין, דער שוואַרץ יאָר ווייסט מיך! איך געדענק נישט דעם שטיין. א בייל אויפן קאָפּ האָב איך אפילו.

ער נעמט אראָפּ דאָס היטל מיט דער יאַרמולקע צוזאַמען, בייגט איין דעם קאָפּ און ווייזט מיר א גאָל בערגל צווישן די האָר.

— אפשר איז עס פון א שטיין, נאָר משוגע בין איך, דאָס איז אמת!

— וואָס איז אייער שגעון?

— צוויי דריי מאָל אין טאָג האָב איך די נשמה אין בויך, דעמאָלט רייד איך פון בויך ארויס, און קרייע ווי א האָן... איך קאָן מיך באַין־אופן נישט איינהאַלטן, באַין אופן נישט.

— פ אַ ר ן מכשול וואָס זענט איר געווען?

— איך בין נאָך גאָרנישט געווען. עס האָט מיך געטראָפן באַלד ביים ערשטן יאָר קעסט... דעריבער האָב איך טאַקע נאָר א יי ן קינד, געזונט און שטאַרק זאָל עס זיין.

— האָט איר עפּעס געלט?

— איך האָב געהאַט עטלעכע גילדן נדן. אַ סך אַוועקגעגאַנגען אויף רפואות, גוטע יידן... די רעשט האָב איך א י ר אַוועקגעגעבן.

— פון וואַנען לעבט איר?

— פון צרות... ייִנגלעך וואַרפן מיר שטיינער, קען איך מיך נישט אַרומדרייען אין מאַרק, אַזוי וואָלט איך אפשר עפּעס פאַרדינט נעבן אַ סוחר...

מען פלעגט אויף מיר אַמאָל רחמנות האָבן, מקרב זיין. היינט — שלעכטע צייטן; מוז איך בעטלען, בעטל איך פאַר וואַרעמעס, ווען די קינדער זענען נאָך אין חדר.

און איך האָב ווייניק דערפון... דאָס שטעטל איז קליין; אַ חוץ מיר זענען נאָך דאָ משוגעים... אַט זאָגט מען, ערשט נעכטן, האָט די „לאָקשיכע" געוואָרפן דער דינסט אַ פאַן אין קאָפּ אַריין. זי וועט זיכער משוגע ווערן, גאַנץ זיכער; איך ווייס נאָך נישט, צי זי וועט קרייען ווי איך, צי בלאָזן אין דער פויסט אַריין, ווי שלמהציע דעם רבס אָדער, שווייגן ווי חנה די טיקערן...

כ.

בלאַנקעטן

איך ווייל דאָס שטעטל נישט אָנרופן ביים נאָמען, נאָר נאָך איינס אזוינס ווען איך טרעף אויפן וועג, וואָלט איך אויך אָנגעהויבן קרייען. —

נאַט אייך בלאַנקעטן!

„געווען אן אויסגעצייכנטער שוסטער, מפרנס געווען ווייב און קינד (זעלטן — ווייניקער אלס 4—5) בכבוד. געוווּנען אויף דער לאָטעריע, אויף א „בראָנשווייגער", — א מטמון מיט גאָלד... אָנגעהויבן טרינקען. אלץ פארטרונקען, ווייב און קינדער אויף דער מדינה געלאָזט, און אליין איז ער נעלם געוואָרן. שטארבט אוודאי ערגעץ אונטער א צוים."

נאָר דאָס איז ווייניק יידישלעך. נאַט אייך „מים שלנו", זיין שותף צום בראָנשווייגער:

„געווען א מלמד. געוווּנען אויף דער לאָטעריע, געדוּנגען בשותפות מיטן רבין א מיל. די מיל איז געגאַנגען קאַפּויר; באַנקראָטירט... היינט איז ער שמש אין אַ חסידים־שטיבל. קיין פּענסיע נעמט ער נישט, נאָר ער פאַר־קויפט אין שטיבל דעם ביטערן טראָפּן. דאָס ווייב איז אן איינ־קויפערן, צעטראָגט אין די הייזער אייער, פּוטער. זי פארדינט ווייניק, ווייל זי איז לאָם. איין זון איז אוועק, דער צווייטער ארבעט ערגעץ ביי'ן א סטאָליער; איינער איז אין דער היים, — קראַנק אויף שקראָפול".

„אלמנה ביילא באשע (דעם צונאָמען קען מען נישט געוויר ווערן) ווינט צוזאמען מיט אַ שנור א זעלנערקע. (דער מאן איז נעלם געוואָרן אין טערקישן קריג). די שנור פליקט פעדערן. זי איז א טוקערן און א וועכטערן ביי „קימפּעטאָרינס" אָדער אַזוי ביי קראַנקע. זומער, כל־זמן דער פריץ האָט געלאָזט, פלעגט זי קלויבן יאגדעס אין וואלד. א קראנקע יידענע, בעטלט אַביסל צו".

„זיינוול גראף — ערשט נישט לאנג געוואָרן אַ שינדער. פאראיאָרן

איז ער נאָך געווען א גרויסער פישער, האָט ער אָפּגעדונגען דעם טייך, וואָס דער פּריץ האָט געוואָלט פארדינגען א קריסט; א סך אָפּטרעט געלט געגעבן. א גאנצן זומער האָט ער געכאַפּט נאָר טרפהנע פיש, און איז בדיל הדל געוואָרן".

„שמערקע בענציעס — א געוועזענער דאנציקער סוחר... שוין א יאָר צוואנציק, אז ער איז אהיימגעקומען מיטן בייטש־שטעקעלע... האנדלט פון דעמאָלט אָן מיט ראָזשינקע־וויין אויף קידוש. דאָס ווייב — א נייטאָרן; שוין א פּאָר יאָר ליידט זי אויף די אויגן. זיי האָבן אפילו קיין קינדער נישט, נאָר עס איז א גרויסע קאָנקורענץ אויף ראָזשינקע־וויין, לעבן זיי בדוחק".

„מ ל ך פּערילס — א שיינער יונגערמאַן, נישט לאַנג נאָך קעסט... געהאנדלט בשותפות מיט א תבואה־סוחר, אָנגעווווירן דאָס געלט; דערווייל איז דער שווער געשטאָרבן אין אָרעמקייט. מען ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, אינגאנצן דריי קינדערלעך, נישט מער".

מען האָט מיך נאָך געבעטן, איך זאָל פארשרייבן איינעם (מען האָט פארגעסן, ווי ער הייסט) א געלן ייד, מיט ווייב און קינדער (מען געדענקט נישט וויפל, נאָר א סך) ער צים זיך ה יי נ ט ־ מ אָ ר ג ן אין שטאָט אריין. דער פּריץ האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער פּאַכט. מען ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, נאָר — פארשרייבן מעגט איר אים!"

כא.

דער למ״ד־וויוו״ניק

— ביי אונדז — די מעשה פארציילט מיר א דרדקי־מלמד — איז טאקע א י ן ד ע ר א מ ת געווען א למ״ד־וויוו״ניק.

— ער האָט א ל יי ן געזאָגט? פרעג איך.

— א שיינער למ״ד־וויוו״ניק וואָלט ער געווען, ער זאָל אליין זאָגן! ער האָט געלייקנט שטיין אוןביין. אז מען האָט אים געפרעגט דעריבער, איז ער געוואָרן מלא חמה, אָנגעצונדן. נאָר, א קשיא אויף א מעשה, געוואָרן איז מען, געוווסט! — יאָ... די גאנצע שטאָט, קינד און קייט האָט געוווסט! א שאלה דאָס איז! מען שמועסט — ברור כשמש! עס זענען געווען אין דער התחלה בלתי־מאמינים, האָבן זיי טאקע גענהאט א מיאוסן סוף.

אָט, למשל: יעקב־יוסף וויינשענקער, א ייד אפילו אן ערלעכער, אן איש מכובד, האָט עפּעס, איך ווייס נישט ווי אזוי, געדרייט אויפ׳ן מיט דער נאָז. גערעדט? חס־ושלום! נאָר אזוי, א דריי געטון מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט — מוחל! גאָרנישט! — נו, וואָס קלערט איר? עס איז נישט אויסגעגאנגען פינף, זעקס יאָר — ואיננו! יעקב־יוסף ליגט אויפן קברות! א רחמנות איז געווען אויף לאה דער מילכיקערן! עס איז געווען א בלאָטע און זי האָט אים פון דער קלאָדקע נישט אָפּגעטרעטן; וואָס זאָל איך אייך זאָגן, פון דעמאָלט אָן איז איר מילך גערונען געוואָרן ביי אלע באַלעבאַטים אפשר א חודש נאָכאנאנד! און דאָ העלפט נישט קיין בעטן! אז מען קומט צו אים, מאכט ער זיך כאילו־ידע און — שעלט נאָך!

— און גלאט — וויל איך מיין חריפות באווייזן — תלמיד חכם, שמחל על כבודו אין כבודו מחול!

— תלמיד־חכם?! איז א למ״ד־וויוו״ניק א תלמיד־חכם? און רעכט עברי, מיינט איר, האָט ער יאָ געקענט? נוח מיט זיבן גרייזן! און גלאט — ?! עברי איז גאָרנישט! ביי אונדז האלט מען נישט פון קיין

עברי. ער האָט אפילו נישט געקענט מעביר זיין די סדרה. און פונדעסט־וועגן, זעט איר, האָט זיין תהלים־זאָגן געמאַכט אזא רושם אין די עולמות העליונים! נאָך יענער רב, זכרונו לברכה, האָט געזאָגט, אז וועלוול (אזוי האָט ער געהייסן, דער למ״ד־וויוו״ניק) לעבערט אַלע שבעה רקיעים! (אזוי זיין תהילים מיינט איר? איך וועל אייך פאַרציילן, וואָס א מענטש איז! ביי חנה דער טוקערן איז לאַ־עליכמדיק געוואָרן די ציג, האָט זי זי געטריבן צום זנאַכאַר, וואָס וווינט הינטער דער שטאָט. די ציג וואַקלט זיך, אזוי חולה איז זי געווען.

אויפן וועג — ס׳איז טאַקע געווען מן־השמים — טרעפט זיך די ציג מיטן למ״ד־וויוו״ניק. און אזוי ווי זי וואַקלט זיך, האָט זי זיך אָנגערירט אין זיין בגד. וואָס קלערט איר? כאחד האדם! אין דער רגע געזונט געוואָרן. זי האָט עס געהאַלטן אפילו בסוד, האָט זיך אָבער געטראָפן אזא מעשה: עס איז געוואָרן א פגירה אויף ציגן, טאַקע ממש „אין בית״... האָט זי אויס־געזאָגט די סגולה. האָט מען ארויסגענאַרט וועלוולען אין מאַרק אריין און ארויפגעיאָגט אויף אים אַלע ציגן.

— און אַלע זענען געזונט געוואָרן?

— א שאלה דאָס איז, אפילו טאָפּלט מילך געגעבן! די טוקערן האָט דערפאַר באַקומען א גראָשן פון א ציג; נתעשר געוואָרן!

— און ער?

— ער? גאָרנישט! אז ער האָט אַלץ אָפּגעלייקנט, נאָך געבייזערט זיך און געשאָלטן... און אזוינער ט אָ ר גאָר קיין געלט נישט נעמען, ער איז דאָך קיין גוטער ייד נישט... ער קען דאָך נישט נתגלה ווערן!

— פון וואָס האָט ער געלעבט?

— אַמאָל איז ער אַ שוסטער געווען (אַ למ״ד־וויוו״ניק מוז דאָך זיין אַ בעל־מלאכה; כאָטש א וואַסער־טרעגער, נאָר א נהנה מיגיע כפו), אין זיינס א פּאָר שיך פלעגט ער, זאָל לעבן, גיין צו סנדקאות... נאָר אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אוים שוסטער; ער האָט שוין נישט געקענט אפילו קיין דראַטווע ציען, ווער שמועסט א לאַטקעלע לייגן... די הענט האָבן אים געציטערט... נאָר אזוי: א שליחותל, א קענדל וואַסער, א לינה, א תהלים זאָגן... פון דער תוכחה... און ווינטער — דער עיקר פון הרובע הייצן אין בית־המדרש!

— האָלץ האָט ער געטראָגן?

— געטראָגן?! און חברה ווו איז? מען האָט געברענגט האָלץ, אריינ־געלייגט, ער האָט קאָמאנדירט און אונטערגעצונדן... מען זאָגט „א דומם״,

אן אויוון! און זעט איר, דער בית־המדרש־אויוון האָט אים אזוי געקענט, ווי א ווייב, להבדיל, א מאן! אז ער האָט אונטערגעהייצט, האָט זיך גע־ברענט; עס האָט געמעגט זיין א ווינט סכנות־נפשות! אומעטום האָט גע־רויכט, און דער בית־המדרש־אויוון האָט געפלאקערט! און דער אויוון איז געווען א צעשפּאָלטענער, א זקן מופלג! און לאָז אַן אַנדערער פּרוּוון צוגיין — באַין אופן! אָדער עס ברענט נישט, אָדער דער רויך יאָגט פון אלע שפּאַלטן; און א נישט, אז נישט דאָס און נישט יענץ, גייט ארויס די וואַ־רעם דורכן קוימען, און ביינאכט ווערט מען שיר־נישט געפרוירן. דערנאָך, אז ער איז נפטר געוואָרן, האָט מען טאקע געמוזט אריינשטעלן אן אנדערע כלי; ווייל אויפן אלטן אויוון האָט קיינער קיין שליטה נישט געהאַט!...

א שאָד אזא ייד! כל־זמן ער האָט געלעבט, איז געווען פּרנסה; היינט, רחמנא ליצלן, אויסצוגיין פאר א דרייער! און מען האָט קיין דאָקטוירים נישט גערארפט...

— אליע זיין תהילים?

—איר פרעגט ערשט! מען שמועסט „תציל ממות"! בחוש!

— איז קיינער נישט ניפטר געוואָרן אין זיין צייט?

— כולי האי! קיינער נישט ניפטר געוואָרן! וואָס איז, דער מלאך־המוות מיינט איר, האָט שוין גאָר קיין דעה נישט? וויפל מאָל, מיינט איר, האָט דער „ייד" אליין, זכרונו לברכה, אָנגעווונטשן לרפואה שלמה, און ער, דער שטן, האָט זיך געשטעלט „שטאָרצעס", נו, האָט עפּעס געהאָלפן? א מלאך איז פּאָרט נישט קיין קליינקייט! און דאָס בית־דין של־מעלה פּסקעט אים אויך אמאָל צו! ווי דען! קיין דאָקטאָר האָט מען פּאָרט נישט באדארפט; עס האָט טאקע קיינער דאָ נישט אויסגעהאַלטן; היינט האָבן מיר צ ו יי דאָקטוירים!

— חוצן ז נ א כ א ר?

— ער איז שוין אויך פאַרכאַפּט געוואָרן...

— געפּגרט?

—אויף א ז ו י נ ע ם זאָגט מען נישט ג ע פּ ג ר ט...

די סיטרא אחרא איז אויך נישט קיין קליינקייט...

כב.

דער מסור

אויב טאַמאַשאָוו האָט געהאַט אַ למ"ד־ווּוואָר־ניק, האָט זי פּאַר דאָס געהאַט אַ מסור אויך! דאָס האָט מיר פאַרציילט דער דרדקי־מלמד, און ער איז אויך ערשט נישט לאַנג — נאָר איך ווייס נישט, וואָס מען זאָגט — ניפטר, געשטאָרבן, צי פאַרכאַפּט געוואָרן.

און אפשר מיינט איר — אַ פּראָסטער מסור; פּשוט כמשמעו: ער האָט געזען ערגעץ אַ פאַלשע מאָס, אַ נישט־גלייכע וואָג, איז ער געגאַנגען און האָט אויסגעזאָגט? חס־ושלום, דווקא נישט! נאָר „לא־יחרץ"־געלט! נאָר געסטראַשעט: אָט גייט ער, אָט לויפט ער, אָט פאָרט ער, אָט שרייבט ער, אָט שיקט ער אַ „שטאַפעט"! וכדומה גוטע זאַכן; און האָט אויסגעצויגן די קליי פון די ביינער...

— און איז'ן איז ער אַ מכה שולדיק געווען — פאַרציילט דער דרדקי מלמד — איך געדענק דאָך נאָך, ווען ירוחם האָט אים אַראָפּגעברענגט! אַ זיידענער יונגערמאַן! נאָר ירוחם האָט צוגעזאָגט נדן מיט קעסט און אליין נישט געהאַט קיין מזון סעודה אחת. און ירוחם אליין איז אויך אַ מכה שולדיק: דער ברודער זיינער געצל (אַ כלי, אַ גביר עצום), דער האָט דאָס גרעסטע חלק דערינען!

עס איז די מעשה מיט צוויי ברידער; איינער אַ קלוגער און אַ גוטער, און דער צווייטער אַ נאַר און אַ שלעכטער. דער גוטער־קלוגער איז אַן אביון. און דער שלעכטער נאַר — אַן עושר גדול. פאַרשטייט זיך, אַז דער רייכער וויל דעם אָרעמען נישט העלפן.

— מילא, כל־זמן עס איז געגאַנגען וועגן מזונות, האָט ירוחם געשוויגן. אָבער, אַז די בתולה זיינע, גרונע, איז איבערגעוואַקסן למעלה מעשרים אמה און אַ 19—20 יעריקע בוגרת געוואָרן, האָט שוין ירוחם געשטורעמט. שטאָט און רב האָבן זיך אַריינגעלייגט און געצל האָט געגעבן אַ קוויטל: אַז, אַ יאָר אחר החופה, וועט ער אויסצאָלן אַזויפיל און אַזויפיל.

פריער וויל ער נישט: דאָס פּאָר־פּאָלק קען זיך נאָך צעגיין, ירוחם וועט אויפעסן דאָס געלט, און מען וועט ווייטער שטורמען נדן.

געוואָלט האָט ער — 3 יאָר, געפּויעלט האָט מען אויף א יאָר! נאָך א יאָר, געצל זאָגט: לאו הכי! בדיניהם איז דאָס קוויטל נישט ווערט געווען א דרייער, דערוויל איז געוואָרן אוים „יד ישראל תקיפה"; דער אלטער רב איז ניפטר געוואָרן, דער נייער רב מישט זיך נישט, ער האָט מורא פארן קאזיאָנע, דער קאזיאָנע שיקט אָפּ לערכאות... און — גאָרנישט! געצל גיט נישט א דרייער! ירוחם ווערט נעלם; אָדער צו א גוטן ייד, אָדער אויף דער מדינה... און ביינוש בלייבט ביי גרונען!

דעם רבונו של עולמס דרכים זענען טאַקע נישט צום פארשטיין! עס איז דאָך נאריש, ער איז געווען א בחור, זי — א בתולה, און דאָך א זיווג, נ י ש ט לפי מעשיו, און — אַן אישה — א מאַשין, א קאָזאַק, און א מאַן — א גאָרנישט, א זעקל ביינער, א גל של עצמות! וואָס קלערט איר, זי האָט אים גענומען אין דער לערן און געמאַכט פונ'ם א לייט!

זי האָט'ן נאָר אָנגערייצט אויף געצלין. ער זאָל נישט לאָזן אויסנע־מען, נישט לאָזן געבן אים קיין עליה... עס האָט געהאָלפן ווי אַן ארבעס אָן דער וואנט! געצל האָט'ן אויסגעפּאטשט, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער יונג געשעמט צו קומען אין בית־המדרש אריין.

איינמאָל, פאר פּסח, אז ס'איז שוין געווען כלה־כל הקצין, האָט גרונע ווייטער געיאָגט ביינושן צום פּעטער, און געיאָגט מיט א בעזעם; ביינוש איז נאָך אמאָל געגאַנגען, און דער פּעטער האָט אים נאָך אמאָל ארויס־געוואָרפן . . .

און דאָ איז געשען א מעשה נורא. וואָס אויף דער וועלט קען זיך טרעפן! מ יי ן צווייט ווייב איז דעמאָלט נאָך א גרושה געווען און גע־וווינט ביי גרונען קאַמאָרינע; און זי האָט אליין געזען, ווי ביינוש איז אהיימגעקומען נישט טויט און נישט לעבעדיק און האָט געציטערט ווי אין א פיבער. א מבין איז מיין פלוניתטע, (איידער דאָס אורחים־הויז איז אָפּגעברענט געוואָרן, איז זי דאָרט באַלעבאָסטע געווען) האָט זי באַלד געזען, אז עס איז נישט פּשוט!

און דאָ דאַרף נאָך גרונע אהיימקומען פון מארק, (זי איז געזעסן מיט בייגל) וועט זי אים דערליינגן; האָט זי אים פאר רחמנות אַן עצה געגעבן, ער זאָל זיך לייגן אָפּרוען אויפן פּיעקאַליק... און ער, רחמנא ליצלן, איז געווען ווי א גולם. מען זאָגט אזוי, זאָל זיין אזוי; ער איז ארויף אויפן פּיעקאַליק.

גרונע איז אהיימגעקומען. מיין פלוניתטע האלט בשתיקה; ביינוש שלאָפט אויפן פּיעקאַליק, אָדער ער מאַכט זיך שלאָפנדיק. און אפשר איז ער שוין נישט געווען ביי די קלאָרע געדאנקען. וואָרום, אזוי ווי געצל האָט'ן ארויסגעוואָרפן, האָט ער באַלד א געשריי געטון, אז ער וועט אויס־זאָגן, ווו דער זון ליגט באהאלטן; און ביי קלאָרע געדאנקען וואָלט ביינוש אזוינס נישט געזאָגט.

ווי עס איז געווען, אויף דער געצלעכע האָבן די ווערטער א גרויסן רושם געמאַכט. מיינע שונאים זאָלן אזוי וויסן פון זייער לעבן, אויב ביינוש האָט גאָר געוווסט ווו יונה־געצלס איז באהאלטן! נאָר — א יידענע — א מאמע! א בן־יחיד!... וואָס קלערט איר, — א שפּייז־קראָם האָט זי געהאַט, נעמט זי א טרעגער מיט א זעקל פּסחדיק מעל און הייסט זיך נאָכטראָגן צו גרונען —

זי קומט אריין... (נאָר א שאָד מיין ווייב איז נישטאָ! זי איז דאָך געווען דערביי; אַז זי דערציילט, איז צו קייכן פאַר געלעכטער), זי קומט אריין, דעם טרעגער לאָזט זי אין הויז.

„גוט מאָרגן, גרונע!" גרונע ענטפערט נישט; ווערט איר שוין פינצטער פאַר די אויגן. „ווו— פרעגט זי — איז ביינושל?" — „דער שווארצער יאָר זאָל'ן וויסן!" ענטפערט גרונע און דרייט זיך איבער צום קוימען, שוימט אַלץ דאָס יאיכל. איז ער דאָך א וו ד א י געגאַנגען מסורן! מיין געצלעכע רופט אריין דעם טרעגער, מען לייגט אָפּ דאָס זעקל מעל; גרונע זעט נישט, אָדער מאַכט זיך נישט זעענדיק, דער מזיק זאָל זי וויסן! די געצלעכע הויבט אָן פלאַמען און צאַפּלען, „גרונישע, מיר זענען דאָך קרובים, איין בלוט... רופ'ן צוריק! לאָז ער מיך און זיין נשמה נישט אומברענגען!"

אציגד ערשט האָט זיך גרונע איבערגעדרייט. קיין נארישע יידענע איז זי נישט געווען, באַלד פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט, אויסגענאַרט נאָך א פּאָר קערבלעך און געלאָפן מכלומרשט אָפּזוכן ביינושן...

אין שטעטל איז באַלד א שם געוואָרן, אז ביינוש מ ס ו ר ט . . . און גרונע האָט הנאה געהאַט דערפון... זי האָט געהאַלטן ביינושן אויפן פּיעקאַליק און געסטראַשעט און געצאַפּט ביי אַלע באַלעבאַטים, ווו נאָר עס איז געווען עפּעס א חטא.

— איז זי דאָך גאָר דער מסור געווען?

— פריער זי און דערנאָך ער אליין. פאַר הארצדריקעניש האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען; דערנאָך האָט ער זיך שוין אין די שענקען ארומ־

געוואלגערט און אליין געמאַכט די קונץ. ער האָט שוין אפילו גרונען אַ דרייער נישט געגעבן און אַלץ פארשאשעט... אַ שאָד אזא כלי! וואָס פון אים איז געוואָרן!

— וואָס איז געוואָרן?

— ער האָט זיך די קישקעס פארברענט... פריער נאָך איז ער משוגע געוואָרן, אין די גאַסן אַרומגעלאָפן, אָדער וואָכנווייז ערגעץ הינטער אַ צוים אָפּגעלעגן... נאָר אהיים צו גרונען — באַין אופן נישט! אז ער איז שוין גאָר חרב געוואָרן, האָבן אים צען מענטשן נישט געקענט אריינפירן צו גרונען אין שטוב אריין. ער האָט געשלאָגן, געביסן... מען האָט אים געמוזט נעמען אין בית־המדרש אריין (דאָס אורחים־הויז איז שוין נישט געווען) און דאָרט איז ער ניפטר געוואָרן. מען האָט אים אפילו געוואָלט ראַטעווען, אַ מומחה גערופן, מען האָט תהלים געזאָגט...

— דער למ"ד־וויוו"ניק אויך?

— אוודאי!

נו?

— אַ מענטש אָן קישקעס, טו עפּעס!

כג.

דאָס וואַסערל

דער וועג, דער זאַמדיקער, שווערער וועג, קומט אַרויס פון שיטערן, אויסגעקרימטן, פאַרקנוידערטן נאָדל־וועלדל, וואָס עס האָט זיך, ווי מיין פורמאַן מאַציעי האָט מיר פאַרטייטשט, נישט געלוינט אויסצוהאַקן, און שניידט זיך ברייט אַריין צווישן פּויערשע פעלדער מיט שיטערן האָבער.

מיטן שפּיץ פון דער בייטש ווייזט מאַציעי אויפן האָבער, און מאַכט דיזעלבע טרויעריקע באַמערקונג:

— ער שטייט נאָך. עס לוינט זיך דען צו שניידן אַזאַ האָבער?

ער האַקט אָפּ און דרייט זיך צוריק איבער צו די פערד, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט דער מינוט און אַראָפּגעכאַפּט זיך צום האָבער. דאָס לינקע, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום בייסן, באַקומט אַ שמיץ —

— פּשאַ־קרעוו!

אַ שטילע טרויעריקע נאַכט, אָן אַ לבנה. שיטער, ווי דער האָבער אויפן פעלד, בלאַנקען פאַרזייטע שטערנדלעך, עפּעס מיד, פאַרוואָגלט, עפּעס ווי אָפּצוקומען... דאָס אויפלאַטערן פון פויגל אין וואַלד יאָגט אונדז וואָס אַמאָל ווייניקער נאָך. שטיל, רעכטס אין יענער זייט פעלד, ציט זיך אַ לויזע קייט פון קאַרג־באַוואַקסענע בערגלעך, וואָס רוקן זיך פויל און פּאַמעלעך צוריק, צוריק, ווי מאָדנע, שלעכט־געשוירענע שאָף. אָט איז איינע אַרויף אויף דער צווייטער און איז, רייטנדיק, פאַרשטאַרט געוואָרן... די זון איז שוין לאַנג אַראָפּ קעגנאיבער. דער לעצטער ליכטיקער שטרייף, ביים זוים פון הימל, לעשט זיך פּאַמעלעך אויס אונטער צייטיקע, פאַרשוווּמענע נעפּל.

לינקס, פון צווישן שיטערן האָבער, ציטערן אַרויס צעוואָרפענע פלעמלעך.

— א דאָרף? פרעג איך.

— אונדזער דאָרף! ענטפערט מאַציעי, און זעענדיק, אַז איך האָב קיין חשק נישט, צו לאָזן אים שלאָפן, זיפצט ער אָפּ, זיך אונטערגעבנדיק, נעמט ארויס פון בוזים די ערדענע „פייקע", שטופּט זי אָן פול מיט מאַכאָרקע און פאַרויכערט. ביים אויפלאַמען פון שוועבעלע פאַלט א רויט־לעכער שיין אויף זיין האלב־אויסגעדרייט פּנים אין דער רעם פון א האָ־ריקער מיץ און א באוואקסענער „געמבע".

— טאַק, חזרט ער איבער, אונדזער דאָרף...

— וואָס אזוי צעוואָרפן?

— אזוי אויסגעקומען... דער פּריץ האָט געמאַכט יד־אחת מיט דער קאַמיסיע... מיר האָבן דען פאַרשטאַנען?

— און יידן וווינען ביי אייך?

— ביי אונדז נישט. אויף אונדזערע פעלדער טאָר מען נישט, אויף פּריצישע...

— און די פּריצים לאָזן?

— נישט אומזיסט. און ווי איינער... ווער עס הערט נישט דעם גלח...

— זיי שאַדטן אייך, די יידן?

— שאַדטן? ער וואַרפט אויף מיר א פאַרשנדיקן בליק, שווייגט א ווײַלע און גיט צו:

— אָבער וואָס טויגן זיי אונדז?

אין פעלד אַרבעטן זיי נישט. „נישט זייערע הענט"... און ווער וועט זיי געבן ערד? דאָס איז די פראַגע! — אַמאָל פלעגן זיי האַלטן די קרעטשמעס...

— האָט זיך געטרונקען?

— א זינדיקער מענטש...

— אויף באָרג?

— ווי אַמאָל... פּאָר ניי־יאָר זיכער אויף באָרג.

— און דער ייד פלעגט פאַרשרייבן?

— אוודאי, וואָס דען, שענקען זאָל ער? ער האָט קיין ווייב און קינדער נישט? יעדערער קוקט אויף זיין ברויט...

— מיט א טאָפּלט קריידל?

— ווער ווייסט? מ יי נ ע פלעגט אזוי זאָגן... און האָט ווייטער געטרונקען אויף באָרג.

— זי אויך!

— זי אויך. מען מוז. א סך מאָל מוז מען — שיכורערהייט האָט זי איינמאָל געוואָלט מאָשקען אונטערצינדן.

— וואָס פאר א מאָשעק?

— אונדזער מאָשעק... וואָס האָט דעמאָלט די קרעטשמע געהאלטן... היינט האנדלט ער ביי אונדז. אן ערלעכער מאן מאָשעק. מיטן קריידל, ווייס איך נישט, נאָר אזוי — א גוטער מענטש... וואָס מען דאַרף; א פעלדשער, א דאָקטאָר, אן אדוואָקאט... אלץ ווייסט ער, און פירט אומעטום...

— און זי האָט אים נישט אונטערגעצונדן?

— ווי!... געלאָפן מיט א ברענענדיקן שייטהאָלץ אונטערצינדן און געפאלן איבער דער גאס. עד־היום האָט זי א ברען אויף דער האנט, זי איז מיט דער האנט אין פייער אריינגעפאלן. א געשריי געמאכט... מען האָט זי קוים אָפּגעלאָשן... דערנאָך האָט זי מאָשקען איבערגעבעטן... אוודאי. און ער האָט איר מוחל געווען... א גוטער מענטש מאָשעק. אָט שטייט ער דאָרט.

ער ווייזט ווייטער מיט דעם שפּיץ בייטש פאר זיך, און איך זע נאָר א שאָטן ביים ראנד פון וועג.

— דאָס שאָקלט זיך, זאָגט מאציעי, זיין כאלאט... א זאק טראָגט ער אויף די פּלייצעס. אוודאי אין שטעטל אריין נאָך עפּעס.

— וואָס־זשע שטייט ער?

— ער, וויל מען זאָל אים אריבערפירן איבערן וואסער.

— וואָס פאר א וואסער?

— דאָרט! ווייזט ער צום עק דאָרף.

דעם שפּיגלדיקן ברייטן שטרייף אונטערן הימל האָב איך געהאלטן פאר טוי.

עס איז געווען נישט קיין טוי.

— דער פאן ווייסט נישט, אז דאָס יאָר האָבן מיר קיין רעגן און קיין טוי נישט געהאַט? וואסער איז עס.

— מען וועט פאָרן איבער א פּראָם?

— וואָס פאר א פּראָם? ביז צום קנעכל וואסער... א שטייענדיקס...

— רעגן ־ וואסער?

— „מוסי"!... (דאכט זיך)

— פון די ארומיקע בערגלעך?

— מוסי...

מיר פאָרן ווייטער, און פון שאָטן ווערט טאַקע אַן אמתער מאָשעק. איך זע שוין, ווי די פּאָלעס פון כאַלאַט שאָקלען זיך. א ווייסע באָרד ציטערט.

מיר האָבן זיך מיט אים אויסגעגליכט, און ער האַלט זיך שוין ביים ראַנד פון פור.

— גוטן אָוונט, מאַציעי!

— גוטן אָוונט, מאָשעק!

— נעם מיך אויף איבערן וואסער —

— א צענערל! —

— א פּאַפּיראָס!

— מיט א קאָפּיקע!

— צוויי פּאַפּיראָסן!...

דינגט זיך „מאָשעק” מיטן פויער, נאָכגייענדיק דער פור אין שווערן זאַמד.

— בעט דעם פּריז! — זאָגט ענדלעך מאַציעי.

און מאָשעק טוישט די האַנט, דרייט זיך איבער צו מיר. א מאָגע־רער, גרייז־גרויער ייד —

— פּאַן — הויבט ער אָן — פּאָזוואָ—

נאָר ער ענדיקט נישט. ער האָט א בעסערן תביעת־עין פאַרן פויער. ער דערקענט באַלד, אז דער פּריז איז קיין אמתער פּריז נישט, און וויגט זיך שוין מיט „ראשו ורובו” איבער דער פור, ער האָט נאָר א ישוב, ווו ער זאָל זיך צוזעצן. אפשר צום פויער? פאָרט א דייטש!

נאָר איך האָב אים שוין אָן אָרט געמאַכט נעבן מיר:

— זיצט ר' משה.

צוויי מאָל דאַרף מען אים נישט זאָגן, ער זיצט שוין און רעדט שוין:

ראשית — שלום־עליכם א ייד...

— השנית — א שיינעם דאַנק! פון מאַציעים מאַכאָרקע קען מען שיכור ווערן.

והשלישית:

— פון וואַנען ווייסט עס א ייד, אז איך הייס משה? איר קענט מיך?

איך זאָג אים אויס, פון וואַנען, און ער פון זיין זייט באַרואיקט מיך:

— נאָר איבערן וואַסערל — זאָגט ער, דערנאָך נעם איך מיך רעכטס... איר פאָרט אַוודאי לינקס?

ער הייבט מיך אָן פאַרשן, און איך האַק אים איבער.

— ווי דאָס וואסער גלאנצט, א שפּיגל.

— באַ! אזא וואסער... און ער האקט אָפּ. איך דערפיל עפּעס א באהאלטן ענין.

— וואָס פאר א וואסער? רעגן־וואסער?

— רעגן־וואסער! מאכט ער פאררדריסלעך — ווען איז געווען רעגן?

— מוז זיין ערגעץ א קוואל?

— ווו האָט איר דאָ א קוואל? צען מייל ארום נישט!

— וואָס דען, ר׳ קרוב?

— וואָס דען?! גאָרנישט.

ער באַהאלט עפּעס א סוד.

— פּאָרט וואָס?

— וואָס וועלן מיר רעדן פּוסטע רייד... וויל ער מיך אראָפּפירן פון וועג. זאָגט בעסער, מיט וואָס האַנדלט א ייד?

איך ווייס שוין זיכער, אַז מיטן וואסערל איז נישט פּשוט.

און עפּעס בלאַנקט עס אַזוי וואונדערלעך־רואיק אין דער שטילער נאַכט... און עפּעס קוקט ער דערויף נישט פראָסט, און רייסט דערפון קיין אויג נישט אָפּ, און עפּעס פיל איך, קלינגט אין זיין קול... איך מוז אים מאכן ריידעוודיק...

— עפּעס — זאָג איך — דערציילט מען וועגן וואסערל!

— מאלע וואָס... עט...

עפּעס געטרויט ער מיר נישט. איך דערלאַנג אים א פּאפּיראָס; ער רויכערט נישט.

— אפשר א קאָפּ? — פרעג איך און נעם ארויס מיין פלעשל.

— פאר מעריב!... כ׳האָב מיך נאָרוואָס ארומגעגארטלט מיט דער פּאטשיילקע מעריב צו דאוונען, הער איך — מען פּאָרט. לויף איך ארויס און שטעל מיך ביים וועג. ס׳איז קיין חיות נישט... געוויינלעך גיי איך אריבער צופוס, וואסער ביז צו די קנעכל, נאָר די וואָך, לא־עליכם, בין איך נישט בקו הבריאה... האָב איך מורא פאר פארקילן... פארשטייט ער מיך, מעריב וועל איך שוין דאוונען דאָרט (ער ווייזט מיטן פינגער רעכטס). און איר — טרינקט געזונטערהייט, לחים ולשלום!

— אליין טרינק איך נישט... און איך באהאַלט צוריק דאָס פלעשל...

— אפשר וועט איר אָפּדאוונען מעריב?

— אויפן וועג דאוון איך נישט...

— וויאָ! פאלט אריין מאציעי, זיך נעמענדיק בארג אויף.

— זעט איר! מאַכט ר' משה, — דאַוון ביי א פויער!

ווייטער א פויזע.

— און ווי גייט עס אייך, ר' משה? — פרעג איך, צוריק אָנקניפּנדיק.

— אַט פאַראַן א בורא עולם, לעבט מען.

ער בלייבט ווייטער שטיל. נישטאָ זיך אָן וואָס אָנצוטשעפּען.

— ווייסט איר וואָס, ר' משה?

— וואָס, למשל?

— דערציילט עפּעס! עס איז אזוי שטיל... נישט היימלעך שטיל.

— וואָס פאלט אייך איין... וואָס זאָל איך אייך דערציילן?

— כאָטש וועגן וואסערל... איר האָט דאָך א מעשה וועגן וואסערל?

— און אז איך האָב, ווילט איר האָבן פון וואָס צו לאכן?

— חס־ושלום!

— און אפשר נישט — ווענדט ער זיך אָפּ — היינטיקע צייטן... „ציוניזם"...

— ווי קומט אהער „ציוניזם"?

— ווייס איך? נאָר עפּעס פלוצלינג איז אַן איבערקערעניש געוואָרן... ישיבה־בחורים ווערן ציוניסטן און ווארפן אוועק די גמרא און טוען אַלעס בייז... דייטשן ווערן ציוניסטן און כאפּן זיך צוריק צו יידישקייט... גע־גאָלטע בערד און יידישקייט... איך מיין נישט אייך, חלילה — גיט ער צו מיט אַן איבערבעטנדיקן שמייכל...

— ווי קומט דאָס צום וואסערל?

— עס קומט... אַט, זאָל אייך נישט פארדריסן... אַ דייטש, למשל, ווערט פרום, האָט ער, למשל, יאָרצייט, גייט ער אריין אין א יידישע רעס־טאָראַציע און הייסט זיך געבן פאר דער מאמעס נשמה וועגן — „קוגל" — זיין יידישקייט איז קוגל... אייער יידישקייט איז אפשר מעשהלעך, איר האָט יאָרצייט?

און דאָך האָט ער מיר די מעשה דערציילט. ער האָט אפשר מער געוואָלט דערציילן, ווי איך הערן!

— ווו היינט איז דאָס וואסערל, איז אמאָל א שטעטל געווען... אפילו נישט קיין גרויס שטעטל, נאָר אזוי, דער עיקר איז געווען: פרנסה האָט מען געהאט...

— און ווו איז עס אהינגעקומען?

— ווו איז אַלץ אהינגעקומען? דאָ איז אמאָל וואלד געווען... ווו

איז ער? ארום און ארום וואלד געווען... א „מאיאַנטעק"! אין יענער זייט וואלד איז א פּאלאַץ געווען...

— כ'האָב געזען א חורבה...

— אויף שטיקער צעפאַלט זי! דעמאָלט האָט א גראף געוווינט... און דער פּאלאַץ האָט ביינאַכט געלויכט מיט שטורקאַצן זיבן מייל ארום... און דער וואלד האָט געלעבט א לעבן — געקלאַפּט און גערוישט און געקנאַקט און געבילן... פּריצים האָבן געפּייפט, געבלאָזן אויף זייערע שופרות, להבדיל; און געיאָגט, און געשאָסן, און געהוליעט, און אויסגעזעצט זיך אויפן גראָז מיט מוזיק, מיט שטורקאַצן... מיט ווייבער... און גענעסן און געטרונקען... און הינט האָבן געוואָיעט!...

נאָר אָנגעהויבן האָט זיך עס שוין...

אראָפּצו האָבן שוין דייטשן געוווינט, דעם וואלד געהאַקט... אויף אַן אַנדער זייט — שינדל־מאַכער... מען פלעגט דורכפאָרן: וואָס אמאָל א הילצערןביידל... פאָרן ביידל א פּיערל... דער שינדל־מאַכער ארבעט ביים ליכט, דאָס ווייב קאָכט וועטשערע ביים פּיערל... און פרייליך, מען זינגט... איין שיינדל־מאַכער זינגט פּייפנדיק צו צום צווייטן, איינער צום צווייטן, און אזוי גייט עס דריי, פיר מאָל איבערן וואלד...

און ווו דאָס וואסערל איז, האָט גאָר פּאַרצייטנס געוווינט א ישובניק, דער פּאַכטער... מיט דער צייט האָט ער זיך אראָפּגעברענגט צוויי איידעמס... גענומען שנורן אויף קעסט, געהאַלטן א מלמד... צוגעבויט הייזלעך... אראָפּגעברענגט א שוחט... נאָך עטלעכע יאָר — א שטעטל.

און, ווי געזאָגט, א שטעטל מיט פּרנסה!

דער פּריץ האָט געשאָסן א האָז, דער „נאַיאָווע", אונטער זיינע פּלייצעס — עלף, צוועלף פּעלעכלעך בחצי חנם... היינט — דאָס מילכיקס, פון צען פּאָלוואַרקן א מילכיקס! היינט — אביסל תבואה... און דעם פּריצס תבואה — נאָך אויפן פעלד, סאַמע „קאָנדיציעס" — און געוועלב־לעך: שפּייז, בשמים... און ליכט און מעד און אַלערליי ווינען... דער הויף דאַרף!

און דאָס ביסל יידלעך איז טאַקע געזעסן און געלערנט... די נשים האָבן געהאַנדלט... דעם „חמדת הימים'ס" לייבלעכער ברודער איז דאָ רב געווען... אריינגעשיקט קיין וואַרשע א פּאָר הינער מיט אביסל האָניק א צולאָג צו א שאלת־תשובה צום וואַרשעווער רב: אהובי אחי, היות... און אזוי ווייטער... מיט דער צייט: לומדים מופלגים, איידעמס פון די גרעסטע

ישיבות ארויס... קליין, נאַר, ווי זאָגט מען עס, מיט וואָג, א שטעטל מיט וואָג... עס האָט גאָרנישט געפעלט, אפילו א למ״ד־וו״ניק געווען...

— א וואסער־טרעגער?

— דווקא א קירזשנער! גערעכט האָט זיך, אפילו אן ערלעכער ייד, נאָר אן עם־הארץ דאוריתא... שטענדיק מיט די אויגן אין סידור; „אשרי״ נישט אויסנווייניק. און קיין קול גייט אים ביים דאוונען פון מויל נישט ארויס. אפילו ביים „למנצח״ נישט. ער מוז נעבעך, זאָגט מען, קיין עברי נישט קענען.. נאָר אזוי — גאָר פרום! ערב־יום־כפור, למשל, לאָזט ער זיך ב א מ ת שמייסן, „עס זאָל וויי־טון״! בעט ער זיך רחמים ביים שמש, סוכות ווייטער שטייט ער אָפּ שעה׳ן־לאַנג ביים רב הינטער דער טיר — ער וויל דווקא בענטשן מיט זיין אתרוג! פאר הושענא־רבא ווערט ער גאָר נעלם אויף א טאָג — און ברענגט זיך, ווייסט דער בורא עולם פון וואנען, הושענות, וואָס די וועלט פארמאָגט נישט... ווײם איך? אז ער נעמט קיין יתור נישט, מילא — ווער האָט דעמאָלט גענומען? נאָר פּלוצים מאכט זיך א מעשה... חול־המועד־פּסח איז עס געווען, יאָ, חול־המועד פסח, און אפשר חול־המועד סוכות; נאָר זיכער חול־המועד, גייען פון ערגעץ א פּאָר מענטשן ביינאַכט . . . פון א שימחה, צי פון א חולה. בית־המדרש־לייט, יונגע לייטלעך... ערגעץ זיך פארזעסן. פאראמפּערט זיך אין לערנען... גייען זיי אזוי איבערן מארק — פארן קירזשנערס שטוב פארביי — ביים קירזשנער לייכט זיך... דורכן לאָדן לייכט זיך... פאלט זיי איין א חשד; יונגע לייט! באשר בכן, נאָך יום טוב איז באלד יריד, ארבעט ער, דער עם־הארץ, אויפן יריד אום חול־המועד, און באלד האָט מען א סמך: ולא עם הארץ חסיד! ווילן זיי אים כאַפּן... און עס איז לייכט צו כאַפּן: דער לאָדן איז נאָר צוגעשפּארט. גיט מען א קלאַפּ אין לאָדן! וואָס האָבן זיי אבער דערזען? דער קירזשנער זיצט ביי א חלבן ליכטל איבער א ספר און וויינט... מען זעט בחוש, ווי ער וויינט... טרערן גיסן זיך... ער קוקט אין ספר אריין און זיי גיסן זיך! און אין שטוב איז ליכטיק. נ י ש ט ווי פון א חלבן ליכטל. און ער טוט זיך זיינס און הערט נישט, און מען האָט גע־עפנט דעם לאָדן. בלייבן זיי שטיין דערשראָקן, מאכן זיי שטיל צו דעם לאָדן... — זאָל עס בלייבן, זאָגן זיי, בסוד... ווער ווייסט, וואָס דאָס באדייט... דאָס איז איינס. אין א פּאָר יאָר שפּעטער מאכט זיך ווייטער אזא מעשה: פּלוצלינג הערט זיך א משונהנער קלאנג, עס ווערט א קלא דלא פסיק, — באשר בכן, אז ערגעץ אין דער סביבה, נאָכדעם ווי עס איז ניפטר געוואָרן א מרא דאתרא, האָט קהל אראָפּגעברענגט צוויי רבנים...

דאָס הייסט: באַלעבאַטים — איין רב און חסידים — אַ צווייטן רב...

היינט איז מען געוווינט צו אַזוינע זאַכן. דעמאָלט — נאָך נישט. אַ פּשוטער חילול השם... מחלוקת... ווערט איין אסיפה, אַ צווייטע, אַ דריטע — אהין אהער, עס בלייבט עס זאָל פּסקענען דער לובלינער רב! וואָרום אַ מעשה — ביידע רבנים זענען לומדים, ערלעכע יידן, און ביידע זענען אַראָפּגעברענגט געוואָרן אין איין טאָג! דער איז אריינגעקומען פון מזרח־זייט, דער פון מערב־זייט און האָבן ביידע זיך געטראָפן פּונקט אין מיטן מאַרק! גיי וויים וועלכן אָפּצושאַפן!

— און וואָס האָט געזאָגט דער לובלינער רב?

— דאָס איז דאָך די מעשה, ער האָט אויך גאָרנישט געזאָגט... ער האָט נישט — זאָגט ער — קיין וואָג אָפּצווועגן רבנים!... נאָר וואָס דען? און דאָ הויבט זיך ערשט אָן די מעשה... אַ קלאַ דלאַ פּסיק, אַז דער לובלינער רב האָט זיך אַן עצה געגעבן, זיי זאָלן אַראָפּשיקן צוויי באַלעבאַטים אין דעם און דעם שטעטל אריין (ער האָט זיי אָנגערופן דאָס שטעטל) פרעגן זיך צו לייבל קירזשנער — לייבל האָט ער געהייסן — און וואָס לייבל קירזשנער וועט זאָגן, אַזוי זאָל זיין... אַזאַ קול איז אַרויס. ווער האָט דערציילט? מען ווייסט נישט. זענען דאָ געווען פרעמדע מענטשן? עס ווייזט זיך אויס, אַז עס זענען געווען. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין גאַס צוויי פרעמדע לייט... משונהדיקע ספּאָדיקלעך... נישט געהאַנדלט, נישט געקויפט, נישט פאַרקויפט — גאָרנישט און נעלם געוואָרן. עס געפינט זיך שוין איינער, וואָס האָט זיי געזען ביי לייבל קירזשנערס שטוב... לויפט מען צום רב, ווייסט ער פון גאָרנישט. גייט, זאָגט ער, צו לייבלען און פרעגט, גייט מען און מען וויל פרעגן. זעט מען — לייבל פּאַקט זיך —

— וווּ אהין פאָרט איר, ר׳ לייבל? — מען זאָגט אים שוין: „ר׳ לייבל״!

קיין ארץ ישראל פאָרט ער.

איר פאַרשטייט אַ מעשה? קוים זאָל ער נתגלה ווערן, פאָרט ער קיין ארץ ישראל...

— און ער איז געפאָרן?

— געפאָרן!

מאַציעי שלאָפט.

דער וואָגן טרעפט אויף אַ צווייג פון אַ געווועזענעם בוים און

שפרינגט קאפויר. מען איז דאָך אָפּגעקומען מיט א קליין ביסל שרעק. מיר פאָרן ווייטער טריט ביי טריט און ר' משה הייבט צוריק אָן צו דערציילן.

— יאָ, — ווו האלט איך? ביים אוועקפאָרן...

געווען איז אָבער נאָך איין ערלעכער ייד, אפילו א פּלוטעוואטער, בייזער ייד, א שטיק משוגעת — א דרדקי־מלמד, יאָסל בערציעס האָט ער געהייסן, און דעם יאָסל בערציעס שיקט ער רופן פארן אוועקפאָרן! ער דאַרף אים עפּעס מוסר זיין...

די בויד שטייט גרייט, אָנגעפּראָפּט מיט פארשוינגען און מען וואַרט, און זיי שמועסן עפּעס חדר בחדר אויפן אויער.

און עס איז געווען א וויכטיק ענין.

— זיי ווייסן, האָט ער אים מוסר געווען, אז דער שר של אש איז אין כעס אויף אונדזער קהילה!...

— פארוואָס? פרעג איך.

— דאָס האָט טאקע יאָסל בערטשעס אויך געפרעגט, האָט ער אים אָבער נישט געזאָגט און אפשר נישט געוואָלט זאָגן, געזאָגט האָט ער, אז עס איז א גאנצער ענין, צו דערציילן באריכות, און די בויד וואַרט, און ער וויל נישט, דער בעל־עגלה זאָל שעלטן... נאָר אין כעס איז ער, און וויל דאָס גאנצע שטעטל פארברענען. מילא, כל־זמן—זאָגט ער—איך בין דאָ געווען, האָב איך נישט דערלאָזט... גאנצע נעכט בין איך געזעסן איבער הייליקע ספרים... דער שר־של־אש לאָזט א פונק אויף א שטרויענעם דאַך, איך — א טרער אויפן ספר, און די טרער אויפן ספר פארלעשט דעם פונק אויפן דאַך!... אצינד פארשטייט איר, וואָס עס איז געווען חול־המועד, האַ?! און אזוי כמה שנים — זאָגט ער — האָבן מיר זיך גע־באָרעט, ער — פייער; איך — וואסער! היינט — זאָגט ער — פאָר איך אוועק... וויל איך, זאָגט ער, אז דו, יאָסל בערטשעס, זאָלסט באַשיצן אויף מיין אָרט די קהילה... זאָלסט זיין ממלא מקומי.

גאנצע נעכט זיצן איבער ספרים און וויינען? — פרעגט יאָסל.

— דאָס נישט — זאָגט ער — נישט פאר דיין כוח! וועסט פאר חלשות באלד איינשלאָפן... נאָר מוסר וועל איך דיר מוסר זיין צוויי שמות — איין שם אויף רעגן! וועסט דיך צו אים מתכוון זיין א י י נ־ מ אָ ל, וועט אָנהייבן טריפן, וועסט נאָך קיין עננים נישט זען און טריפן וועט... וועסט דיך מתכוון זיין דאָס צ ווי י ט ע מאָל, וועלן קומען עננים און עס וועט זיין א שפּריי רעגן... וועסטו דיך אָבער מתכוון זיין צום ד ר י ט ן מאָל, וועלן אָנקומען נייע עננים ווי די בערג און

וועלן פאַרדעקן דעם גאַנצן הימל, און עס וועט אַראָפּפאַלן אַ שלאַגס־רעגן, וואָס וועט פאַרלעשן דאָס גרעסטע פייער!... ווייסטו אָבער זען, אַז עס איז גענוג — האָסטו אַ צווייטן שם — אויף טריקעניש. קוים וועסטו זיך מתכוון זיין צום שם, וועט קומען אַ ווינט פון מזרח־זייט און אויס־קערן די ענגים, ווי מיט אַ בעזעם, און פאַרזאָגן זיי לאַרבע כנפות הארץ. און דאָ וועט אַרויס אַ תמוזדיקע זון, אַ מחיה, און כהרף־עין וועט ווערן וואַרעם און טרוקן, ווי אונטערן אויוון... נאָר, הוי זהיר, צ ו ו י י מאָל צום שם זאָלסטו דיך נישט מתכוון זיין, ווייל עס וועט ווערן אַ היץ, ממש אַ פייער, וואָס וועט פאַרברענען אַלע תבואות און אַלע גראָזן. און מענטשן, און בהמות, און חיות ועופות וועלן, חס־ושלום, משוגע, מטורף ווערן... און עס וועט ווערן, חס־ושלום, אַ שנת בצורת — אַ הונגער, רחמנא־ליצלן...

וכך־הוה! ...

עס גייט נישט אַוועק אַ וואָך נאָך זיין אַוועקפאָרן, קומט אָנצופאָרן פון אַלדי שוואַרצע יאָר מכלומרשט אַ דייטשל, פרעגט זיך נאָך וועגן שוועלן און אַנדער געהילץ. קויפן קויפט ער נישט, נאָר ער גייט אַרום מיט אַ פּיפּקע אין מויל און פרעגט אויס וועגן מקחים און פאַרשרייבט... פּיפּקעט און פאַרשרייבט, און עס באַווייזט זיך איינמאָל פאַרנאַכט אַ ווינטל, און כאַפּט אַרויס אַ פונק פון דער פּיפּקע, און יאָגט אַרויף אויף אַ שטרוי־ענעם דאַך! פאַרנאַכט איז עס געוועזן...

דער עולם איז ביי מנחה... פאַלן אַריין עטלעכע מאַרק־יידענעס: עס ברענט!... דעם און דעמס שפּייכלער ברענט. איידער וואָס, איידער ווען — אַ שריפה...

מען לויפט, מען שרייט, מען זוכט וואַסער — דער ברונעם איז אָן אַ שטריק. ווו זענען די שטריק? מען לויפט צום „הויף" נאָך נייע שטריק און דאָ פּלאַקערט...

איז דאָך דאָ יאָסל בערטשעס, לויפט מען צו יאָסל בערטשעס, לויפט יאָסל בערטשעס אין מקווה, איז זיך טובל דריי מאָל און קומט אַרויף און איז זיך מתכוון צום שם — עס הייבט אָן טריפן... נאָכאַמאָל זיך מתכוון — אַ שפּריי־רעגן!... איז שוין אָבער געוועזן צו שפּעט, דאָס פייער פּלאַקערט וואָס אַמאָל שטאַרקער... דאָס רעגן־וואַסער פאַלט זידנדיק און קאָכנדיק אויפן פייער, עס זידט און קאָכט אין די אויערן!!! איז ער זיך נאָכאַמאָל מתכוון — נו, נו!... קומען אָן שוואַרצע וואָלקנס מארבע כנפות הארץ — עס ווערט אַ געגיסעריי, וואָס זאָל איך זאָגן, אַ מבול!

— און פאַרלאָשן די שריפה? — פרעג איך... דער ייד ווערט טרויעריק:

— איידער וואָס, איידער ווען, די שטאָט איז נחרב געוואָרן!

— צו שפּעט?

— דאָס איז ראשית... והשנית — האָט יאָסל בערטשעס דעם צווייטן שם פאַרגעסן! דאָס מבול האָט פאַרטרונקען דעם רעשט... און זעט איר, דאָס וואַסערל, וואָס איר זעט, איז אַ זיכר פון יענעם וואַסער... עד־היום נישט אויסגעטריקנט...

— און ווי אַזוי האָט עס פאָרט אויפגעהערט?

— ס'איז דאָך נאַריש — ענטפערט ער — קיין מבול האָט דאָך נישט געקענט זיין — עס האָט דאָך ג ע מ ו ז ט אַמאָל אויפהערן.

מיר פאָרן שוין אין וואַסער אריין.

— הפלא ופלא! כאַפּט זיך אַרויס ר' משה.

— וואָס? פרעג איך.

— אָט, אַ ז אַ וואַסער, און די פערד גייען... און מאַטשעי פיפּקעט... גלייך גאָרנישט!

כד.

ר׳ בערל

דאָס שטעטל רעש׳ט

— ר׳ בערל איז מסוכן! ר׳ בערל איז שטאַרק, שטאַרק שלאַף! ר׳ בערל גוססעט! מען דאַרף, נעבעך, רחמים... אַ כשרער ייד, אַ כשרע נשמה, אַזאַ פרומע!

אַזוי האָט מען געקרעכצט אין רעדל אין גאַס.

— ווער איז ר׳ בערל? — פרעג איך.

— ווי הייסט? איר קענט נישט ר׳ בערלען? ר׳ בערלען קענט איר נישט?

מען האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ ווילדן מענטש; גלייך איך וואָלט געקומען פון הינטער די הרי־חושך.

— רבותים, — האָב אַך מיך פאַרענטפערט, — איך בין דאָך נישט קיין היגער, ווי לאַנג בין אַך דען דאָ?

— פונדעסטוועגן! ווער קען נישט אַזאַ ייד. אַזאַ ייד! אַ קינד פון דער וויג דאַרף קענען ר׳ בערלען! ער איז אַן אמתער ייד. ווען אַלע יידן זאָלן אַזוי זיין, וואָלט שוין לאַנג משיח געקומען!

מהיכי־תיתי, טראַכט איך מיר, זאָלן אַלע יידן גוט און פרום זיין און זאָל משיח קומען!

איך שטוים מיך, אַז ר׳ בערעלע איז אַוודאַי אַ ייד אַ למדן, אַ בעל־צדקה, דערצו נאָך אַ פ ר ו מ ע ר ייד.

איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב ווירקלעך אַמאָל געזען אַ ספר פון אַ טשאַכנאָווקער מחבר!

— דאָס האָט ער עס געמאַכט אויף טהרות? — פרעג איך.

דער עולם ציט די אַקסלען: ר׳ בערעלע, זאָגט מען, האָט קיין ספרים

נישט געשריבן, ער איז אפילו נישט קיין גרויסער למדן... אזוי דאָרט: אַ פּרק משניות, אַ שטיקל עין־יעקב און דאָס אויך — קוים, קוים־

האַ, טראַכט איך מיר, אַז נישט קיין מופלג — איז ער גלאַט געוועזן אַ בעל־צדקה! דאָס שטעטל האָט אַ שיל, אַ בית־המדרש, אַ שטיקל „אורחים־הויז", וואָס דינט אינאיינוועגס פאַר אַ הקדש... עס איז דאָ אַ מיקווה... און איך פרעג: וועלכעס פון זיי האָט ר' בערל געבויט?

דער עולם אָבער מיינט — איך מאַך חוזק; ר' בערעלע האָט נישט געבויט: נישט קיין בית־המדרש, נישט קיין מקווה, נישט קיין „אורחים־הויז"...

— ער איז געוועזן — זאָגט מען מיר — ב ט ב ע גאָר אַ קאַרגער! נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ער האָט אָן פּראָצענט קיין ייד קיין דרייער נישט געבאָרגט... עס זאָל אים נישט זיין צו גנאי, ער האָט אפילו קיינמאָל קיין פּלעט אויף שבת נישט אהיימגענומען... ערב יום־כפּור, אַז ער פלעגט שוין יאָ אריינוואַרפן אין דער „קערה" אַ האַרטן דרייער, האָט אים אויך, נישט צו זינדיקן מיט די רייד, די האַנט געציטערט...

— אַ וואונדערלעכע זאַך, — באַמערקט איינער, — אַלע פרומע יידן, אַלע אמתע יידן זענען קאַרג! פון וואַנען נעמט זיך, אַז געלט גיבן נאָר די דייטשן? אַלע צדקה־חברות, אַלע כשרע הלוואות מאַכן דייטשן, און די אמת־פרומע לייט האַלטן זיך גאָר פון דערווייטן. למשל, ר' בערל, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ער איז דאָך געוועזן אַ נהרג על פּחות משווה פּרוטה...

דער עולם קלערט תירוצים און איך גיי צו אַן אַנדער רעדל.

— ווי צו די יאָר! — קלאָגט מען. — ר' בערעלע, ר' בערעלע! אינגאַנצן זיבעציק יאָר! עס איז נעבעך זייער ביטער, זייער ביטער!

— האַ, — טראַכט איך מיר, — שוין דאָס צווייטע רעדל, עס מוז ד אָ ך עפּעס זיין! איינער קרעכצט:

— ווי איז מיר, אַזאַ מיוחס!

איז ער נישט, טראַכט איך מיר, עפּעס אַן „אייניקל", האָט ער נישט זכות־אבות?

— ע! — רופט זיך דערווייל אָן דער צווייטער, — וואָס פאַר אַ מיוחס! דער טאַטע זיינער איז געוועזן אַ שענקער. פון אבות־אבותיו איז ער קיין מיוחס נישט, מילא פון ווייבס צד...

— פון ווייבס צד ווייסט מען...

— נאָר גלאַט — יחוס עצמו! אַ קליינקייט ר' בערעלע! פּהי!

— פהי! פהי! — מאכט דער צווייטער. — פהי, פהי, פהי! — דער דריטער.

— יידן, בעט איך מיך, זאָגט מיר פּאָרט, ווער ר׳ בערעלע איז!

מען האָט מיך ווייטער אָנגעקוקט ווי א ווילדן מענטש.

איך גיי אזוי דורך דעם גאַנצן מארק, וויפל עס שטייען רעדלעך, אזוי פיל מאָל הער איך אַלץ קרעכצן: ר׳ בערעלע, ר׳ בערעלע. קיין איינ־ציק וואָרט פון געשעפט. גאַנץ טשאַכנאָוועקע לעבט, זעט אוים, פון גרייטן, שניידט קופּאָנעס, האָט נישט וואָס צו זאָרגן.

איך זע, ווי א וואַסער־טרעגער פארלירט פּלוצלינג, אין מיטן גאַס, צוויי קאַנען וואַסער, די קלעפּקעס פון די געשפּרענגטע קאַנען שווימען אַוועק! גאָר נישט געוווסט האָט ער נעבעך! מען האָט אים ראַפּטים גע־זאָגט, אז ר׳ בערל שטאַרבט! א יידענע האָט, דורך דער אייגענער סיבה, אָנגעהויבן שרייען: געוואַלד און געוואַלד! עס שטיקט זי, עס איז איר נישט גוט, עס עקט זיך איר לעבן! באַלד רינגלט זי אַרום א חברה ווייבער, אין שאַלן, אין טשעפּקעס, מיט טיכלעך אויף די קעפּ, טייל בלויז אין האַרבענדער, איינע די אַנדערע וויל איבערשרייען... אוים קינאה, ווערט א יללה, א געפילדער.

— יידן, בני־רחמנים, — שרייט אַלע איבער א פּיסטל פון א גבאיטע, — יידן בני־רחמנים, וואָס שווייגט איר? לאָז מען עפּעס טון, לאָז מען ראַטעווען! מיר ווייבער וואָלטן יאָ געטון, נאָר וואָס קענען וויי־בער טון? שוואַכע נשמות, פינצטערע נפשות!...

די גאַנצע גאַס ווערט פול מיט געוויין.

עס מוז דאָך עפּעס זיין, טראַכט איך. עס פאַלט מיר איין, אז ר׳ בערל איז, על־כל־פּנים, דער גרויסער ערלעכער מאַן. „עסקת באמונה" איז א גרויסע זאַך, אפשר האָט ער גאָר משיב געווען א גרויסע אבידה.

— הערט נאָר, ר׳ קרוב, פרעג איך איינעם, מיט וואָס האַנדלט ר׳ בערל?

— ר׳ בערל, — ציט ער מיט די אַקסלען, — האָט קיינמאָל נישט געהאַנדלט; כל־זמן דאָס ווייב האָט געלעבט, האָט זי געהאַט א שענק, א פּראָסטע שענק... מען האָט אַפילו גערעדט אויף דער שענק... פאַר־שטייט איר, א יידענע! איר דאגה, זעסטו, וואָס עס טוט זיך דאָרט אינעם פינצטערן חדר... עס איז געווען גאָר א מיאוסע שענק... עס האָט נישט איינמאָל דעם עולם פאַרדראָסן... אז מען האָט אָבער געזען, אז ר׳ בערל שווייגט, האָט מען אויך געשוויגן.

עס בלייבט נישט מער נאָר אַ פּראָסטער „ירא־שמים"! אויפן אָרט פון תורה — תעניתים; אויפן אָרט פון ערלעך האַנדלען — כוונה מיט — זייט מיר מוחל — נאָך עפּעס...

ווייס איך? אַ כשל־ברך, אַ חלש, אַ „בעל־בכיה"... און נאָך אַזוינע יידישע מעלות...

איך קלער נאָך פון „גלגול שלג": אַ קשיא אויף אַ מעשה. ווייניק שניי פאַראַן?

אַזוי טראַכטנדיק, גיי איך צוריק אויף דער סטאַנציע, אויסצופרעגן די היימישע לייט.

מיין סטאַנציע איז געווען, ווי געוויינלעך אין אַזאַ שטעטל, די צווייטע שטוב פון אַ שענק. נאָר היינט האָט אַלץ אַנדערש אויסגעזען! די שענק־שטוב איז ליידיק: דער באַלעבאָס איז נישטאָ. געלאָפן, דאַכט זיך, צופוס, צו ר' בערעלעס רבין, דערציילן אים ווי עס האַלט. „דער רבי, זאָל לעבן, ווייסט אוודאי אַלץ אַליין, נאָר דער דרך איז, מען זאָל אים מודיע זיין". די באַלעבאָסטע איז געלאָפן אויפן הייליקן אָרט. די שנור רייסט איין די שיל. דער איידעם פירט דאָס רעדל ביים תהילים־זאָגן אין בית־המדרש... ביי דער שענק שטייט אַ צעשויבערט דינסט־מיידל, מיט וועלכן איך האָב מורא צו רעדן, עס איז דאָך טשאַכנאָווקע! איך גיי גלייך אין מיין שטוב אַריין, זעץ מיך שרייבן בריוו.

איך דערהער: ר' בערעלע! און אייל מיך צו דער טיר: אין שענק שטייען שוין צוויי יידן. איינער אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, אַ סימן פון אַ טרעגער; דער צווייטער מיט אַ גרויסער רויטער נאָז, אַ סימן־מובהק פון אַ „חברה־נושאים־מאַן".

— הערסטו ברודער, — מאַכט דער חברה־נושאים־מאַן, — שלעכט איז זייער, נאָר סיי־ווי־סיי, אַ קאַפּ מוז מען מאַכן! ר' בערעלע — ער זאָל נאָר אויף מיינע הענט נישט קומען, מאריך־ימים זאָל ער זיין, — האָט אויך ליב אַ קאַפּ, אָבער גאָר שטאַרק! באַ, ווען איך האָב אַ שענק, וואָלט איך מיך אַנדערש געפירט; ביי מיר האָט אַ ווייב קיין דעה נישט... נאָר ר' בערעלע! נעבעך... דאָס מרשעת פלעגט אים אָוועקיאָגן ווי אַ קאַץ פון דער מילך! אַ שטילער ייד, נעבעך... נישט געוואָלט זיך קריגן... פאַר דאָס אין שטיבל — אַ תיקון, אַ יאָרצייט, פלעגט ער שוין אָפּדאַווענען דער ערשטער, דער ערשטער אַ ברכה מאַכן.

— אוי־וואַ, אוי־וואַ! — באַוואונדערט דער טרעגער.

מען האָט זיי אָנגעגאָסן בראָנפן.

— דרייסיק יאָר האָב איך מיט אים צוזאַמען געדאַוונט, — מאַכט דער חברה־נושאים־מאַן מיט גאווה.

— טאַקע אַ זכיה! — ענטפערט דער טרעגער.

— לחיים!

— לחיים טובים ולשלום! ר׳ בערעלען צו׳ן רפואה שלימה: וואָס שאַדט עס, גאָט, ברוך הוא, לאָז ער נאָך עטלעכע יאָר דאָ דאַווענען.

— קיין גרויסער דאַווענער, — רופט זיך אָן דער חברה־נושאים־מאַן, — איז ער קיינמאָל נישט געווען; ער איז נאָך פון די ערשטע קאָצקער!

געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט בין איך נ י ש ט. עס איז געווען סכנת־נפשות אין שטעטל. אַלע מאָל האָבן מיך אויפגעוועקט אַנדערע קולות. אין מיטן דער נאַכט האָב איך דערהערט, ווי מיין באַלעבאָס, ר׳ יונה, איז געקומען. ער האָט געברענגט פון רבין אַ ידיעה, אַז מען דאַרף רחמים! און, קריכנדיק מיט די שטיוול אין בעט אַריין, אָנגעזאָגט דעם עולם, מען זאָל אים אַלע מאָל וועקן און זאָגן וואָס עס הערט זיך.

און אַלע פערטל שעה כמעט האָט עמעצ אַנדערש אַ זעץ געטון אין לאָדן:

— יונה, הערסטו? ר׳ בערעלע, קיין עין־הרע נישט, שוויצט! ר׳ בערעלע ניסט, ר׳ בערעלע דאָס, ר׳ בערעלע — יענץ!... פאַרטאָג איז אין לאָדן אַריין ווי אַ דונער; די שויבן האָבן געפּלאַצט, עטלעכע שטיקלעך גלאָז זענען צו מיר אין בעט אַריין. דאָס האָט מען געוואָרפן ר׳ יונהן צו יציאת־נשמה. אַצינד איז ערשט געוואָרן אַ געוויין, דאָס גאַנצע שטעטל איז ווי איינגעזונקען געוואָרן אין אַ ים פון טרערן. עס האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז איך שווים אַרום מיטן בעטל אין אַ מבול. עס האָט מיך געשווי־דערט. אַלע מיינע טויטע קרובים האָבן זיך מיר אויפגעוועקט אין זיכרון, און איך האָב מיטגעוויינט מיט טשאַכנאָווקע.

אויפן טאָג ערשט איז שטיל געוואָרן. איך בין איינגעשלאָפן און האָב מיך אויפגעכאַפּט ערשט פאַרנאַכט צו דער לוויה...

מען האָט געטראָגן די מיטה אין שיל אַריין; דער רב איז אַרויף אויפן בעלעמער... דער רב נעבעך פאַרהיקעט זיך... שפייט... שטעלט זיך, מיט דער גאַנצער וועלט צוגלייך, אויפן פּסוק: בכו בכה להולך. צוויי זייגער שעה נאָכאַנאַנד קוועטשט ער די אַלטע אויגן מיטן אַלטן פּסוק; צוויי

זייגער שעה האָב איך מיך געלאָזט פּרעסן און דריקן, און האָב ד אָ ך אי־בער ר׳ בערעלען קיין וואָרט נישט געהערט.

צוריקגייענדיק פון דער לוויה, פרעג איך מיין באַלעבאָס, אויב ר׳ בערל איז אַן עושר געווען.

— אַ זעכציק טויזנטער! — ענטפערט ער בקיצור.

— אַלץ פון דער שענק? — פרעג איך פאַרוווּנדערט.

— היד ה׳ תקצר? — זאָגט ר׳ יונה.

— הערט נאָר, — פרעג איך ווייטער, — האָט ער עפּעס אָפּגעזאָגט אויף עולמות?

דערווייל רוקט זיך צו אַ יונגערמאַן מיט אַ פּנים פון אַ בן־תורה, און כאַפּט אָן מיין באַלעבאָס ביים לאַץ.

— הערסט, יונה, עס וועט זיין אַ שיינער דין־תורה... אַ שודא דדיינא...

— וואָס איז? — פרעגט ר׳ יונה.

— הערסט דאָך, ר׳ בערל, זכרונו־לברכה, האָט פאַרזאָגט אַ תמיכה זיין שוועסטער, דער אלמנה. געזאָגט האָט ער כהאי לישנא: מען זאָל איר געבן זעכציק רובל אַ יאָר — פינף רובל אַ חודש...

— איך בין דאָך געווען דערביי, — ענטפערט אומגעדולדיק ר׳ יונה, — וואָס איז דער דין־תורה?

— שוטה! און „ואדר״?

ר׳ יוחנן גבאי

(א מעשהלע)

מיד, אָנגעהאָרעוועט פון קהלשער ארבעט, איז ר׳ יוחנן גבאי געקומען אהיים. אין דער קיך איז אים שוין אקעגנגעקומען דער ריח פון עסן, פונעם פלייש און די געקאָכטע עפּל. און ער איז שנעל געגאנגען ווייטער אין דעם צווייטן צימער אריין, דאָרט האָט אים אָבער דאָס ווייב זיינס, סאָשע, נישט פריינטלעך אויפגענומען.

— בטלן! — האָט זי געשריגן מיט געבייזער ווי דער גבאי האָט זיך נאָר געוויזן אויף דער שוועל.

— וואָס בייזערסטו דיך אַזוי? — האָט זי דער גבאי געפרעגט, ווערנד ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל אָפּרוען.

— ער פרעגט נאָך, וואָס איך בייזער מיך! תמיד ביסטו פארנומען מיט קהל־זאכן און ווערסטו, בטלן, עפּעס טון פאר דיר?

— פאר מיר? — האָט זיך דער גבאי געוווּנדערט — וואָס האָב איך דען פאר מיר צו טון? אונדזערע קינדער זענען שוין, ברוך־השם, זעלבסטשטענדיקע מענטשן און אונדז אַליין, דאַכט זיך, פעלט אויך גאָרנישט... און וואָס האָב איך צו טון? — אַרומקוקנדיק זיך אין שטוב, גיט ער נאָך צו: דאָס בעט זע איך איז צוגעבעט אָן מיר, די כלים זענען אויסגעפּוצט אָן מיין הילף; די ווענט האָב איך אַפילו נישט אָנגערירט און איך זע דאָך נישט אויף זיי קיין פּיצל שפּינוועבס. דער טיש איז שוין צוגעגרייט. דאָס טישטעך איז ווייס ווי שניי, די גאָפּל־מעסער און די לעפל בלישטשען ווי גאָלד. איך זע אויך אַ געמאַכטן רעטעך, אַביסל געריבענעם כריין, אַ פלעשל בראָנפן...

— הער שוין אויף מיט דיינע גריימען און גיי דיך בעסער וואַשן!

— ניין, סאָשע, איך וועל מיך נישט פריער גיין וואַשן, ביז דו וועסט נישט אַליין מודה זיין, אַז איך בין גערעכט. דאָ אין דערהיים האָב איך גאָרנישט וואָס צו טון, אָבער דאָרט אין דעם בית־המדרש האָב איך

א סך צו טון, ווייל ווער וועט זיך דערמיט אָפּגעבן, אז נישט איך? אפשר יאָסקע קרעמער, וואָס האָט נישט קיינמאָל קיין צייט אפילו צו עסן? צי אפשר יחיאל דער דאָרפגייער, וואָס גייט אוועק פון דער היים שבת־צו־נאַכטס תיכף נאָך הבדלה און קומט אהיים ערשט פרייטיק אין דער שפּעט? צי אפשר ראובן פּראָצענטניק, וואָס לויפט זיך אָן א גאַנצן טאָג צווישן די אָרעמע לייט, צוזאַמענצונעמען די עטלעכע זעקסערלעך פּראָצענט? אָדער אפשר איינער פון די אָרעמע בעלי־מלאכות, וואָס מוזן נעבעך שווער און ביטער ארבעטן אויף פּרנסה?

— לאָמיך שוין געמאַך! איך בין שוין נישט בייז...

— שאַדט נישט. איך ווייס, אז די ביסט שוין נישט בייז. איך וויל דיר אָבער נאָך באַווייזן, אז איך טו פאַר מיינעטוועגן אויך. אָט קוק, סאָשע, קוק אָן מיין ווייסע באָרד און פּאות! מיין נישט, אז איך בין נאָך א יונגער מענטש. מען מוז זיך שוין טאַקע אָנגרייטן אין וועג אַריין...

— אין וועג אַריין? וואָס פאַר א וועג? — פרעגט סאָשע פאַרוווּנדערט. זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, וואָס ער מיינט און האָט אויסגערופן מיט שרעק: חס־ושלום! חס־ושלום! רעד נישט, רעד נישט! אַל תפתח פּה לשטן!

— האָב נישט קיין מורא, סאָשע. דו ביסט שוין אויך עלטער פון 20 יאָר... און וואָס וועלן מיר טון, אז מען וועט אונז דאָרט פרעגן, וואָס מיר האָבן אַזוינס געטון אויף ד ע ר וועלט? וואָס וועלן מיר אויף דעם ענטפערן? אפשר וועלן מיר זאָגן, אז מיר האָבן דאָ געגעסן און געטרונקען? און וואָס וועט דער אייבערשטער זאָגן? דו, למשל, וועסט דיך נאָך קענען באַרימען, אז דו האָסט עוסק געווען מיט הכנסת־כלה...

— זיי שטיל! — בעט זיך סאָשע. זי האָט מורא, עס וועט איר שאַטן צום שכר אויף יענער וועלט.

— איבער דעם וויל איך אויך טון עפּעס גוטס...

— זייער גוט, זייער גוט. טו ווי דו ווילסט. גיי דיך נאָר וואַשן...

— נאָך עפּעס — זאָגט דער גבאי ווייטער — געדענקסט נאָך, סאָשע, דאָס זיידענע חופּה־קלייד דיינס מיט די זילבערנע פּאַסן?

— צי איך געדענק!

— אפשר וואָלסטו עס געגעבן אויף א פּרוכת?

— זייער גוט. איך גיי שוין...

— וואַרט, סאָשע־לעבן, איך האָב עס שוין אַליין גענומען. עס הענגט שוין אויפן ארון־קודש!

— גנב! — שמייכלט סאַשע.

אצינד ערשט גייט זיך ר׳ יוחנן וואַשן און עסט מיט אַפּעטיט. בענטשט און גייט שלאָפֿן.

ר׳ יוחנן גבאי איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, און זיין נשמה איז געפֿלויגן אין הימל אַריין, און האָט דאָרט איינגעשריבן אינעם בוך צווישן די מצוות:

„איך, יוחנן בן־שרה, האָב געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אַ הייליקע אַר־בעט, איך האָב מיר אין זין געהאַט: איך און מיין ווייב סאַשע זיצן אין אַ שיין הויז, בשעת גאָטס הויז, דאָס הייליקע בית־המדרש, איז בוי־פֿעליק און באַדאַרף אַ רעפּאַראַציע. איך האָב איבער דעם גערונגען בעלי־מלאכות, דאָס הויז צו רעפּאַרירן. היינט האָט מען אויך געבראַכט צוויי נייע בענק און אַ נייעם טיש. איך האָב אויך געהייסן ריייניקן די פּאָדלאָגע, די ווענט און אַלע כלי־קודש. איך האָב אויך אַנידערגעשטעלט אַ נייעם לייכטער פֿאַרן עמוד ביי דער מזרח־וואַנט. אויף דעם איז געווען אין דער קאַסע בסך־הכל 300 גילדן, דאָס איבעריקע האָב איך געמוזט דערלייגן פֿון מיין קעשענע — 45 גילדן מיט 18 גראָשן. אויפֿן חשבון פֿון מיין ווייב סאַשע האָב איך געלאָזט מאַכן דאָס זיידענע פּרוכת, חוץ הכנסת־כלה, וואָס זי באַשעפֿטיקט זיך דערמיט. גאָט זאָל עס איר געדענקען צום גוטן! אין בית־המדרש איז אַלצדינג געענדיקט געוואָרן גאַנץ גוט. און איך האָב אָנגע־זאָגט דעם שמש, ער זאָל, חלילה וחלילה, נישט מער אַריינלאָזן קיינעם נעכטיקן אין בית־המדרש, גאָטס הויז זאָל נישט מער זיין קיין שלאָף־שטוב פֿאַר „אָרחי־פּרחי״. ער זאָל געדענקען צו פֿאַרשליסן ביינאַכט דאָס בית־המדרש״...

ר׳ יוחנן גבאים נשמה האָט נאָך אַלץ געשריבן, איז געקומען צו פֿליען אַן אַנדערע נשמה און האָט איינגעשריבן אין איר בוך די דאָזיקע ווערטער:

„איך, בערל בן־יהודית, בין שוין אַ זיבעציקער. אַזוי לאַנג ווי איך האָב נאָר געהאַט כוח, האָב איך געאַרבעט אויף פּרנסה. ווי איך בין אָבער אַלט געוואָרן און האָב פֿאַרלוירן דעם כוח, האָב איך שוין מער נישט גע־קענט פֿאַרדינען, און האָב געמוזט אָנהייבן גיין אין די הייזער. תחילת איז מיר אפֿילו נישט שלעכט געווען. איך האָב שטענדיק געהאַט צו עסן. די באַלעבאַטים האָבן מיך גוט געקענט און האָבן מיך געשעטיצט. לאַנגזאַם בין איך זיי אָבער נימאס געוואָרן, און מען האָט מיר שוין זעלטענער דער־

לאנגט א שטיקל ברויט! מאנכעס מאָל — א טרוקנס, וואָס איך האָב עס אַפילו נישט געקענט צעקייען, ווייל איך האָב נישט מער קיין ציין... איך האָב איינגעזען, אַז איך וועל מוזן אין מיין שטאָט שטאַרבן פאר הונגער, האָב איך מיך אוועקגעלאָזט פון מיין שטאָט און בין דאָ אהערגעקומען. די קעלט איז געווען זייער גרויס, און איך האָב געוואָלט גיין אין בית־המדרש אריין נעכטיקן, אַזוי ווי מען איז זיך געוויינטלעך נוהג ביי יידן. דער שמש האָט אָבער פארשלאָסן די טיר, און האָט מיך נישט אריינגעלאָזט. דער גבאי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט לאָזן קיינעם נעכטיקן אין בית־המדרש, כּדי דאָס הויז זאָל נישט ווערן קיין אכסניא... אצינד שלאָף איך אויף דעם גאַס און די קעלט פרעסט מיר אַרויס דעם מאַרך פון די אַלטע פארדארטע ביינער מיינע. איך בין הונגעריק און עס איז מיר שרעקלעך קאַלט... פרעג איך דיך, רבונו של עולם, ווער באַדאַרף גיכער האָבן דאָס בית־המדרש, ד ו אָדער א י ך?"

און עס איז אַרויס אַ בת־קול פון הימל: „רופט ביידע צום בית־דין של מעלה!"

און צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען געפונען טויט: דעם גבאי ר' יוחנן ביי זיך אינדערהיים אויפן בעט; און אן אַלטן אָרעמאַן — געפרוירן, אויף דער גאַס נעבן דעם בית־המדרש...

אייזיקל שוחט

1.

אַ מלמד שטאַרבט פּלוצלינג אַוועק

נאָך צוואַנציק יאָר קנעלן, און דווקא אין די רייכסטע הייזער פון שטעטל, איז אביגדורל־מלמד אַוועקגעפאַלן אויפן האַלדז; עס האָט זיך אים בלוט ג ע ו ו י ז ן, דאָס קול באַהאַלטן, און דערצו איז ער שטאַרק אָפּגעפאַלן.

— אַ שאָד נעבעך — זיפצט מען אין שטעטל — אַ ייד אַ למדן און א גוטער מלמד!

און עלנט איז אביגדורל ווי א שטיין. אַהערגעקומען קנעלן איז ער אַלס יונגערמאַן פון דער פרעמד; קיין קרוב, קיין גואל... דערצו נאָך אַן אַלמן מיט אַ פּיריעריק יינגל... איבער דער גאַנצער צייט האָט זיך אים קיין ק י נ ד ע ר נישט געהאַלטן; דאָס לעצטע מאָל איז ז י געשטאָרבן אין קימפּעט, און גיי פרעג גאָט א קשיא.

קהל האָט דאָך אַביגדורלען אין זין!

ערשטנס — איז געבליבן אין בית־המדרש — איז קיין יושר נישט, מען זאָל אים דאָס מעמד צונעמען; ער וועט דאָך נעבעך אויסגיין ווי אַ ליכט! שווינדזוכט, זאָגט מען אַפּילו, איז אָנשטעקנדיק, זאָל מען זאָגן! מיר ווייסן, אַז החיים־והמות איז טאקע נאָר ביי גאָט, ברוך־הוא, אין דער האַנט; אַז אָן זיין ידיעה האָט דער מלאך־המות קיין שליטה נישט; אָן זיין וויסן וועט זיך קיינעם קיין האָר נישט קרימען. — אַזוי איז געבליבן אין בית־המדרש אינדערפרי ביי שחרית, פאַרנאַכט ביי מינחה ומעריב, און דאָך איז זיך דאָס מעמד צעקראָכן.

אָנגעהויבן קאַליע מאכן האָט א „נחות־דרגא" — אַן אויפגעקו־מענער באַלעבאָס, דעם מומחהס א לייבלעך שוועסטערקינד; נאָך אים האָבן זיך די רעשט באַלעבאַטים צוריקגעצויגן...

קהל קאָן דאָך נישט צוזען, אַ ייד — אַ למדן זאָל שטאַרבן, חס־ושלום, פאר הונגער.

טון מוז מען! עס איז אַ מצווה און אַ יושר צוזאַמען. אויפן וועג ליגט דאָך די שאלה: װ ו ע ר דאַרף טון? דאָס גאַנצע בית־המדרש זאָגט, אַז דער עיקר חוב פאַלט אויף די באַלעבאַטים, וואָס האָבן אים דאָס חדר צענומען. ד י ווייטער זאָגן: כל ישראל ערבים זה בזה, און אויס־האַלטן אַ ייד אַ למדן איז מחויב גאַנץ קהל. זיי וועלן זיך די הענט נישט אָפּוואַשן, נישט שטיין פונדערווייטנס, נאָר דעם גאַנצן עול אויף זיך קענען זיי נישט נעמען!

דערפון מאַכט זיך אַ צווייטע שאלה: ווו האָט קהל געלט? עס זע־נען פאַראַן דריי דאָזאָרצעס, נאָר דער אמתער ראש־הקהל, דער מושל־בכפה, איז ר׳ שמערל, אַ פרומער, מתונותדיקער, שטילער משניות־ייד... און ר׳ שמערל זאָגט, אַז אויספירן מיט דער הכנסה, וואָס קהל האָט, קאָן ער נישט, אַז איין גראָשן זעט נישט דעם צווייטן, אַז קהל איז אַ געלע־כערטער זאַק, אַז ער מוז צולייגן פון דער קעשענע! און — איינס פון דיביידע: אָדער ער וועט זיך מוזן גטן מיט דעם ווייב, וואָס טוט אָן מעשים, אָדער אוועקוואַרפן קהל; זאָל אַן אַנדערער גיין אין ספּאָדיק! מילא! דאָס — זאָגט מען — איז נאָך נישט פון די גרויסע זאַכן; דערויף איז נאָך דאָ אַ תשובה: אָדער מען קלויבט אויס אַן אַנדערן ראש־וראשון, אָדער — טוט מען זיך אָן אַנדער עצה. היינו: מען מאַכט אויף וואָס עס איז אַ פונדוש! ווייט דאַרף מען נישט זוכן: שבת־ליכט, כל־מיני שפּייז... נאָ־סע הייוון זענען שוין פאַרדינגען, מאַכט מען פון טרוקענע. אַנישט זאָל מען פאַרדינגען נאָך אויף דריי יאָר דאָס באָד. און אפשר איז גלייכער אויפצונעמען אַ שוחט. די דריי גייען אין גאָלד, זאָל נאָך אַ ייד, נישט דווקא ר׳ שמערלס אַ קרוב, האָבן פּרנסה, און קהל — אַ פּאָר גראָשן! און אַ פונדוש דאַרף מען סיי־ווי־סיי: דער שיל־דאַך שיילט זיך, די מקווה דאַרף רעפּאַראַציע, אַנישט זענען די נשים מסוכן. היינט איז שוין, ברוך־השם, די תלמוד־תורה בטל עטלעכע יאָר, שוין צייט עס זאָל אויף איר אויך אַן אויפרעכטונג קומען...

און באַשטייט קהל נישט אויף די אַלע פּלענער, זאָל מען מאַכן אַ נדבה, אַ שיינע נדבה! זאָל מען גיין מבית־לבית! קעסט־קינדער, וואָס האָבן, ברוך־השם, צייט און געזונטע פּיס, פעלט נישט, קיין עין־הרע!

דערווייל האָט מען אביגדורלען אָפּגעזאָגט פון דער דירה.

דעם טאָג האָט ער פאַרבראַכט ווי עס איז. אַביסל אין בית־המדרש,

אביסל אין באַקאַנטע שטיבער. ווו ער איז געקומען מיטן ייִנגל, האָט מען זיי מיט עפּעס מכבד געווען: אַביסל בראָנפן (פאַרן קינד — ז י ס ן בראָנפן), אַ שטיקעלע לעקעך... נאָר אויף נאַכטלעגער האָט זיי קיינער נישט פאַרבעטן. נאָך מינחה־מעריב איז אביגדורל מיטן ייִנגל געבליבן אַליין אין בית־המדרש; אפילו די, וואָס לערנען געוויינלעך נאַכן דאַווע־נען, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו איילן אַהיים.

נאָך אַ פּאָר שעה איז אין גרויסן, לערן בית־המדרש אביגדורלען קאַלט געוואָרן! ער האָט איבערגעלאָזט דאָס קינד, וואָס איז איינגעשלאָפן אויף דער באַנק, און איז זיך געגאַנגען אָנוואַרעמען צו אַ בעקער, ווו מען אַרבעט די גאַנצע נאַכט. מען האָט אים דערלויבט, און ער האָט זיך גע־זעצט ביי דער וואַנט, נישט ווייט פון ברענענדיקן אויוון. אַ ליבע וואַרעם האָט אים דורכגענומען און ער איז איינגעשלאָפן. עס האָט אים קיינער נישט געוועקט און ער איז געשלאָפן ביז שפּעט אין דער פרי.

די צווייטע נאַכט איז ער געקומען שוין מיטן ייִנגל צוזאַמען זיך וואַרעמען. ער האָט פאַרנומען דאָס זעלבע אָרט, דאָס ייִנגל האָט זיך גע־זעצט דערנעבן און אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אויפן פאָטערס שויס. זיי זענען ביידע אַזוי געשלאָפן ביז אינדערפרי.

אַזוי האָט געדויערט עטלעכע טעג; ביז די פּאָליציי איז געוואָר גע־וואָרן. סכנת־נפשות האָט זיך געטון! דער בעקער איז שיר־נישט געגאַנ־גען אין תפיסה, ער האָט זיך קוים אויסגעקויפט מיט עטלעכע רובל און געהתמעט, אַז מער לאָזט ער אביגדורלען אין שטוב נישט אַריין. אַרט עפּעס די פּאָליציי, אַז אַביגדורל איז אַ ייִד אַ למדן? עטלעכע באַלעבאַטים זענען אפילו געגאַנגען בעטן, ווו מען דאַרף, נאָר וואָס איז היינטיקע צייטן ווערט אַ בקשה פון אַ ייִד.

אביגדורל איז געגאַנגען אין באָד אַריין... ווייטער דאָס זעלבע: די פּאָליציי מישט זיך אַריין און וויל פאַרמאַכן דאָס באָד מיט דער מיקווה! שפּאָרן זיך טאָר מען נישט; עס איז באמת אַ חורבה. רעד אַ וואָרט — לייגט מען אַ חותם, וועט קאָסטן אַ טויזנטער. עד־היום ווייסט מען נישט, ווער דער מסור איז געווען... געמוזט האָט מען דאָך מסרן, די פּאָליציי מישט זיך אַליין נישט אַריין!

סיי־ווי־סיי, אביגדורל מיטן ייִנגל האָבן שוין נישט ווו צו גיין; זיי זענען געבליבן אין קאַלטן בית־המדרש.

דעמאָלט איז טאַקע דאָס רחמנות אויפן פאָטער מיטן קינד נאָך

גרעסער געוואָרן! מען האָט ערשט דערזען, אַז זיי האָבן ביידע נישט קיין העמד אויפן לייב.

איצט האָט שוין דאָס גאַנצע בית־המדרש מודה געווען, אַז אביגדור׳ל פּאַלט אויף קהל. נאָר וואָס זאָל קהל טון? מען האָט זיך איבערגעלייגט, און מען איז געקומען צו דער דעה, אַז דאָס באָד פּאַרדינגען אויף דריי יאָר קען מען נישט. דערווייל איז עס אַ מפּולת. קיינער וועט קיין דרייער נישט געבן, ביז מען וועט עס נישט פאַריכטן.

אַ נייעם שוחט אויפנעמען איז אַ געפערלעכע זאַך; אָן מחלוקת וועט עס נישט צוגיין... און ווי לאַנג איז גאָר, אַז דורך אַ מחלוקת פון שוחטים האָט אַ האַלבע שטאָט געצאָלט שטראָף פאַר פּאַטענטן? — אויף דעם איז מען שוין אין גלות!

מיט געפּרעסטע הייוון, האָט זיך ארויסגעוויזן, האַנדלען מער קריסטן ווי יידן... אַ פונדוש אויף שפּייז וועלן די בעלי־מלאכות נישט צולאָזן. בעלי־מלאכות און חברה־נושאים זענען איין קניפּל; וועט זיך באַלד אָנהייבן אַן עסק מיט חברה־קדישא.

אויף עופות — וויל דער רוב באַלעבאַטים נישט. זיי זאָגן, אַז אויב עס וועט זיין אַ פונדוש, וועלן זיי אויפהערן עסן עופות... אויך קאָן דערפון ארויס אַ פּרצה קעגן שחיטת־חוץ! פיש זענען אַזוי אויך ממון־קורח... און אָפּליגן אויף דער לאַנגער באַנק טאָר מען פאָרט נישט; על־כן — מוז מען צוזאַמענגעמען אַ נדבה. מען הייבט שוין אָן קלערן: מי ומי ההולכים? ווער מיט וועמען?

נאָר — אַ מענטש דענקט און גאָט לענקט.

אין שטילן מאַרק איז פּלוצלינג אין מיטן דער וואָך, אין אַ פּראָסטן דינסטיק, אַ געפּילדער געוואָרן: אַהר׳לע בעל־עגלה, מיט זיין ברישקע, מיט זיינע פערדלעך ווי די לייבן, טרייבט, יאָגט אויף־און־אָפּ, איבער בערג און טאָל, שטיין און ביין; אויף־און־אָפּ, אַהין און צוריק, אַז עס פאַרהילכט די אויערן! אין ברישקע זיצט ר׳ גבריאלטשע. פון דער רעכטער זייט האַלט אים אונטער דאָס צווייטע, צי דאָס דריטע ווייב, פון לינקער זייט — דער מומחה פון שטאָט. ביידע קלאַפּן דעם בעל־עגלה אין קאַרק אריין: פאָר! פאָר! פאָר! גזלן! אַ כפּרה צען פערד פאַר אַ מענטש!

ר׳ גבריאלטשען האָט זיך, לא־עליכם, אַ דאַרם איבערגעדרייט. ער האָט שוין, זאָגט מען, קוועקזילבער גענומען, טייל זאָגן אפילו: פּיזעם אויך! און פריער גאָט און דערנאָך אַהר׳לע מיט זיינע לייבן, קענען אים

ראַטעווען. דערווייל איז נישט גוט! דער אַלטער חברה־קדישא־שמש, וואָס האָט שוין געזען מער מתים, ווי אַן אַנדערער לעבעדיקע, זאָגט, אַז אויב די קישקע גלייכט זיך נישט אויס נאָך אָהר'לעס טרייבן איבערן מאַרק, איז גאָר נישט גוט; מוז שוין דאָרט זיין אַ קשר של קימא, דאַרף מען טאַקע גרויס רחמים!... מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון ערגעץ אַ דאָקטאָר, האָט ער אויך מודה געווען, אַז נאָר איין גאָט קאָן העלפן...

פון אַ נדבה־מאַכן פאַר אביגדורלען האָט מען פלוצלינג אויפגעהערט צו רעדן. פאַרוואָס? קיינער ברענגט עס נישט איבער די ליפּן, נאָר יע־דערער ווייסט די סיבה... דער חודש־גבאי פון חברה־קדישא בלאָזט זיך שוין: ער רעדט שוין מיט עלטערע יידן בלשון „אתה", דערלאַנגט שוין קיינעם קיין שמעק טאַבאַק נישט. זאָג אים: גוט־מאָרגן, הערט ער קוים! ער ווייס, אַז עס גייט זיין ממשלה!

און קהל האָט מיט ר' גבריאַלטשען אַ לאַנגן, לאַנגן חשבון. נישט נאָר אביגדורל וועט אויפגעריכט ווערן! אַ ייד, קיין עין־הרע, אַ גביר: דריי הייזער, צוויי שפּייכלער, באַר גאָר אַ מטמון און — אָן קינדער! אַ מענטש, ר"ל, זאָל קיין שליטה נישט האָבן אויף זיין אייגענעם גראָשן... קיין קערה, קיין מעות־חטין, קיין „מאיר בעל־הנס", קיין אורח אויף שבת, גאָרנישט! פּורים ווערט ער כלומרשט קראַנק און פאַרמאַכט טיר און טויער! זייט ער האָט דאָס לעצטע מאָל חתונה געהאַט, צוריק מיט אַ יאָר צוואַנציק, האָט ער קהל אפילו מיט לעקעך און בראָנפן נישט מהנה געווען...

קיין שלעכטס, חס־ושלום, ווינטשט קיינער נישט. אַ ייד בלייבט אַ ייד. דעם רבונו־של־עולם וועט קיינער קיין עצה נישט געבן, נאָר וואָס אמת איז אמת.

ביי אָהר'לע בעל־עגלה איז שוין אַ פערד געפאַלן און עס העלפט נישט! להבדיל, דער חברה־קדישא־גבאי האָט שוין אפילו פאַר זיין אייגן ווייב קיין דרך־ארץ נישט!...

היינטיקע צייטן אָבער געשעען אויך אַמאָל ניסים. זעלטן, דאָך טרעפט זיך! גבריאַלטשע האָט מנדר געווען עטלעכע פונט ליכט אין שיל אַריין, און עס האָט אָנגעשלאָגן! ר' גבריאַלטשע איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים! דערפאַר איז אביגדורל נעבעך, להבדיל בין החיים והמתים, פּלוצ־לינג אַוועקגעשטאָרבן!...

2.

א טרוקענע לוויה

א לוויה האָט אביגדורל געהאַט גאָר אַ זעלטענע: קינד און קייט! דאָך איז זי געווען — איך קען מיך אַנדערש נישט אויסדריקן — אַ טרוקענע לוויה! עס איז קיין אַלמנה, קיין יתומה נישט געבליבן.

עס איז נישטאָ פאַר די ווייבער אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. מען חלשט נישט, עס וויינט זיך אַפילו נישט רעכט! דער אָרעמער יתום ווייסט נאָך אַפילו נישט, וואָס אַ קבר איז, וואָס געשטאָרבן הייסט! ער איז מער צעשראָקן, ווי פאַרוויינט! די ווייבער האָבן זיך ווירקלעך נישט אין וואָס אָנצוהאַלטן. אַז איינע דערמאַנט זיך גראָד אין איר אייגענער ברענענדער צרה און לאָזט אַרויס אַ קול, בלייבט עס ווי הענגען אין דער לופטן, קייַנער כאַפּט נישט אונטער, ציט נישט ווייטער; עס ווערט ווי פאַרגליווערט, ווי דערשטיקט.

די ווייבער זענען דעריבער באַלד אָפּגעשטאַנען.

און יונה באַץ, דער גבאי פון חברה-נושאים פון היינטיקן חודש, האָט עס באַמערקט און נאָכגעשריגן:

— אהיים, נשים, אהיים! אַ לוויה אָן געוויין, איז ווי אַ חתונה אָן קלעזמער, נישט פאַר אייך געדאַכט!

די ווייבער שעלטן דעם „לאַנגן יונה” פון ווייטן, נאָר זיי טרעטן אָפּ.

די מענער האַלטן אויך נישט לאַנג פלאַץ.

פאַריאָגטע קרעמער און אַזוי עלטערע און שוואַכע באַלעבאַטים, גייען נאָך צו יעדערער ביז אין זיין עק גאַס. אַנדערע באַגלייטן די מיטה ביז אין עק שטאָט און שטעלן זיך אָפּ. ווו מען בלייבט שטיין, קלאַפּט מען אָן אין דער ערשטער בעסטער שויב, און אין שטוב ווייסט מען שוין, וואָס דאָס קלאַפּן באַטייט: באַלד באַווייזט זיך עמעצער מיט אַ קוואָרט וואַסער, צו וואַשן די הענט. דער עולם באַגיסט די נעגל, קרעכצט אָפּ, זאָגט וואָס מען דאַרף, און גייט זיך זיין וועג, אהיים, צי אין געשעפט אַריין.

יונגע באַלעבעסלעך, קעסט-עסער, בני-תורה, וואָס האָבן ביי אביגדורלען געלערנט, אָדער נאָר אַמאָל מיט אים פון תורה גערעדט, פירן די מיטה אויס דער שטאָט אַרויס, צום בית-עלמין זענען זיי דאָך נישט צו־געקומען. עס איז אַ שיינער, ליכטיקער טאָג, נעמט מען זיך רעכטס צום טייכל, די הענט צו וואַשן. טייל ווילן אַביסל שפּאַצירן הינטער דער שטאָט.

עקסטרא צוליב דעם ארויסגיין לוינט זיך נישט, נאָר אז מען איז שוין דאָ!... אַנדערע וועלן זיך שוין אינאייננוועגס אָפּבאָדן.

פארשיט דאָס קבר, אונטערגעזאָגט דעם יתום דעם קדיש, האָבן שוין נאָר עטלעכע מלמדים. דאָך זיי יאָגן זיך אויך צוריק, אין די חדרים אריין; די תּלמידים האָבן שוין דאָרט געמוזט „די גאנצע וועלט איבערקערן"...

דאָס ברעטל מיטן „פּה נטמן", די מצבה אויף דערוויילע, וואָס וועט שוין געוויס בלייבן אויף שטענדיק, שטעקט אין קבר אריין יונה באַץ און שעלט דערביי מיט טויטע קללות אַלע באַלעבאַטים... די כּוחות האָבן זיי אים צוגענומען, דעם מארך פון די ביינער ארויסגעצויגן און אַוועקגעוואָרפן, ווי אַ שאָל פון אַן אויסגעפּרעסטער לימענע...

די נושאים פארמאכן דאָס בית־עלמין. —

אין שטאָט אריין איז אַ וויאָרסט וועגס. די זון האלט שוין אין אונטערגיין. מען וועט קומען צו מנחה און אפשר וועט נאָך צייט זיין צו כאַפּן אַ טרינק בראָנפן; צו דער ארבעט וועט מען זיך שוין נישט זעצן. גייט מען טריט ביי טריט און מען שעלט די באַלעבאַטים פאר זייער אכזריש הארץ...

נישט נאָר קענען מלמדים זענען די באַלעבאַטים נישט יוצא... ווי אַזוי באַהאַנדלען זיי אָרעמעלייט בכלל און בעלי־מלאכות בפרט?! — באַלד פארגעסט מען אָנעם ניפטר און מען גייט איבער צו די לעבעדיקע צרות: אָרעמעלייט זענען אין חברה־נושאים, באַלעבאַטים שטייען איבער זיי אין חברה־קדישא. די חברה נושאים ארבעט צום טויט, די חברה־קדישא נעמט־צו דאָס גאַנצע געלט פאר די גבאימס קרובים; פאר עטלעכע ליידיק־גייער, טעלער־לעקער... צי האָט דען אַ בעל־מלאכה אַ דעה אין שטאָט? ווער נעמט אויף אַ חזן? באַלעבאַטים! פרעג זיי בחרם, צי איז עס אַ כשרער טרעל, צי אַ קריי פון אַ האָן! פרעג זיי בחרם, וואָס אַ „וואָלאך", וואָס אַ „יעלה" איז, און די טרעלבייכער נעמען אויף חזנים! ווער מאכט שוחטים? באַלעבאַטים! שמערל ראש־הקהל, ימח־שמו: דריי קרובים — דריי שוחטים! עס וואָלט שוין אפילו צייט געווען, צו מאכן אַ שטיקל מרידה, איז פּונקט אַ יקרות... יונה באַץ האָט געוואָלט שוין אָנהייבן איינקויפן אויף דער סעודה, וואָס חברה מאכט פון יאָר צו יאָר, — איז צו גאָרנישט צוצוטרעטן... און אז עס איז יקרות, האָט דער בעל־מלאכה קיין קוראַזש נישט... פון דער סעודה קומט מען ארויף אויף דער פאראיאָריקער און היינטיעריקער קלפּי, וואָס גייט גאָרנישט צו ערלעך. שטענדיק מוז זיין שווינדל, א. א. וו.

און דער אָרעמער יתום גייט נאָך פון הינטן א פארגעסענער, א דערשראָקענער... די אויגן זענען ארויסגעזעצט, דאָס דארע פּנימל — אין פּאסן, פון די טרערן. וואָס זיי האָבן געלאָזט איבער די איינגעריכטע באַקן. די ליפּלעך ציטערן אים נאָך פון פריערדיקן געוויין... ער פילט אפילו קיין הונגער נישט, כאָטש ער האָט נאָך היינט אין זיין מויל נישט געהאַט.

קינדער קענען דאָך לאַנג נישט טרויערן. עס מאַכן אויף זיך אויפ־מערקזאַם די שטיינער, וואָס ליגן אין די זייטן פון שאָסיי. יעדעס שטיקל וועגס ליגט א שטיין אויף א קליין בערגעלע ערד, ארומגערעמט מיט גראָז; פון דערווייטנס קוקט אויף אים יעדער שטיין מיט א גרויס אויג; אז ער קומט צו נענטער, זעט ער, אז עס איז אן אויסגעמאָלט ראָד מיט א ציפער אינדערמיט. נאָכוואָס די שטיינער נוצן, איז אים נ י ש ט אינ־טערעסאַנט צו וויסן, נאָר אריבערשפּרינגען איבער אזא שטיין דארף מען פּרוון. עס געראָט אים, און ער איילט זיך שוין אנטקעגן דעם צווייטן שטיין, איבער וועלכן ער שפּרינגט נאָך געשיקטער, און אזוי ווייטער, ביז ער מיידט אוים די נושאים.

— זע נאָר, זע, — דער יתום!

— נעבעך, באָרוועס! — באַמערקט יונה באָץ מיט א זיפץ.

— מיינע האָבן אויך קיין שטיוועלעך נישט, ענטפערט העשל היטלמאכער.

— אָבער טאַטע־מאַמע האָבן זיי — מאַכט יונה באָץ.

— פי! — פייפט אונטער בערל דער צוקער־בעקער. דאָס הייסט; אז טאַטע־מאַמע פארדינען נישט, העלפן זיי א סך!

דער אָוונט פאַלט צו, אונטערן הימל באַווייזט זיך א רירעוודיקע כמארע שוואַלבן. די לופט ווערט פול שוואַלבן־לשון, פול גערויש פון פליגל... א געשפּילעריי, א געפּיסקעריי, א גע'עג! שפּילנדיק, לאָזן זיך עטלעכע שוואַלבן אראָפּ; אָט רייסן זיך אַפּ נאָך עטלעכע און מאַכן משונה־קונציקע רעדער, אַלץ נידעריקער און נידעריקער... דער יתום בלייבט שטיין מיט אן אָפן מויל, קוקנדיק אויף די שוואַלבן. אין א רגע ארום רייסן זיך אים פון האַלדז ארויס משונהנע טענער. ער וויל נאָכמאַכן דאָס געשריי פון די פייגעלעך. די פיסלעך הייבן זיך, און טאַנצן אונטער אים, גלייך ער וויל זיי נאָכפליען. און ער קלאַטשט מיט די הענטלעך פאר גרויס שמחה, קוקנדיק אויף דער לוסטיקער באַנדע אין דער לופט. פּלוצלינג כאַפּט ער א פּאָר שטיינדלעך און צילט זיך צו די שוואַלבן, וואָס לאָזן זיך אמנידעריקסטן אראָפּ!

— ערשט נאָך קדיש! — מאַכט העשל־היטלמאַכער מיט א ברוגז־קול — כדאי צו האָבן און אויפצוהאָדעווען...

— וואָס ווייסט א קינד? — זאָגט יונה באַץ...

— אַן ערשט געבוירן קאַלב — מאַכט העשל — בלעקט אויך א צייט נאָך דער קו...

— א קו — מאַכט דער צוקער־בעקער — איז א מאַמע נישט א טאַטע, און א יינגל איז קיין קאַלב נישט.

יונה באַץ רופט צו דעם יתום:

— קום נאָר אהער, שייגעצל!

ווי ווייך יונה באַצס קול איז נישט געווען, איז דאָך דער יתום פאַר־ציטערט געוואָרן. די פרייד, דער שמייכל זענען אים אראָפּ פון פּנימל. אויף זייער אָרט שטייט שוין צוריק די שטומפּיקע שרעק. נישט גערן גייט ער צו.

יונה באַץ נעמט אים אָן ביי דער האַנט.

— קום, יינגעלע... איך וויל דיך אהיימפירן.

— ווו האָט א הונט א הויז — וויצלט דער צוקער־בעקער. און יונה באַץ פאַרטראַכט זיך. דאָך לאָזט ער שוין דעם יתומס האַנט פון זיינער נישט אַרויס...

די נושאים גייען שוין שטיל צו צו דער שטאָט. זיי באַמערקן נישט, אַז דער יתום האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן א שטיין און טאַנצט אונטער אויף איין פיסל.

פאַר שרעק האָט ער אפילו קיין זיפץ נישט געטון. —

3.

יונה באַץ און זיינע חברים

אין אָנהויב שטאָט, ווו עס שיידן זיך די געסלעך, רעכטס צום בית־המדרש און לינקס צום חברה־נושאימס שילכל, שטעלט יונה אָפּ זיינע חברים און פרעגט פאַרזאָרגט:

— וואָס טוט מען מיטן יתום?

— א שידוך! — וויצלט, ווי זיין שטייגער איז, דער צוקער־בעקער.

— פיר אים אין בית־המדרש אריין! — מאַכט העשל היטל־מאַכער.

— און נאָר?

— האָסט וויפֿיל דײַנע קינדער? — פֿרעגט דער צוקער־בעקער.

— זאָלן באַלעבאַטים זאָרגן — מאַכט דער היטל־מאַכער.

אַ! — פּיפּסט אונטער יונה באַץ — איר געדענקט כּאַנטשעם דער משוגענערס ייִנגל... וווּ איז ער הײַנט?

— אין תּפֿיסה — ענטפֿערט דער צוקער־בעקער גלײַכגילטיק.

— עס איז אים בעסער, ווי מײַנע אין דערהיים — מײַנט העשל מיט אַ זיפֿץ.

— ייִדן — זאָגט יונה ערנסט — זינדיקט נישט מיט די רייד.

— נו? — פֿרעגן ביידע.

— הערט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן — מאַכט יונה מיט אַ פֿאַרענ־דערט קול — דער יתום איז געבליבן מיט אונדז... עס איז נישט פּראָסט... עס איז מן־הסתּם אַזוי באַשערט...

— עט!

— ניין, נישט עט! פֿאַרוואָס איז ער מיט קיינעם נישט אַהיימגע־גאַנגען, נאָר מיט אונדז געבליבן?

— מיר זענען די לעצטע געווען...

— דאָס אַלץ איז אַ הימל־זאַך... אויף אַ יתום קוקט מען... מיר טאָרן אים נישט אָפּלאָזן...

יענע ציִען מיט די פּלייצעס. עפּעס איז זיי הײַנט יונה צו ערנסט, צו פֿרום; עפּעס נישט דאָס וואָס שטענדיק. דאָך וואַרפֿן זיי אַן אויג אויפֿן קינד, און בלײַבן אויך פֿאַרציטערט: אַ דערשראָקן, פֿאַרציטערט פֿייגעלע; עס שנײַדט בײַם האַרץ.

— ווי הייסטו ייִנגעלע? פֿרעגט דער צוקער־בעקער ווייך.

— דודל — שטאַמלט קוים אַרויס דאָס קינד.

— נו? — פֿרעגט ווײַטער יונה.

זיי שווײַגן.

— גיט אַן עצה — בעט זיך יונה.

נאָר די חברים האָבן זיך שוין אָפּגעשאָקלט, און מער אויפֿן יתום וועלן זיי שוין נישט קוקן.

— נעם אים צו דיר — זאָגן ביידע, נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן פֿון דער ערד.

און די אישה מײַנע?

זיי שווײַגן. דער עולם ווייסט, אַז בײַ יונהן אין דער היים פֿירט שרהלע די מלוכה. אַז דער לאַנגער יונה, קוים דאַרף ער אַהיימגיין, לאָזט

ער, שוין אויפן וועג, אראָפּ דעם קאָפּ. ביי דער טיר, איידער ער לייגט ארויף די האנט אויף דער קלאמקע, האָט ער נאָך א ישוב, צי קען ער נישט נאָך ערגעץ אוועקגיין. אויב נישט, בייגט ער זיך נאָך טיפער איין און עפנט. אין שטוב איז ער שוין אין דרייען געבויגן... יונה דער בעל־דברן, דער ראש־וראשון אויף יעדער סעודה, ביי יעדן מנין, דער טרינקער, דער פּאַ־טשער, די שרעק פאר רב און קהל, דער יונה קען אינדערהיים קיין צוויי נישט ציילן... עס איז אים נישט צו דערקענען!

— זי וואָלט אים פּאראימערט דאָס לעבן! — זאָגט יונה — איר איינענע ווייזט זי קיין פרייע מינע... — ענדיקט ער מיט א זיפץ.

— און ווו ביסטו צו אלדע שווארצע יאָר!

— וואָס זאָל איך טון מיט א יידענע?

די נושאים שוויינן. ווארום באמת, וואָס טוט מען מיט אַן אישה? א באַלעבאָס, אז ער קריכט אונטער דער פעל, פּאטשט מען אמאָל אוים; דעם רב — ענטפערט מען א גראָב וואָרט, פארקריכט ער אין א מויזן־לאָך... אָבער אַן אישה מיט יללות, מיט נעגעלעך... אויף דעם איז שוין קיין הילף נישט פאראן.

— ווייסטו וואָס, העשל — כאַפּט זיך יונה אויף, ווי פון שלאָף — נעם אים צו דיר.

— משוגע ביסטו, מטורף! איך האָב פאר מיינע קיין ברויט נישט... שיינע ירידים היינט!

— פאר צאָלן, מיין איך!

— ווער וועט צאָלן?

וויפל ווילסטו א וואָך?

— כאָטש א רובל א וואָך — ענטפערט העשל.

— אָבער, ווער וועט צאָלן — פרעגט ער ווייטער. מען ווייסט, אז דאָס קניפּל איז ביי שרהלען, נישט ביי יונהן אין האנט; ער קריגט אפילו אויף קיין טרונק בראָנפן נישט; כאָטש פרנסה איז, ברוך השם, דאָ, א קעסלמאכער איז ער א גוטער!

— און אז באלעבאטים וועלן צאָלן?! — פרעגט יונה.

— אָ! זיי לויפן שוין!

— זיי מוזן צאָלן — גיט יונה א טופּ מיטן פום.

— יו־נה! — מאכט דער צוקער־בעקער — לאָז דיך נישט גלוסטן! מיש דיך נישט אין קהלישע זאכן; שוין לאנג נישט געוועזן קיין מחלוקת! ווילסט ווייטער א פייער אונטערצינדן!

העשל ראָט אויך דאָס זעלבע:

— גיב מיר איבער דעם יתום, איך וועל אים אָפּפירן אין בית־המדרש אריין.

— אָפּפירן וועל איך אים אליין — זאָגט יונה מיט א הארטער שטימע.

—הא! אז דו האָסט זיך אָנגעציעפּעט!

ביידע נושאים הייבן מיט די פּלייצעס און גייען זייער וועגס.

יונה שטייט אביסל פארטראַכט. א מינוט שפּעטער שרייט ער זיי נאָך:

— העשל, געדענק, פאר א רובל א וואָך!

— איך געדענק! ענטפערט העשל פון ווייטן.

— עפּעס א דיבוק איז אין אים אריין... רחמנא ליצלן! — מאַכט דער צוקער־בעקער.

— נו, א רחמנות איז טאקע — ענטפערט העשל.

— אוודאי איז א רחמנות, — מאַכט דער צוקער־בעקער, — נאָר הערסטו, ברודער, וואָס איך וועל דיר זאָגן? רחמנות איז א טייערער ביסן פאר אָרעמע לייט!

זיי נעמען זיך אָן א זייט און טרעטן אָפּ אין דער ערשטער בעסטער שענק אויף א טרונק־בראָנפן.

יונה שטייט נאָך אלץ מיטן יתום ביי דער האנט; ער האָט נאָך א ישוב.

.4

אין בית-המדרש צווישן מינחה ומעריב

— וואָס טוסטו דאָ, יונהלע? — פרעגט מען צווישן מנחה ומעריב, אז מען האָט יונהן אין בית־המדרש באַמערקט. אין שטעטל איז אָבער, ברוך השם, שטיל, בארואיקט מען זיך, און מען גייט ווייטער, מיטן לולקע־ציבוק אין מויל, אָדער מען שטייט אין רעדלעך און מען רעדט. פון אביגדורלן האָט מען שוין אָפּגערעדט אלדאָס גוטס, וואָס מען האָט נאָר געקענט, איז מען אריבער אויף מקחים פון פּראָדוקטן, ליציטאציעס פּאָליטיק. פון עמיגראציעס האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוווסט.

דעם יתום האָט מען בעסער באַגעגנט: ווער עס האָט אים באַמערקט,

האָט זיך אָפּגעשטעלט א רגע, א זיפץ געטון, טייל נאָך — א גלעט איבערן היטעלע...

פלוצלינג איז א גערודער געוואָרן, און אלע אויגן האָבן זיך געווענ־דעט צום שלחן אין מיטן בית־המדרש. יונה שטייט שוין דאָרט, און האָט שוין ארויפגעשטעלט דעם יתום אויפן טיש. דאָס קינד לאָזט ארויס א געוויין, ווייל אראָפּ פון טיש, ווייניקסטנס, זעצן זיך, ער האָט מורא פאר דער הייך איבער דעם גאנצן עולם. יונה אָבער לאָזט נישט. ער האַלט אים אונטער ביים פּאָדקאָלנער און באַמיט זיך אים צו באַרואיקן:

— שטיל, דודל, — רוימט ער אים איין, — שטיל, דיין טובה מיין איך!

דער יתום כליפּעט, נאָר שטילער.

פון מזרח־וואנט הערט זיך דערווייל א קול פון א באלעבאָס:

— מיט שטיוול אויפן שלחן? אראָפּ, שייגעץ!

יונה דערקענט דאָס קול און ענטפערט געלאסן נאָר פעסט:

שרעק דיך נישט, ראובלע, שרעק דיך נישט, פרומע נשמה! באָרוועס שטייט ער, דער יתום; ער האָט שוין לאנג קיין שטיוועלעך נישט.

און דערהיצט פון זיינע אייגענע רייד, גיט ער צו מיט כעס:

— און דאָ וועט ער שטיין, ביז די באלעבאטים וועלן אים פארזאָרגן.

דער עולם שוויינט פארינטערעסירט.

— עס איז אים אפילו — מאכט ווייטער יונה — שווער צו שטיין, ער איז באָרוועס געווען אויפן הייליקן אָרט, ער האָט זיך א פּיסל פאר־וווּנדעט... שטיין מוז ער דאָך, רבותים! ער מוז, ווייל ער איז א יתום און דארף, מען זאָל אים פארזאָרגן!

— זע נאָר דעם בעל־טובה! — רופט זיך עמעצער אָן פון א זייט.

— מעריב־דאַוונען! — קאָמאַנדירט אן אנדערע.

— חזן, צום עמוד! — רופט דער גבאי.

יונה גיט א קלאַפּ אין טיש אריין, אז עס הילעכט. די נאָענטע באלעבאטים שפּרינגען אָפּ. ר' קלונימוס דער דיין, וואָס האָט, שטייענדיק ביים שלחן, זייט דער יתום איז אויפן טיש, זיין שיעור אויסגעלערנט, און זיין אָפּגעמוטשעט און אפשר אויסגעהונגערט פּנים פארשטעלט מיט דער האנט, נעמט זי אצינד אוועק. אין די אלטע גרויע אויגן באַווייזט זיך א שטומער טיפער צער.

— יונה — שטאמלט ער — נישט מיט געוואלט...

— מען וועט נישט דאווענען! — שרייט יונה, כאַפּנדיק אַ לייכטער פון שלחן אין דער האַנט אַריין.

דער גבאי האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט, דער חזן בלייבט שטיין אינמיטן וועג צום עמוד, און יונה דרייט זיך איבער צום דיין.

— רבי — מאַכט ער מיט ניפּט — דאַווענען, מיינט איר, ווילן זיי! חס־ושלום! די וועטשערע מיינען זיי! די ווייבער קאָכן זיי שוין וועטשערע! עס וועט זיין אַ קאָכנדיקע יויך מיט קנאַקנדיקע בייגל, אַ פעט שטיקעלע פלייש מיט באַטעמטן רויטן כריין, — און אפשר אַביסל זיסע מייערלעך דערצו... און דער יתום האָט נישט צו עסן.

— נישט דיין דאגה! — שרייט עמעצער, אַ באַהאַלטענער, פון מיטן אַ רעדל אַרויס. ר' קלונימוס דיין פאַרשטעלט צוריק דאָס פּנים מיט די ביינערדיקע הענט און יונה ענטפערט:

— עס איז יאָ מיין דאגה! איר זענט אייך פון דער לוויה ווי די מייז צעקראָכן, און מיר דעם יתום איבערגעלאָזט! נישט אייער ווילן איז עס געווען, נאָר אַ גאָט־זאָך! גאָט ווייסט, וואָס ער טוט! גאָט ווייסט, אַז אַן אָרעמאַן האָט יידישקייט אין האַרץ, אַז יונה באַץ וועט דעם יתום נישט אוועקוואַרפן אָן הילף!

דער יתום הייבט אָן צו פאַרשטיין פון וואָס מען רעדט. ער גלייכט זיך אַביסל אויס, לייגט די רעכטע האַנט אויף יונהס פּלייצעס, און שטייט אַזוי אָנגעשפּאַרט, אונטערהאַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט דאָס פאַר־ווונדעטע פיסל...

דאָס קאַפּאָטקעלע האָט זיך אים פון איינציקן קנעפּל אָפּגעלאָזט. פון אונטער דעם אָפּגעריסענעם העמדל קוקט אַרויס אַ שטיק אויסגעדאַרט לייב. אויפן פּנים ליגט עפּעס אַ ווונדערלעך ־ טרויעריקער שמייכל... ער שרעקט זיך שוין נישט פאַרן עולם; ער פילט, אַז יונה באַץ הערשט איצט איבער אַלע, און אַז ער איז געשטיצט אויף יונה באַץ!

— זעט, באַלעבאַטים! זעט, יידן, בני רחמנים! — רופט יונה מיט אַ ווייכער קול — אַ געראַניעט פיסל, באָרוועס...

— ביי מיר איז דאָ אַ פּאָר שטיוועלעך! אַלטע נאָר גאַנצע...

יונה דערקענט דאָס קול.

— גוט! מאַכט ער, ר' יאָסל איז מנדר, אַ גוטע התחלה... נאָר אָן אַ העמד איז ער אויך!

אַן אַנדערער איז מודיע, אַז זיין ווייב וועט אוודאי נישט קאַרגן עטלעכע העמדלעך פאַר אַ יתום.

— זייער ווייל, — זאָגט יונה — ווייס איך שוין: הענגלע וועט געבן! און א בגדל?...

עס איז דאָס אויך עמעצער מנדר; יונה נעמט ווייטער אָן פאר ליב.

— נאָר עסן — רופט ער ווייטער — עסן, ווער וועט געבן? פארוואָס שווייגט ר׳ שמערל? פארוואָס רעדט נישט דער ראש־הקהל?

ר׳ שמערל, א דיק יידל מיט לאנגע ברעמען, וואָס פארשטעלן אים די אויגן אויפן פארלאָפענעם פנים, זיצט איבערן משניות און רירט זיך פון אָרט.

— נישט דאָ איז די קהל־שטוב — מאַכט ער שטיל און גלאָסן צו די באַלעבאַטים, וואָס שטייען ארום זיין שטענדער, די תשובה גיט איבער איינער דעם צווייטן. כהרף־עין פליט זי איבער דאָס גאנצע בית־המדרש: ר׳ שמערל זאָגט, אז נישט דאָ איז די קהל שטוב!

— א ממזר פון א ייד! — באמערקט עמעצער.

— א ביסמארק!

— א קעשענע גנב — פאריכט איינער אין דער שטיל.

דערווייל רופט זיך נאָך א קול אָן פון מזרח־וואנט, פון דער צווייטער מזרח־וואנט:

— יונה — רופט עס — פאָלג מיך, יונה, לאָז נעמאך... היינט איז דאָנערשטיק ביינאכט.. וואָס איז היינט פאר א מאָדע? עס איז קיין מינהג, קיין דין נישט אין א מיטן דאָנערשטיק נישט צולאָזן דאוונען... גיי אהיים, און שבת קום אינדערפרי, לאָז נישט אויסנעמען, מהיכי־תיתא...

— און שבת — שניידט אים יונה אָפּ א תשובה — וועט ר׳ ירחמיאל דאווענען אינדערהיים! אָפּעסן און לייגן זיך אונטער דעם אי־בערבעט? האַ?

עס ווערט א געלעכטער: א חריף־עתיק יונה...

— הכלל, יונה, וואָס ווילסטו?

— עסן פארן יתום, איך פאר מיר וויל גאָרנישט!

— עסן, רבותים, עסן פארן יתום! — הייבט ווייטער אָן יונה. נישט ווילנדיק, פאלט ער אריין אין טאָן פון „צוויי גילדן צו מצוות, דריי גילדן צו מצוות״. עס ווערט פרייליכער אין בית־המדרש.

— איך נעם אים אהיים אויף וועטשערע, — הערט זיך א קול.

— גוט — רופט ווייטער יונה — אויך א נדבה! פארשרייבן וועט מען עס ר׳ יחיאל׳קעלן אויבן און אונטן! הערסט, יתומל, — דרייט ער זיך איבער צום קינד — א התחלה טובה האָסטו שוין! אויף לאנג לעבן — א

וועטשערע. און מאָרגן — דרייט ער זיך איבער צום קול, וואָס האָט גערופן
— מאָרגן וואָס וועט זיין?
— זאָל זיין מאָרגן אָנבייסן אויך! — ענטפערט דאָס זעלבע קול...
— און ווארמעס?
— גוי! — שרייט מען פון א זייט, מאָרגן איז פרייטיק!
— און שבת? — לאָזט יונה נישט אָפּ.
— שבת מעג ער אויך קומען צו מיר!
— און זונטיק, פרעגט ווייטער יונה, און מאָנטיק, און דינסטיק, און די גאנצע וואָך; און ווייטער שבת, און ווייטער א וואָך!
וואָס האָסטו דיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר! א באַלעבאָס בין איך דאָ?
— חס־ושלום! צו אַלע באַלעבאַטים רעד איך! וואָלטן אַלע געהאט אזא יידיש האַרץ ווי איר, וואָלט שוין דער יתום אויפן טיש נישט געשטאַנען.
דער עולם שווייגט.
— דאַוועגען! ווערט ווייטער א געשריי, א געטומל.
— שיקט נאָכן ווייב, וועט ער אנטלויפן! — הערט זיך אין עצה אינמיטן געטומל. דאָס האָט יונהן ווי א בליץ געטראָפן! אין איין רגע איז דער גרויסער, לאַנגער יונה געוואָרן ווי חוזק, בטל ומבוטל! דער וויץ האָט אים געטראָפן, ווי גליתן דודס שטיינדל, גלייך אין שלייף אריין!
— דאַוועגען! דאַוועגען שרייט מען שוין העכער. יונה שוויצט, הייבט די האַנט מיטן לייכטער נישט אויף; ער האָט דעם גאנצן „שייגעץ" פארלוירן!

.5

אַן אומגעריכטע הילף

און ווער ווייסט וואָס מיטן יתום וואָלט געוואָרן, ווען נישט א הילף, פון גאָר אַן אַנדערער זייט!
אויפן בעלעמער פון ארון־קודש איז פּלוצלינג ארויפגעשפּרונגען א שווארצער, באַוואַקסענער יונגערמאַן מיט א ספּאָדעקל אויפן שפּיץ קאָפּ, מיט צוויי צעפּלאָסענע פּאות פון אונטער דעם ספּאָדעקל, צעלאָפּענע ציצית פון אונטערן אָפּענעם כאַלאַט, און צוויי ברענענדיקע, לויפנדיקע אויגן אונטערן ברייטן שטערן. —

— זעט, זעט — ווערט א גערודער — חיים־שמואל!

אין איין אויגנבליק ווענדן זיך אלע אויגן אפ פון שולחן צום ארון־קודש.

אפילו ר׳ שמערל, וואס איז ביז אהער אזוי רואיק געזעסן ביים משניות, ווערט אויך עפעס אומרואיק, הייבט די ברעמען אויף.

— ווער? ווער? — פרעגט ער מיט זיין זיסן, נאר דערשראקענעם קול.

— חיים־שמואל, חיים־שמואל! חזרט מען איבער.

— רבותים! — שרייט דערוויל דער יונגערמאן פון ארון־קודש אראפ! — גדענקט, וואס איך זאג אייך! דער רבונו של־עולם, ווי אין די הייליקע ספרים שטייט, איז אן אבי־יתומים! איר טארט דעם יתום נישט פארלאזן — אנישט וועט איר, חס־ושלום, אויך איבערלאזן יתומים...

— אראפ, שייגעץ, פון בעלעמער...

— שרייט נישט, רבותים, אן אמת ווארט וויל איך אייך זאגן, א גוט ווארט...

א גוט ווארט וויל דער עולם הערן.

— שאט, רבותים... יידן בני רחמנים זענט איר, א יידיש הארץ האט איר, פארוואס שווייגט איר? איר האט — זאגט איר — א לאך אין קעשענע?

עס ווערט א געלעכטער.

— לאכט נישט, איך מיין ערנסט. איר האט קיין געלט נישט, ארעם קהל! א י ר האט נישט. ר׳ ש מ ע ר ל האט נישט!... מילא... וועל א י ך אייך געבן געלט!

ביי די ווערטער ווערט ר׳ שמערל אומרואיקער. ער פארמאכט דאס משניות, הייבט זיך אויף פון ארט און קוקט צום בעלעמער.

— יונה — רופט דער יונגערמאן פון בעלעמער אריבער צום שולחן — האסט ווען איבערצוגעבן דעם יתום?

— אוודאי! — ענטפערט יונה, וואס איז דערוויל צו זיך געקומען.

— וויפל דארף עס קאסטן?

— א רובל א וואך!

— זייער וויל! רבותי, איך גיב געלט: איך צאל א רובל א וואך פארן יתום!

— דו? דו? — ווערט א גערופעריי. מען ווייסט, אז דער יונגערמאן האט נישט קיין דרייער ביי דער נשמה.

— נישט מיין געלט! רבותי! הערט, איך גיב אייך נישט מיין געלט, מיין שוואָגער אייזיקלס געלט!

— אָ! ווערט א געוווישעריי. דער עולם פארשטייט שוין אָן וואָס עס גייט. דער שוואָגער אייזיקל האָט א היתר־שחיטה!

אצינד ווערט שוין ר׳ שמערל בלאַס. מיט אויפגעפלאַמטע אויגן הייבט ער זיך אָן צוצורוקן צום בעלעמער. דאָך איידער ער שטופּט זיך דורך, רופט דערווייל דער יונגערמאַן:

— מיין שוואָגער גיט א חרם־קוויטל... ער צאָלט א רובל א וואָך פארן יתום... ביז ער וועט בר־מצווה ווערן... אפילו ביז דער חופה...

דערזעענדיק ר׳ שמערלען פאר זיך, שוין אויפן ערשטן טרעפּל פון בעלעמער, רופט ער דאָס איבעריקע אין איין אָטעם:

— נאָר פאר שחיטת עופות! נאָר פאר שחיטת עופות! שרייט, עולם: יאָ!

און דעם עולם געפעלט די קונץ, און הייבט אָן שרייען מיט התלהבות:

— יאָ! יאָ! מסכים! מסכים! אלע באַשטייען!

ר׳ שמערל איז שוין געשטאַנעןביים יונגערמאַן. ער האָט אים שוין געהאַלטן ביים לאַץ אראָפּצושלעפּן „ווי א הורג״ פון בעלעמער, נאָר פון געשריי „יאָ! יאָ!״ און „מסכים״ איז ער ווי פארטומלט געוואָרן.

—שעכט אייזיקל! — שרייט צולעצט דער יונגערמאַן. ער שפּרינגט אראָפּ פון בעלעמער רעכטס, ער זאָל זיך מיט ר׳ שמערלען נישט טרעפן.

און ר׳ שמערל קומט צו זיך צוריק, הייבט אָן רעדן, ווענדט זיך צום דיין:

— ר׳ קלונימוס! ר׳ קלונימוס, ווי דערלאָזט...

שטייט שוין דער אייגענער יונגערמאַן אין טלית ביים עמוד און גיט א געשריי:

— והוא רחום...

דער עולם צעהודיעט, צעוויגט זיך, ענטפערט פריילעך און שמערלס קול ווערט פארטרונקען אינעם דאַווענען.

ר׳ קלונימוס האָט נאָך אלץ נישט אראָפּגענומען די האַנט פון פנים...

בשעת מגיפה

1.

דאָס שטעטל שרעקט זיך

„זי גייט! אוי, זי איז שוין נישט ווייט! ארום אין די דערפער איז סכנות נפשות! רבונו של עולם! וואָס טוט מען?". אל תפתח פה לשטן: דעם נאָמען פון דער מגפה טאָר מען נישט ברענגען איבער די ליפן, נאָר די שרעק ליגט זיך יעדן ווי א שטיין אויפן האַרץ.

און עס קומען אלע טאָג ערגערע ידיעות: אין אפּט איז א וואסער־טרעגער געפאלן מיט די קאנען אינמיטן גאס... אין אָסטראָווצע האָט מען צוויי יידן געפּאלמעסט. אין בראטקאוו זיצט א דאָקטאָר מיט א סטודענט פון ווארשע. ראכעוו איז אָפּגעשלאָסן, מען לאָזט נישט ארויס און נישט אריין.

גאנץ ראדאָם איז ארומגענומען מיט א צעפּ פון קאָזאקן... אין צוויז־מיר, רחמנא ליצלן, זאָגט מען, פאלן מענטשן ווי פליגן... א שרעק!

דער האנדל ווערט שוואכער, דאָס פרומקייט שטארקער. תבואה־סוחרים האָבן זיך מורא צו רירן פון אָרט. דער גרויסער יאָסל האָט שוין זיין פערד און בודקע פארקויפט — א שאָד דער האָבער; די תבואה־מעקלער ציען אלע טאָג פעסטער איין די גארטלען אויפן לײדיקן מאָגן, אין די שטיבער ווערט אלע וואָך מער רחבות: מען טראָגט ארויס יעדן פרייטיק עפּעס אנדערש צו פארזעצן אויף שבת! א בעל־מלאכה, אָפּט אפילו א באלעבאָס, כאַפּט אן איבעריקן טרונק־בראָנפן, צו מאכן זיך א האריץ, אויף קוראזש... פון דעם האָט דאָך א שענקער קיין פרנסה נישט, און א פּויער זעט מען זעלטן אין שטעטל... פאר דאָס — האָט דעם רופאס ווייב אויסגעטון דאָס שייטל און אָנגעטון א האָרבאנד. א באהאלטענער משכיל האָט פארברענט בריש־גלי אן „אהבת ציון" און גענומען זיך צו תהלים זאָגן. די דינסט פון בעדער איז געקומען צום רב, ארויסנעמען א תשובה,

באשר... זי פלעגט אלע פרייטיק אריינקוקן דורך א שפארע אין באד אריין, צו די מענער... עפעס א יונגערמאן, מען וויל נישט פורש בשמו זיין, פאסט שוין א גאנצן חודש און קלערט נאך א פרוש צו ווערן; גאט ווייסט, פארוואס פאר וואס א זינד! טייל שניידער טראגן אפ דעם יתור; קצבים געבן א גרעסערן צולאג. איין ירוחם חלפן האלט זיך נאך, נעמט נישט ווייניקער פאר 10 פראצענט א חודש אויף א חרם־קוויטל, מיט א משכון... דאס איז א הארץ — א קיזל־שטיין!

און די פנימער זענען געל און בלאס, די ליפן — ברוין־און־בלוי, די אויגן — קיילעכדיק גרויס, די קעפ — אראפגעלאזט... און די גאס איז שטיל: צעווארפענע, קליינע קופקעלעך מענטשן, מענער באזונדער און ווייבער באזונדער, שטייען און סודען זיך אן לשון, שאקלען מיט די קעפ, מאכן מיט די הענט און הייבן אלע מאל אויף די פייכטע אויגן צום בלייערנעם הימל, וואס האט זיך אויסגעשפרייט איבערן שטעטל... עס איז שטיל אפילו אין בית־המדרש ביי מנחה ומעריב... פאר דאס איז פול די עזרת־נשים אפילו צו מינחה ומעריב. אלע מינוט רייסט זיך א יאמערלעך געוויין דורך די אייזערנע קראטן פון דער ווייבערישער שיל ארויס, אז האר און נעגל שטעלן זיך ביי די מענער קאפויר! עס איז יעדע נאכט כל־נדרי; מען באדט זיך אין טרערן.

וואס טוט מען? וואס פאר אן עצה, וואס פאר א ראט?

אין ווארשע — פארציילט מען, האט מען טיי־הייזער געעפנט פאר ארעמע לייט, א ביליקע קיך געמאכט; מען טיילט — קוילן, קליידער, עסן אומזיסט. אלץ ז יי ע ר ע מיטל... אלץ נאכטון די אומות העולם און אפשר דעם פאליצמייסטער צוליב! דא האט מען אנדערע צדקות: „מאיר בעל־נס", גוטע יידן... און אפילו וויכטיקע סגולות! באלד שבת־צו־נאכטס שטעלט מען אויף די בענטש־ליכט אין די פענצטער... הינטערן שטעטל האט וואסיל א מיל; מען וועט אים ביינאכט אוועק „לקחנען" די סטאווידלעס און באגראבן אויפן הייליקן ארט; מען וועט חתונה מאכן א יתום מיט א יתומה; מען וועט איינרייסן שילן און קברים. מען וועט אלץ טון. ליידער אבער זענען די אלע סגולות אייביקע זאכן, און דאך איז ביי דער ערשטער מגפה, שנת תק"ץ, דער גאנצער מארק באוואקסן געווארן מיט גראז און אין מיטן איז נאר א פאר סטעזשקעס געווען, אויסגעטראטן פון דער חברה נושאים.

און אויסער דעם, איז נאך שרעקלעכער פאר דער מגיפה, זענען: די דעזינפעקציע, איזאלאציע און, רחמנא ליצלן, דאס פאלמעסן... א

מענטש לעבט נישט אייביק, שטארבט נישט מער ווי איינמאָל... נאָר טויט און לעבן איז ביים בעל־רחמים אין דער האנט; עס העלפט וויינען, בעטן, תשובה־טון; צדקה איז א רפואה... יענץ אָבער איז אין גוישע הענט; מען נעמט ארויס דעם מארך פון די ביינער, עס קאָסט אָפּ ממון מיט דמים, און — מען פּאַלמעסט! מען צעשניידט א מת, רחמנא ליצלן, אויף פּיצפּיצלעך, מען איז מקבר אָן תכריכים; אין סמאָלע... אין שפּיטאָל ווייטער, סמט מען... מען פארברענט אומשולדיק בעטגעוואנט, אָדער מען מאכט א צעפּ פון קאָזאקן, כאָטש אלע זאָלן שטארבן פון הונגער, אָדער איינער זאָל אויפ־פרעסן דעם צווייטן... כאַ! מען מוז אָנהייבן טון, מען קען דעם שונא אין שטאָט נישט ארײנלאָזן!

עס שטייען שוין בענטש־ליכט אין די פענצטער, מען קוקט זיך שוין אום אויף וואסילס מיל, מען רעדט שוין וועגן חתונה מאכן א יתום מיט א יתומה! און די שרעק וואקסט פון טאָג צו טאָג... מען האָט געהאָפט, אז די סכנה וועט אריבער צוזאמען מיטן זומער, מיט די גרויסע היצן...

עס איז שוין אלץ אריבער, עס איז שוין נאָך ימים נוראים... עס איז, ב"ה, נאָך סוכות... די קעלט נעמט שוין דורך די ביינער, עס ווייזט זיך אָפּט אביסל שניי, און די מגיפה רוקט זיך אלץ נענטער און נענטער! גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

2.

צוויי שרעקן זיך נישט

און דאָך זענען דאָ אין שטעטל צוויי פּארשוין, וואָס שרעקן זיך נישט; נאָך מער — זיי האָפן אויף דער מגיפה!

די צוויי פּארשוין זענען: דער יונגער דאָקטאָר סאַוויצקי, א קריסט, און, להבדיל, יאָסל דער ישיבה־בחור!

סאַוויצקי איז דריטהאלבן יאָר צוריק אהערגעקומען באַלד נאָך דעם ענדיקן דאָס אוניווערזיטעט... געקומען איז ער א גוטער קריסט, א די־מענט! ממש מחסידי אומות העולם... מען האָט זיך געווונטשן, דער וואָיט זאָל אזא גוטער זיין, עס האָט אין דעם מענטש קיין פּיצל גאווה נישט געשטעקט; ער האָט זיך גאָרנישט געהאלטן גרויס; יעדן זיך אָפּגע־גריסט, אפילו א קינד, אפילו א יידענע! אלטע לייט פלעגט ער אָפּטרעטן פון וועג... יידישע פּיש האָט ער ליב געהאט, ווי דאָס לעבן... און אלע

באַלעבאַטים האָבן אים שטאַרק מכבד געווען: מען האָט זיך פאַר אים גענייגט, אַראָפּגענומען אפילו דאָס גאַנצע היטל. מען פלעגט אים שיקן חלה אויף שבת, פאַרבעטן אָפּט אויף פיש. מען האָט אים געווונטשן כל־טוב, נאָר — גענוצט האָט מען אים נישט... ווער דאַרף דאָ אַ דאָקטאָר? רופא איז ווייניק? און בפרט אַ ז אַ רופא! ער גיט נאָר אַ קוק אויפן חולה, ווייסט ער שוין, וואָס עס איז אים... דעריבער איז טאַקע קיין וווּנדער נישט, וואָס דער אַפּטייקער נעמט אָן זיינע רעצעפּטן! מעגלעך איז דאָך, אַז אַן אַנדערער דאָקטאָר וואָלט גיכער פּראַקטיק געהאַט. עס זאָל, למשל, געווען אַראָפּקומען אַן אַלטער דאָקטאָר, אַן אָנגעזאַפּטער, מיט גרויסער פּראַקטיק... דאָ איז אָבער אַראָפּגעקומען אַ יונגער שנעק, וואָס קען זיך קיין וואָנצע פון דער אויבערשטער ליפּ נישט אַרויסציפּען, מיט אַ יונג, בלאָס פּנימל, ווי ביי'ן אַ בתולה. אָנגעטון ווי אַ „פּירציק", אַ „פּראַנטל"; ערשט פון „חדר" אַרויס! און אַזוי ווי די אייער ווילן שטענדיק קליגער זיין פאַר די הינער, מוז ער זיין אַ חולק אויפן אַלטן רופא, וואָס האָט שוין די ציין אויפגעגעסן אין דער מלאכה! מוז ער זאָגן, אַז די קראַנקע נעמען צופיל ריצנאייל, אַז געהאַקטע באַנקעס זענען אַ סכנה, בפרט ביי אַ קימפּעטאָרן — פּיאַווקעס הייסט ער שטעלן אויף דער שויב — זיי זאָלן נישט שאַטן... פון טרוקענע באַנקעס מאַכט ער חוכא־וטלולא, און גלויבט נישט אפילו אין זאַלבן... איר האָט נאָך געהערט, אַ דאָקטאָר אָן אַ זאַלב, אָן אַ ביסל בלוט־צאַפּן, ממש אָן באַנקעס? און גיי נוץ אַזוינס! דער אַפּטייקער אַליין דרייט מיט דער נאָז אויף זיינע רעצעפּטן! פאַר צוואַנציק גראָשן אַ רעצעפּט!

סאַוויצקי האָט זיך געהאַלטן אַזוי אַ האַלב יאָר: געפירט אַן אָפענע מלחמה מיטן רופא, און אַ באַהאַלטענע מיטן אַפּטייקער. מיט די באַלע־באַטים האָט ער אַלץ נאָך גוט געלעבט.

עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז ער האָט אויפגעגעסן די פּאָר גילדן, וואָס ער האָט פון ערגעץ געבראַכט, מיט דער צייט האָט ער זיך נאָך פאַרשולדיקט; פאַר דירה־געלט, פאַר פליייש, פאַר שפּייז, פאַר קליידער; אומעטום איז ער געווען אַ בעל־חוב, און די בעלי־חובות ווערן מיט יעדן טאָג אומגעדולדיקער . . .

און איינמאָל, אַז דער קצב האָט צוריקגעשיקט די דינסט אָן פליייש, האָט סאַוויצקי אַראָפּגעלאָזט די פליגל און אָנגעהויבן מודה זיין, אַז בלוט־צאַפּן דאַרף מען, אַז ריצנאייל מעג מען נעמען יעדע מינוט... מיט דעם האָט ער זיך אָבער גאָרנישט פאַרבעסערט; וואָרום — ערשטנס האָט מען

אים נישט געגלויבט, אז ער מיינט עס ערנסט; ער וויל נאָר אפשר אריינ־נארן דעם עולם! צווייטנס, ווייטער, אויב ער איז אליין מודה דעם פעלד־שער, דאַרף מען דאָך אים אוודאי אויף ערב יום־כפור!

סאָוויצקי האָט ווייטער פון ערגעץ געקריגן א פּאָר גילדן (ביי קריסטן טרעפן זיך אָפט ירושות פון רייכע פעטערס און מומעס), האָט ווייטער גע־קוועלט זיך א האַלב יאָר אומזיסט, און איז ווייטער אויף אַן המצאה גע־פאַלן: ער איז פּלוצלינג געוואָרן אַן א נ ט י ס ע מ י ט , אָבער גאָר א שאַרפער אנטיסעמיט.

ער האָט אויפגעהערט צו גריסן. טיילמאָל פלעגט ער אפילו אָפּשפּרינ־גען און אויסשפּייען פאַר א ייד...

דעם וואָיט האָט ער אָנגערעדט, ער זאָל, כאָטש עס גייט צו ווינטער, אַראָפּטרייבן עטלעכע יידישע פאַמיליעס פון פּויערישער ערד... איז געקו־מען א נייער סטראַזשניק (די אַלטע האָבן שוין געהאַט זייער פעסט „לאַ־יחרץ" געלט) פלעגט ער אים אליין אַרומפירן אין אַלע הייף און אָנווייזן, וווּ אומריינקייט איז... דעם אַפּטייקער האָט ער איינמאָל געזאָגט, אַז, ווען ער זאָל זיין אויף זיין אָרט, וואָלט ער אַלע יידן פאַרסמט!... און נאָך, און נאָך אַזוינע זאַכן...

די המצאה האָט שוין אביסל געהאָלפן! טייל באַלעבאַטים האָבן אים אָנגעהויבן רופן, צאָלן פאַר וויזיטן, כאָטש מען פלעגט צערייסן די רע־צעפּטן אָדער אויסגיסן די מיקסטורן און אַרויסוואַרפן די זאַלבן, — דעם שונא ישראל מוז מען פאַרמאַכן דאָס מויל... עס איז אויך געווען א מין חודש, א מין „לאַ יחרץ געלט"... אויף פרנסה האָט עס דאָך נישט געניגט!

מער קיין המצאות האָט ער נישט געהאַט, עס איז שוין קיין האָפע־נונג נישט געווען, עס זאָל זיך פאַרבעסערן.

דערצו האָבן זיך אים נאָך געמאַכט עטלעכע אומגליקלעכע צופאַלן:

ער האָט א ייִנגל נישט געקענט אַרויסנעמען אַן אַרבעס פון אַן אויער... א קראַנקער האָט זיך יאָ אַמאָל איינגעשטעלט דאָס לעבן און גענומען זיין רעצעפּט, איז ער פּונקט אין א וואָך אַרום געשטאָרבן! דאָס ערנסטע איז געווען, וואָס ער האָט זיך איינמאָל נישט איינגעהאַלטן און געזאָגט, אַז היינט איז גאָר קיין קרענק נישט, נאָר א רפואה, עס איז גאָר א מין כלי־זיין, מיט וואָס דער גוף אַליין וויל גובר זיין די קרענק!... ווער עס האָט געהערט האָט שיר־נישט געפּלאַצט פון געלעכטער... נאָך מער האָט מען געקייכט פאַר לאַכן, אַז עס האָט זיך געטראָפן, מען האָט אים גערופן צו'ן א יולדת, אַרויסצונעמען דאָס „אָרט". די שטאָט־באָבע איז גראָד אַרויסגעפאָרן אין

א דאָרף אריין, און מען האָט ג ע מ ו ז ט קומען אויף זיינע הענט! די נארישע הכנות, וואָס ער האָט געמאַכט! ער האָט געהייסן אריינגעבן א שיסל וואסער, א שטיקל זייף! ער האָט אין דער שיסל עפּעס אריינגעגאָסן פון א פלעשעלע, וואָס ער האָט מיטגעבערענגט. דער עולם שטייט אלץ און קוקט, מען מיינט אז ער טוט דעם אפּטייקער להכעיס, און מאַכט אין דער היים די רעצעפּט, אָדער גאָט ווייסט, וואָס דאָ וועט זיין... צום סוף נעמט ער פּשוט און וואַשט זיך די הענט!—און הענט האָט ער דווקא געהאַט ריינע ווי גאָלד, ווי דער שטיינער איז ביי קריסטן! — ווייניק נאָך, נעמט ער א מעסערל און רייניקט אונטער די נעגל, להבדיל — א כשרע יידענע אין מיקווה אריין! דערנאָך פאַרשאַרצט ער די הענט און ווייטער געוואשן... עס איז דען גאָר נאָך צו דערציילן? הכנות פון א קונצנמאַכער... דערנאָך האָט ער אפילו גליקלעך ארויסגענומען דאָס „אָרט". די יולדת, וועלכער עס איז איר נישט געווען צום ערשטן מאָל, האָט אפילו געזאָגט, אז ער האָט א שמעלערע האַנט פון דער באָבען, און מאַכט עס, ווען נישט די משוגענע העוויות, געשווינד; נאָר ווער קען אויסשטיין אזוינע הכנות? און וואָס טוט מען, אז עס איז אין שטוב נישטאָ קיין זייף? דאָ איז גראָד א וועש געווען. אָבער ווייטער?

דאָס אלץ צוזאמען האָט געבראַכט דערצו, אז סאַוויצקין איז גע־גאַנגען, ווי א רשע אויף יענער וועלט. און נאָך דריטהאלבן יאָר האָט ער איינגעזען, אז ער וועט דאָ נישט אויסהאַלטן, אז, בחרפּתינו, די רויזן שווימען שוין אויף אים ארום. ער ווערט פון טאָג צו טאָג דארער און קען נאָך אריינפאַלן אין א קרענק. האָט ער שוין געוואָלט מאַכן פּליטה. דער־ווייל — זי גייט!

— ניין! אין אזא צייט פאָרט מען נישט ארוים פון אזא שטעטל! עס וועט זיין א גאָלדענע צייט! עס איז שוין אפילו געקומען א „פּריקאַז", מען זאָל אויפשטעלן א „באַראַק" פאַר קראַנקע אויף כאָלעריע און אָפּ־זונדערן א הויז פאַר זייער הויזגעזינד. און כאָטש קהל האָט זיך געלאָזט קאָסטן און איבערגעקויפט דעם וואָיט מיט די סטראַזשניקעס, מען זאָל די „הוצאה" נאָר פאַרשרייבן, און נישט איבערשרעקן דאָס שטעטל, — האָט דאָך יעדערער געפילט, אז זי גייט, אז זי רוקט זיך! אז עס איז פאַר יעדן סכנות נפשות און פאַר סאַוויצקין א גליק! ער וועט נעמען ביי דער רעגירונג דריי—פיר רובל א טאָג; די קראַנקע וועלן צאָלן באַזונדער... געזונטע וועלן צאָלן, מען זאָל זיי נישט, חס־ושלום, האַלטן פאַר קראַנקע. און אלע יידע־לעך וועלן צאָלן: פאַר יאָ־דעזינפעקציע, נישט־דעזינפעקציע, יאָ־איזאָלאַציע

נישט־איזאָלאַציע, פאַר אריין און אַרויסלאָזן, פאַר רעדן און שווייגן, און דער עיקר — „קבורה געלט"! פאַר אומגעפאַלמעסט, אָן סמאָלע...

סאוויצקי לעבט אויף! עס ווערט אים פרייליך אויפן האַרץ.

ער שפּאַצירט אין די גאַסן, פייפנדיק א פריילעך לידעלע. ער קוקט יעדן לוסטיק אין פּנים אריין; ער קוקט אין אלע טירן, אין אלע פענצטער אריין: יידעלעך האָבן זיך ליב צו באַהאַלטן; אָ! ער וועט נישט לאָזן! זיי וועלן אים פאַר אלע יאָרן באַצאָלן! ער וועט זיך אָפּנעמען זיינס!

דערנאָך וועט ער אַרויס פון פאַרהאַקטן שטעטל און חתונה האָבן! וואָרום, ווען האָט ער דאָ? דעם אַפּטייקערס טאָכטער, די מיאוסע בריאה?

.3

דער צווייטער, וואָס שרעקט זיך נישט

חתונה האָבן וויל אויך יאָסל דער ישיבה־בחור, און האָפּט אויך דעריבער אויף דער מגיפה. ער איז אַן אָרעמער יתום אין שטאָט. די באַלעבאַטים זאָלן אפילו וועלן, קענען זיי קיין אַנדערן יתום נישט קריגן; מען וועט אים מ ו ז ן חתונה מאַכן!

און עס ווילט זיך אים שטאַרק חתונה האָבן. און עס איז קיין וואונדער נישט! ער האָט עס בירושה: זיין טאַטע, זיין זיידע אין זיינע יאָרן, האָבן שוין אפילו קינדער באַגראָבן. אַכצן יאָר איז ער אַלט! „ללעג ולקלס" איז ער. „אַלטער בחור" רופט מען אים, „בוגרת"... ביי טאָג איז אין בית־המדרש האָט ער קיין רו נישט. די ווערטלעך אויף זיין חשבון שטעכן אים ווי שפּילקעס. ביינאַכט איז נאָך ערגער! איינער אַליין ליגט ער אין בית־המדרש אויף דער האַרטער באַנק און שלאָפט נישט גאַנצע נעכט... בייזע חלומות לאָזן אים נישט שלאָפן; אויף די גלייכע װענט װאָלט ער געקראָכן...

ער בעט זיך און חלשט פאַר שכנים, מען זאָל אים רעדן אַ שידוך! רחמים, בעט ער זיך, און הערט פון יעדן אלץ די אייגענע תשובה: סיידן מיט דער מלכה שבאַ! ווער וועט דיך נעמען, פאַרך?

דעם „פאַרך" האָט יאָסל גראָד נישט געהאַט; פאַר דאָס האָט ער אָבער געהאַט אַנדערע מעלות... אַהער געקומען איז ער פאַר אַ יאָר פערצן מיטן פאָטער — אַ פאַקנטרעגער, וואָס איז, דורכפאָרנדיק, דאָ קראַנק

געוואָרן, און לא עליכם, געשטאָרבן. אפילו די מוטער האָט ער נישט געקענט, דעריבער פלעגט ער טאָקע וואנדערן פון קינדהייט אָן צוזאמען מיטן פאָטער.

קהל האָט רחמנות געקריגן, באַלעבאַטים האָבן אויסגעקויפט אַלע ספרים, דערפאר בחצי חנם דעם פאָטער באַגראָבן, אפילו א שיינע קרקע געגעבן. דעם יתום האָט מען אריינגענומען אין תלמוד תורה און געהייסן שלאָפן אין בית־המדרש. געגעסן האָט ער טעג, ווי עד־היום.

אין א האלב יאָר ארום, האָט יאָסל אין בית־המדרש געמאָזלט, דערנאָך געפּאָקט און געקריגן א געשטיפּלט פּנים ווי א ריב־אייזן.

אין א יאָר ארום האָט אים אן אנדער אומגליק געטראָפן: אין בית־המדרש איז געווען אן אלטער, צעשפּאלטענער אויוון, און ער איז שוין דעמאָלט דער אָפיציעלער הרובע־הייצער געווען. דער אויוון איז געווען אן אלטע קאַליקע און האָט שוין קיין היץ נישט געהאלטן. בייטאָג איז נאָך געווען צו דערליידן; ביינאכט פלעגט ער אָבער אויסגעפרוירן צו ווערן. פון די לאַכים, וואָס די באַלעבאַטים האָבן אים געשענקט פאר א יום־טוב, האָט ער זיך קוים געהאַט צו קליידן, צוצודעקן זיך האָט אים שטענדיק געפעלט. איינמאָל האָט זיך יאָסל מיישב געווען, און אוועקגעגנבעט דעם שליסל פון האָלץ־קאַמער. ער האָט אָנגעהויבן גנבענען האָלץ און יעדן טאָג שטארקער צו הייצן, און זיצן קעגן פייער און ווארעמען זיך. איינמאָל האָט אים גאָט, ווי דער עולם זאָגט, פאר דער גנבה געשטראָפט, דער אויוון האָט פּלוצלינג געפּלאַצט, א שטיק איז ארויסגעפאלן און צעבראָכן אים א פוס... דער שטאָט־רופא האָט אים אפילו דעם פוס אויסגעהיילט, נאָר ער איז געבליבן שוין קורצער פארן צווייטן, און יאָסל הינקט פון דעמאָלט אָן!

דערצו איז ער קיין עילוי נישט געווען, קיין גרויסער מתמיד אויך נישט... ווער וועט אזוינס אויסכאַפּן? ווער וועט זיך אויף אזוינס לאַקאָמען? קיין וואסערטרעגער וועט אויך אזא איידעם נישט נעמען. און דאָ, ווי אויף להכעיס, האָבן ביי אים די אויגן געברענט ווי ברענענדיקע קוילן, דאָס הארץ האָט געקלעמט און געבענקט און געקרענקט נאָך עפּעס... אָפט פלעגט זיך אים דער קאָפּ פארדרייען, און די אויערן האָבן אים ווי גלאָקן געקלונגען און עס האָט אים געוואָרפן, ווי אין א פיבער, היץ און קעלט, היץ און קעלט...

נאָר ווער קוקט זיך אום אויף א יתום!

די באַלעבאַטים זענען יוצא דערמיט, וואָס זיי געבן אים טעג... אויך,

אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַן עסן מען גיט אים! וואָס איז, עולם הבא וועט מען פונ'ם האָבן? א יונג וויל נישט לערנען, אז ער זיצט איבער א ספר און איז גאָר אויפן עולם הדמיון, מען רעדט צו אים און ער הערט נישט! אינמיטן כאַפּט ער זיך אויף, שפּרינגט אָפּ פון אָרט, לאָזט איבער דאָס ספר נישט פאַרמאַכט, און לויפט ארום ווי משוגע אין בית־המדרש, קערט אום אלע שטענדער, ווארפט אום מענטשן, גלייך דער טייוול וואָלט אים געטראָגן...

א משוגענער, א פּלוט! — האָר־פּלאָקס, קנאָכע פאַרשימלט ברויט, אייערנעכטיקע קאַשע איז אויך אן עבירה אים צו געבן... וואָס האָט מען פונ'ם? — זיין גליק נאָך וואָס ער איז א יתום!

אז עס מאַכט זיך אזא „בן" ביי טאַטע־מאַמע, גיט מען די סחורה אוועק צו א בעל־מלאכה... איבער א פרעמד קינד וויל קיינער נישט שאַלטן, ווער וויל אזוינס אויף זיך נעמען? דער פאָטער איז געוועז א ייד א למדן, ביז אין דער לעצטער מינוט האָט ער מיט מענטשן גערעדט פון תורה, גע־שטאָרבן ווי א צדיק, אין חודש ניסן, און נאָך א שאַרפער, אָבער גאָר א שאַרפער ווידוי... נו גיי גיב זיינס א קינד צו א בעל־מלאכה! ווער וועט אויף זיך נעמען אזא פאַרענטפער פאַר א שוכן־עפר?

און יאָסל וואַקסט איינער אליין אין בית־המדרש; בייטאָג עסן אים די ווערטלעך אויף די גאַל, ביינאַכט זויגן אים בייזע חלומות דאָס בלוט פון די אָדערן... שוין צוויי־דריי יאָר, אז ער האָט קיין מנוחה נישט!

אין דער התחלה האָט ער זיך נישט געלאָזט; ער האָט געוווסט, אז דאָס זענען שלעכטע געדאַנקען, הרהורים רעים. די געדאַנקען זענען אָבער אלע מאָל שטאַרקער, און זיין ווילן שוואַכער און שוואַכער געוואָרן, און ער האָט אָנגעהויבן פאַסטן תעניתים. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן! תהילים זאָגן — קיין פּעולה נישט! לערנען — אז ער זעט קיין אות נישט! פאַר די אויגן פליען אים פייערדיקע רעדער!

ער האָט געזען, אז דער יצר־הרע איז שטאַרקער פון אים, האָט ער אראָפּגעלאָזט די פליגל, אויפגעהערט זיך אנטקעגנצושטעלן! — ער האָט זיך נאָר געטרייסט, אז ער קען דאָך אמאָל חתונה האָבן! און ער האָט געוואַרט אויף שידוכים, און אז זיי זענען נישט געקומען צו אים, איז ער געגאַנגען צו זיי, די בושה אין א זייט! נאָר נישט אזוי געשווינד פאַרבייגט מען די בושה.

חדשים גאַנצע האָט געדויערט, איידער ער האָט זיך איינגעשטעלט צו רעדן מיט א שדכן, פריער מיט איינעם, דערנאָך מיטן צווייטן, דערנאָך

מיט א דריטן, ביז ער איז אויסגעגאנגען די גאנצע שטאָט שדכנים... און אז דער לעצטער האָט אים אויך געענטפערט די אייגענע תשובה, אז נאָר די מלכה־שבא וועט אים נעמען, איז ער אריינגעפאלן אין א מרה־שחורה.

עס איז אים נמאס ומאוס געוואָרן דאָס לעבן.

איינמאָל ביינאַכט איז אים דורכגעפלויגן א געדאנק דורכן ברענענ־דיקן מוח, אז איידער אזא לעבן, איז בעסער שוין דער טויט.

עס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן א נייע מלחמה מיטן נייעם זינדיקן געדאנק, און ער האָט ווייטער נישט גובר געווען! צום ערשטן מאָל איז ער, דער געדאנק, דורך ווי א בליץ און נעלם געוואָרן... דעם צווייטן טאָג איז ער דאָך צוריקגעקומען און שוין לענגער געוויילט; דעם דריטן טאָג האָט ער שוין געטראַכט דעריבער לענגער. ער האָט זיך דערמאָנט, אז יענע וואָך איז געווען א שטארקער ווינט, מן־הסתם האָט זיך עמעצער גע־האַנגען... אפשר א גוי? ניין! צוליב א גוי וועט קיין ווינט נישט זיין; מן־הסתם א ייד! פאַריאָרן איז א ייד דערטרונקען געוואָרן אין מיקווה — חיים שניידער. ווער ווייסט, אפשר האָט ער זיך אומישנע דערטרונקען? וואָס טוט א שניידער אינמיטן יאָר אין מקווה? מילא ערב יום־כפור גייען אלע אין מקווה אריין, אָבער אין א שיינעם העלן מיטוואָך?

א פּאָר טעג שפּעטער האָט עס אים אויך געצויגן ווי מיט צוואַנגען אין מיקווה אריין. „וואָס שאדט עס? גיין מעג איך דאָך?" איז ער גע־גאַנגען. ער האָט זיך דאָך אפילו נישט אויסגעטון. ער האָט געפילט, אז קוים גייט ער אריין, וועט ער שוין פון דאָרט נישט ארויס; וועט ער שוין דאָרט בלייבן! ... געשטאַנען איז ער דאָך א גוטע שעה איבער דער מיקווה; ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר, געקוקט אויפן ברוי־דיקן וואַסער און באַטראַכט, ווי זיין שוואַך בילד ציטערט פון אויבן ארום. דערנאָך האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, אז דאָס איז גאָרנישט זיין, נאָר חיים שניידערס בילד, אז חיים שניידער שמייכלט און רופט אים: „קום, קום! דאָ איז אזוי שטיל, אזוי קיל, א מחיה!" —

עס איז אים היים געוואָרן, און איז אנטלאָפן פאר שרעק! ערשט אין גאַס איז ער צו זיך געקומען. פאַרבייגייענדיק פאר א שטריקנמאַכער, האָט ער באַמערקט, אז די שטריק ליגן הפקר; דער שטריקנמאַכער איז ערגעץ אוועקגעגאַנגען... פאַרוואָס איז ער אוועקגעגאַנגען? וווהין? עטלעכע אזוינע נאַרישע שאלות זענען אים דורכגעפלויגן דורכן מוח, בשעת וועגן די הענט אליין, אָן זיין ידיעה, האָבן אוועקגענבעט א שטריק, וואָס איז גראָד באַזונדער געלעגן ביי דער שוועל.

די גניבה האָט ער ערשט אין בית־המדרש באַמערקט, ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. ער פאַרשטייט נישט ווי אַרום דער שטריק איז צו אים געקומען אין קעשענע אַריין!

— עס איז אַ גאָט־זאַך! — טראַכט ער מיט טרערן אין די אויגן. גאָט אַליין וויל, אַז איך זאָל מיר דאָס לעבן נעמען, איך זאָל מיך הענגען! און אַ מין ביטערלעך־יעמערלעך רחמנות אויף זיך אַליין פּילט אים אָן דאָס האַרץ. גאָט אַליין, דער, וואָס האָט'ן באַשאַפן, וואָס האָט'ן פאַר אַ יתום געמאַכט, וואָס האָט אויף אים פּאָקן געשיקט, דעם אויוון אַרויפגעוואָרפן, וויל נאָך אַצינד, ער זאָל זיך הענגען! ד י וועלט האָט ער אים נישט געגעבן און וויל נאָך, ער זאָל יענע וועלט אויך פאַרלירן! פאַר וואָס?

צי פאַר דעם, וואָס ער האָט נישט גובר געווען דעם יצר־הרע?

ווי אַזוי? איינער אַליין... אָן טאַטע־מאַמע, אָן חברים. און דער יצר־הרע איז דאָך פאָרט אַ מלאך און פירט די מלאכה מששת ימי בראשית... און ער פּילט זיך שרעקלעך עלנט און אומגליקלעך... גאָט אַליין איז אומגערעכט קעגן אים, אויב ער וויל, ער זאָל זיך הענגען! ער זעט עס דאָך באַשיימפּערלעך, עס איז קיין ספק נישט. און וואָס קומט אַרויס, אַז גאָט וויל, וואָס קאָן ער זיך העלפן? ער, דער וואָרעם, דער יתום!

ער קאָן דעם יצר־הרע נישט גובר זיין, ווי זאָל ער זיך אונטערשטיין גאָר צו קלערן, צו גיין קעגן גאָט אַליין? ניין! ער וויל גאָרנישט פּרווון זיך שטעלן קעגן גאָט!

ער נעמט דעם שטריק און גייט אַרויף אויפן שיל־בוידעם, דאָס בית־המדרש פאַרשוועכן וויל ער נישט! ער וויל זיך נישט הענגען קעגן אָרון־קודש.

אויפן שיל־בוידעם איז דאָ אַ האַקן, אויך פון זיינעטוועגן אָנגעגרייט! וואָרן ווי קומט אַהין אַן אייזערנער האַקן? ווער ווייסט, ווי לאַנג דער האַקן וואַרט שוין אויף אים. גאָט האָט אים אפשר אָנגעגרייט, נאָך איידער ער האָט'ן אין דער מאַמעס בויך באַשאַפן!

אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער פאַרלייגט דעם שטריק. עס איז אים דאָך איינגעפאַלן:

און אפשר פאַרקערט? אפשר איז עס גאָר מעשה־שטן? דער אייגענער שטן, וואָס שיקט אויף מיר י ע נ ע געדאַנקען, שיקט אויף מיר אפשר דעם אויך?

און ער האָט אָפּגעלאָזט דעם שטריק, — עס גייט נישט אַזוי גע־

שווינד, ער מוז האָבן א ישוב! די וועלט און יענע וועלט פארלירן איז נישט קיין קלייניקייט...

דערווייל האָט דער בית־המדרש־זייגער געשלאָגן פיר. עס איז מיטיק־צייט, און ער דערפילט פּלוצלינג, אז דער מאָגן קריגט שיר דעם קראַמף פאר הונגער!

און איז אראָפּגעגאַנגען פון שיל־בוידעם און האָט דעם שטריק איבערגעלאזט פארלייגט...

נאכט־נעכטלעך ציט עס אים דאָך ארויף צום שטריק. ער ראטע־וועט זיך ווי ווייט ער קען... ער לויפט צום ארון־קודש, שטעקט אריין דעם קאָפּ צו די הייליקע ספרים און וויינט יעמערלעך, זיי זאָלן אים ראַ־טעווען. אָפּטמאָל כאפּט ער ארום א שטענדער, עס זאָל אים שווער זיין צו רירן זיך פון אָרט, שפּארט זיך אָן מיט אלע כוחות אָן בית־המדרש־אויוון...

און ווער ווייסט, וואָס דער סוף וואָלט געווען פון דער מלחמה, ווען נישט די מגיפה!

4.

סאָוויצקי טרעט אָפּ; יאָסל האָט התבודדות

זייט עס האָט זיך אזוי געשטארקט די שרעק פאר דער מגיפה, אנטלויפט דער עולם מיילן ווייט פון סאָוויצקין. מען האָט מורא פאר'ן... א קשיא אויף א מעשה; א מענטש איז דאָך נישט מער ווי א בשר־ודם! עס קאָן גראָד נישט־גוט ווערן, און היינטיקע צייטן האָט אזא סאָוויצקי די גאנצע ממשלה אין דער האנט... ער קען הייסן, מען זאָל מיט סטראזשניקעס — לייגן אין בעט אריין, שמירן, רייבן, ארייננגיסן רעצעפּטן, ארויסיאָגן די גאנצע משפּחה, פארברענען דאָס מעבל, אָפּסמען און דערנאָך נאָך פּאַלמעסן! א רציחה! אז דאָקטוירים ווילן וויסן, וואָס די קרענק איז, סמט מען די ערשטע קראנקע, און מען זוכט ביי זיי ווערעמלעך אין די געדערים! וואָס זאָל מען אָבער טון? אז מען איז אין גלות — איז מען!...

אין אפּט האָט א רופא אויסגעזאָגט, אז דער דאָקטאָר סמט, האָט מען אים איינגעזעצט אויף ברויט און וואסער אויף דריי חדשים... איר מיינט דעם דאָקטאָר? חס־ושלום, דעם רופא!

און דעריבער, אז סאוויצקי ווייזט זיך אין גאס, ווערט מען פלוצלינג אויס מענטש. ער ווארפט אן אויג אויף א פענצטער, לאזט זיך אראפ א פארהענגל, פארשטעלט מען מיט א ליילעך, א קישן, מיט וואס עס איז!

אין א שיינעם פרימארגן איז דאס געסל, וו סאוויצקי וווינט, ליידיק געווארן... איבער נאכט האבן זיך פון דארט אלע באלעבאטים מיט די שכנים ארויסגעצויגן, מען וויל נישט זיין אין זיין שטח! דאס איז דער אמתער „אוי לרשע ואוי לשכנו!"

סאוויצקי האט עס באמערקט און שווייגט. נאך מער, ער טרעט אפ דערוויל דער שטאט. א קאץ שפרינגט אמאל אזוי אוועק פון א מייזל, עס וועט ד א ך נישט אנטלויפן!...

ער זיצט גאנצע טעג אין דער היים, אדער ער שפאצירט הינטער דער שטאט אין דער בלאטע. ער איז זיינס זיכער; נאך וואס זאל ער רייצן דעם עולם און פארשן? אז עס וועט צו עפעס קומען, וועט מען שוין וויסן? עס וועט זיך שוין ארויסרייסן דורך טיר און פענצטער, עס וועט זיין קולות, ווי יום-כפור; יידעלעך האלטן זיך נישט איין. דאס איז א פאלק, וואס שרעקט זיך מאדנע פארן טויט, און שטייט אומבאהאלפן פאר א קרענק! סאוויצקי איז שוין געווען דא ביי'ן א טיפוס-אונטערגאנג. ער האט שוין געזען, וואס דאס ארבעט איבער, וואס דאס שרייט און ליארעמט אויס! עס האט זיך אים דעמאלט געדאכט, אז ער טרענקט אין א ים פון יאמער און קלאגן! א — ניין, זיי וועלן זיך נישט איינהאלטן!

ער האט אפגעטרעטן פון גאס —

און יאסל האט אויך אפגעטרעטן פון בית-המדרש מיט דער גאס צוזאמען! יענער האט געוואלט; דער האט געמוזט!

זייט מען רעדט געדיכטער פון דער מגפה, איז אים די גאנצע מרה-שחורה אוועק, ווי מיט דער האנט אוועקגענומען! פארקערט, ער ווערט טאג-טעגלעך פריילעכער, לוסטיקער, און, נישט ווילנדיק, לאזט ער אלע מאל ארויס א געלעכטער. ער קען זיך נישט איינהאלטן; עס שפארט אים; ער מוז ארויסלאכן! עס קיצלט אים אין אלע איברים! וואס בלאסער עס ווערן די באלעבאטים, אלץ רויטער און לעבעדיקער ווערט זיין פנים; וואס נידעריקער זיי לאזן אראפ די קעפ, הייבט זיך זיינער אלץ העכער; וואס דעמפיקער עס ווערן זייערע שטימען, ווערט זיין קול לויטערער, קלינ-גענדיקער, און — וואס מער דאס בית-המדרש זיפצט, העכער איז זיין כא-כא-כא! און ער איז גארנישט שולדיק; עס לאכט פון אים ארויס.

אין קופקעלעך שטייען מענטשן, ווי די גולמות, מיט אפענע מויל-

לער און שרעקן זיך אַ ריר צו טון מיט אַן איבר, און אונטער אים טאַנצן העגט און פיס... ער וואָלט יעדן שטענדער געקושט; דעם אויוון, די ווענט געלעקט!

— „צי איז ער משוגע?" — פרעגט מען, — „צי וועלכע רוחות?"

— „זיכער משוגע!" — ענטפערט מען.

— זיכער, מען דאַרף אים שיקן אין דול־הויז אריין!

פאַרן דול־הויז האָט אפילו יאָסל קיין מורא נישט; ער ווייסט, אַז קהל וועט אויף דעם קיין הוצאות נישט לייגן. פאַראיאָרן איז אַ משוגענע געפּרוּוירן געוואָרן אינמיטן גאַס, נאָך אַ גאַנצן אַרומגעטאַנצטן ווינטער נאַקעט אין שניי. איבער דער גאַנצער צייט איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו דינגען אַ פור, זי אַוועקצושיקן אין אַ הקדש אריין. מען האָט אויף איר שטאַרק רחמנות געהאַט. אַן אַנדערע, קריגט אַ דיבוק, פאַרט זי אַרום אויף דער וועלט, מאַכט כאַטש וועלכן גראַשן...

זי האָט צו דעם אויך קיין שכל נישט!

די באַלעבאַטים האָבן נאָר געזיפצט, און גאָרנישט! פאַרוואָס זאָל ער, יאָסל, זיין מער יחסן? ער וויל נישט היינט דערבייזערן די באַלע־באַטים: קיין אַנדער יתום איז טאַקע נישטאָ, נאָר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, קהל קומט אין כעס אריין, קען ער זיך ברענגען אַ יתום; אויך קען דערווייל עמעצער ווערן אַ יתום, אַ דאגה! און ווען נישט, וועלן די באַלעבאַטים דאַרפן געבן דרשה־געשאַנק... איז טאַקע בעסער גוט צו לעבן מיט די לייט. צווייטנס, האָט ער מורא, מען זאָל אים נישט אַמאָל אָנעמען טאַקע פאַר אַן אמתן משוגענעם און זיך מוזן שאַפן אַן אַנדערן. מען וועט דאָך קיין אמתן משוגענעם נישט גיין חתונה מאַכן! דאָס וואָלט אפשר קיין פּעולה נישט געהאַט. און נאָך עפּעס — און דאָס איז דער עיקר — ער דאַרף התבודדות, ער דאַרף! ער מוז זיין אַליין מיט זיינע געדאַנקען; ער מוז קלערן, טראַכטן, חלומען ביינאַכט און בייטאָג.

ביינאַכט האָט ער שוין רו אין בית־המדרש. אַז דער עולם צעגייט זיך און ער בלייבט אַליין מיט שטענדער און בענק, לויפט ער באַלד צו צום פענצטער, שפאַרט אַן דעם ברענענדיקן שטערן אַן דער קאַלטער שויב; אין מוח ווערט קיל, די מחשבות גייען מיט אַ סדר... איז אַן אויס־געשטערנטע נאַכט, דאַכט זיך אים, אַז די לבנה ווינקט צו. דאָס הייסט, אַז יהושע בן־נון זאָגט אים אויף פאַנטאָמינע: „יאָ", אָדער „ניין", לויט ווי עס קומט אים אויס...

ביטאָג, ווייטער, שלאָפֿעט ער ארום איינער אליין הינטער דער שטאָט. ער פֿילט נישט די פֿוילע קעלט, וואָס גנבעט זיך אריין דורך אַלע לעכער פֿון זיינע בגדים; ער פֿילט נישט די נעץ, וואָס גייט אים אריין פֿראַנק און פֿריי אין די האַלב־אָפֿענע שטיוול; ער מאַכט מיט די הענט, שמועסט מיט זיך אַליין, מיט די בלייערנע וואָלקנס, אָדער מיט דער קאַלטער, ווייסער ווינטער־זון... ער האָט אַזוי פֿיל צו קלערן! אַזוי פֿיל צו רעדן! ער איז אַ י ין יתום, יתומות אָבער זענען דאָ דריי, ער וויל וויסן, וועלכע זיין באַשערטע איז.

אויפֿן ערשטן פּלאַץ שטייט דבשה, ירמיה שוסטערס טאָכטער.

ירמיה שוסטער, איידער ער איז געשטאָרבן אויפֿן לעצטן אונטער־גאַנג, פֿלעגט אויף אים רחמנות האָבן. אָפֿט אהיימרופֿן צו זיך און פֿאַר־ריכטן אים די שטיוול. איין מאָל האָט ער אים אַ פּאָר שוסטער־שיך גע־שענקט. ער פֿלעגט אים אַמאָל מכבד זיין מיט אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ, אַמאָל מיט אַ ציבעלע. יאָסל פֿלעגט דערביי פֿון דבשהן קיין אויג נישט אַראָפּלאָזן. — אָ, ער געדענקט זי גוט! זי שטייט אים פֿאַר די אויגן! אַ דיקע, אַ געזונטע מויד, רויט ווי אַ שמחת־תורה־עפּל... אַן אייזערן שטיק! אַז זי כאַפּט די האַק אין האַנט אַריין, פֿליען פֿון דער ליפּע־קין שפּענער אין דער לופֿט. ירמיה זאָל נישט געווען שטאַרבן, וואָלט ער אָנ־געשלאָגן דעם שידוך. ער האָט ליב אַזאַ געזונטע בריאה. אַז ער דער־מאָנט זי, קומט אים די שלינע אין מויל אַריין! איין מאָל — דאָס קען ער נישט פֿאַרגעסן — האָט ער זיך מיט איר געטראָפֿן אויף די טרעפּ. עס האָט אים צוגעצויגן ווי אַ מאַגנעט! ער האָט זיך צוגערוקט און אָנגע־רירט זי ביים קלייד, האָט זי אים מיט גאָר אַ לייכטן שטויס שיר־נישט פֿון אַלע טרעפּ אַראָפּגעוואָרפֿן. אַ גליק, וואָס ער האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין דער פּאַרענטשע! אַ צייט האָט ער זיך געשעמט ארויפֿצווייזן! ער האָט מורא געהאַט, זי זאָל דעם פֿאָטער נישט דערציילן... און שפּעטער, אַז ער האָט שוין יאָ געוואָלט זיך איינשטעלן דאָס לעבן און ארויפֿגיין, איז שוין ירמיה קראַנק געווען. עטלעכע צוואַנציק טאָג האָט ער געקרענקט און איז — געשטאָרבן! דערנאָך איז דאָס ווייב זיינס אַוועקגעפֿאַלן און אויך געשטאָרבן. דבשה איז היינט אַ דינסט ביי שאול פּראַצענטניק. ער עסט אַמאָל דאָרט אַ טאָג, ער טרעפֿט זי אָפֿט איינע אַליין אין שטוב, ער האָט דאָך די העזה נישט מיט איר אַ וואָרט צו רעדן; אַזאַ קוק האָט זי שוין! נאָר אַז קהל וועט הייסן, וועט זי די העזה נישט האָבן אָפּצוזאָגן! קהל איז פֿאָרט קהל! דבשה — טראַכט ער מיט אַ פֿול מויל מיט וואַ־

סער, — וואָלט גוט געווען! ער קען זיך גאָר קיין בעסער ווייב נישט ווינטשן! ער וועט אפשר אמאָל לייזן פון איר א „גלעט איבער דער באַק", נו, מהיכי־תיתי, עס איז מעשים בכל יום, און ער וועט עס אָנעמען פאר ליב... ער וועט זי נאָך קושן און האַלדזן דערפאר. ער וועט איר וואשן דעם שטויב פון די פיס. ער וועט איר נאָכגיין ווי א קליין קינד. ער וועט זי פּאָלגן, ער וועט זי גלעטן, פּיעשטשען, דריקן צו צום האַרץ, פעסט, פעסט... נאָך פעסטער, כאָטש דאָס האַרץ זאָל קלאַפּן נאָך מער ווי אַצינד. כאָטש עס זאָל פּלאַצן, עס זאָל אַרויסשפּרינגען, עס זאָל פון אים די נשמה אַרויספליען, שטאַרבן זאָל ער ביי אירע פיס, און דריקן וועט ער!

אַך! קהל זאָל נאָר איינפאַלן אויף איר! איר מינדסט פינגערל איז דאָך מער ווערט, ווי אַן אַנדערנס א גאַנץ ווייב! ער וואָלט דערוויל מער נישט געוואָלט, נאָר איר מינדסט פינגערל!... ער וואָלט עס געקוועטשט און געקוועטשט, געדריקט מיט אַלע כוחות, איר אויסצוווייזן, אַז זי וויל א חתן...

נאָר טאָמער פאַלט איין קהל אַן אַנדערע יתומה?

אָט, אויפן הייליקן אָרט איז אויך דאָ א יתומה, ס'איז דאָ, כאָטש ער ווייסט נישט, ווי זי הייסט... זי איז אפילו נאָר א האַלבע יתומה, אַן א מאַמע נאָר, א טאַטן האָט זי. דאָך איידער אזא טאַטן, איז גלייכער גאָר־נישט צו האָבן! א שיינער פּאַרשוין בערל קברן; א גאַנצן טאָג שיכורט ער אין שטאָט אין אַלע שענקען, און לאָזט זי איבער איינע אליין אויפן הייליקן אָרט צווישן די קברים... טיילמאָל קומט ער נאָך אהיים שיכור און שלאָגט זי נאָך, זאָגט מען; שלעפּט זי אַרוים ביי די צעפּ, מעסט מיט איר אוים די קברים... די גאַנצע שטאָט זאָגט עס. נאָר מען וועט זיך נישט אַריינמישן, מען האָט מורא פאר אים; א שיכור און א גיבור דערצו! ער האָט פאַראיאָרן משה גלעזער א קלאַפּ געגעבן פאר חברקייט אונטער א זייט, האָט ער אויף אייביק א לונג־פעלער באַקומען. ער ווערט טאָג־טעג־לעך געלער, פאַלט אין דער זאַך אַריין, קוים וואָס ער עטעמט נאָך!... אַז די טאָכטער לעבט נאָך, איז זי פון אייזן. די מוטער אירע האָט ער טאַקע יונגערהייט פאַריאָגט אין קבר אַריין. און וואָס וויל ער פון דער טאָכטער? — עס כאַפּט יאָסלען אַן א ווייטיק ביים האַרץ! איין מאָל האָט ער זי געזען און קען זי שוין נישט פאַרגעסן... געזען האָט ער זי טאַקע אויף ירמיה שוסטערס לוויה, ער האָט דעמאָלט עפּעס מורא געהאַט צוצוגיין נענטער צום קבר. ער האָט מורא געהאַט זיך צו טרעפן ביים קבר מיט

דבשהן, זי ווינט אוודאי, און אירע טרערן וואָלטן זיך ווי היים בליי

געגאַסן אים אויפן האַרץ... האָט ער זיך אָפּגערוקט און אַרומגעדרייט זיך פון דער ווייטנס נעבן טויטן־שטיבל און איז אַ פּאָר מאָל פאַרביי געגאַנגען פאַר בערל קברנס פענצטער. ער האָט זי דערזען, ווי זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען און געשיילט קאַרטאָפל... אַ בלאַסע, אַן איידעלע! ער וואָלט זי מיט איין האַנט אַרומגענומען... נאָר אַ גוטע מוז זי זיין, זי האָט שוין אַזוינע אויגן, אַזאַ בליק! איינמאָל האָט זי איינגאַנצן אויפגעהויבן די ברעמען, און ער האָט תוך־כדי־דיבור אָן דבשהן, אָן דער גאַנצער לוויה פאַרגעסן — אַזאַ גוטקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פון אירע בלאָע אויגן, און אַזאַ זיסער חן איז איר אויסגעגאָסן געווען אויפן פּנים... אַזאַ גוטן חן האָט געקאָנט האָבן נאָר אסתר־המלכה. אסתר המלכה איז אָבער גרין געווען און זי איז ווייס ווי אַלבאַסטער. האָר האָט זי שוואַרצע ווי קויל, נאָר די האָר וועלן שפּעטער נישט זיין. איי איז זי אַ שיינע! עפּעס כאַפּט זי אָן באַלד ביים האַרץ!

און זי האָט גאָר אויף אים אַן אַנדערע פּעולה: אַז ער זעט דבשהן, קאָכט אין אים אויף דאָס בלוט! אויף איר אָבער, אַז ער האָט געקוקט, איז אים עפּעס אַזוי גוט, אַזוי לייכט, אַזוי וואַרעם געווען!

פון דעמאָלט אָן פלעגט ער גיין אויף אַלע לוויות, און אַריינוואַרפן אַ בליק אין פענצטערל...

— יאָ, אויף איר באַשטייט ער אויך. אדרבא, זאָל זיין זי... מהיכי־תיתי... פאַרקערט, אפשר בעסער זי...

ער וואָלט זיך מיט איר אַרומגעטראָגן, ווי מיט אַ צאַצקע, ער וואָלט זי גאַנצע טעג געצאַצקעט און אַלץ פאַר איר געטון. ער וואָלט זי נישט געלאָזט אַריינשטעקן די הענט אין קאַלט וואַסער! ער וועט האַלץ האַקן, קאָכן, באַקן, גרעט וואַשן, ער וועט אַלעס טון פאַר איר. נאָר מיט איין באַדינג, זי זאָל שטיין און קוקן אויף אים און שמייכלען! וועט ער האָבן צייט, וועט ער זי אַרומטראָגן, ווי אַ קליין קינד, אויף די הענט. אינדערפרי וואָלט ער זיך אויפגעכאַפּט מיטן טאָג צוגלייך. ווינטער וואָלט ער באַלד איינגעהייצט אין אויוון, זומער — באַלד צוגעשטעלט אַ טעפּל וואַסער אויף טיי, אַרומגעגאַנגען וואָלט ער שטיל, אויף די נעגל, שטילערהייט וואָלט ער איר אָפּגעפּוצט דאָס קלייד, די שיך... ער וואָלט איר שטילערהייט דאָס אָנטון צוגעשטעלט צום בעט. דערנאָך וואָלט ער ערשט צוגעגאַנגען שטיל, גאָר שטיל צום בעט. ער וואָלט זיך איבער איר געבויגן, לאַנג, לאַנג אַזוי געקוקט... ביז די זון וואָלט אַרויף אויפן הימל, עס וואָלט רעכט טאָג ווערן, די זון זאָל שוין ליגן אין פענצטער, דעמאָלט

ערשט, וואָלט ער זי אויפגעוועקט בנשיקה! — עס וואָלט געווען א לעבן ווי אונטער דער זון.

און עס איז א גוטער שידוך אויך! אוי, אוי!... דבשה מוז האָבן א פּאָר גילדן, זי זאַמלט! און זי האָט דאָך א חזקה, א פּרנסה אין דער האַנט! עס איז ידוע לכל, אז בערלען פאַרברענט דער בראָנפן; דער רופא זאָגט, אז ער עסט שוין נישט, אז ער גייט אַרום מיט געלעכערטע קישקעס, רחמנא־ליצלן... וואָלט ער טאַקע איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר איי־בערגענומען דאָס קברנות... פאַרוואָס נישט? אין דער התחלה וואָלט ער אפילו מורא געהאַט פאַר די מתים, מען געוויינט זיך אָבער צו... מיט איר צוזאַמען וואָלט ער זיך צום גיהנום צוגעוויינט! קיין שיינע פּרנסה איז עס נישט; פאַר דאָס אָבער וואָלט ער געוווינט הינטער דער שטאָט, באַזונדער, קיינער וואָלט אים נישט נאָכגעקוקט!... עס קען זיין א לעבן, א גן־עדן אויפן בית־עולם!

און טאָמער פאַלט דער גורל אויף „לאַפּיי"? „לאַפּיי" איז א צונאָ־מען פון א דריטער יתומה. די, אז ער דערמאַנט, ווערט אים קאַלט אין אַלע אברים! זי איז שוין א שטאָטישע יתומה... איז א יתומה זייט ער געדענקט. א קראַנקע, מיט א גרויסן קאָפּ, אויסגעקראָכענע האָר און עפּעס משונהדיקע פיס. זי גייט נישט אויף דער פאָדעשווע, אויף די פינגער גייט זי, מיט די פּיענטעס אין דער הייך. גייענדיק, שאָקלט זי זיך און וואַקלט זיך ווי א שיכור... זי טרעפט ער שוין אָפט אין גאַס; קיין אָרט פאַר זיך האָט זי נישט. זי גייט פון הויז צו הויז, באַדינט אַלע דינסטן! ד ע ר טראָגט זי וואַסער, יענער האָלץ, ד ע ר העלפט זי צעהאַקן אביסל קין, דאָ טראָגט זי אַרויס א שאַף, דאָרט גיסט זי אָן א וואַנע... האָט זי נישט קיין ארבעט, בעטלט זי. איינמאָל אין יאָר וואַשט זי אויס די פאָדלאָגע אין בית־המדרש. ווו זי נעכטיקט, ווייסט ער נישט... לאַפּיי, לאַפּיי! זי שטעלט זיך אים פאַר די אויגן, און עס כאַפּט אים אָן א שוידער...

קאַלט ווערט אים אין אַלע אברים! זי מוז זיין שוין אַלט א יאָר פערציק; זייט ער געדענקט זי, זעט זי אַלץ אזוי אַלט אויס...

— רבונו של עולם! — שרייט ער אויס פאַר שרעק, דאָס וואָלט שוין ערגער געווען ווי געהאַנגען. ער שיקט די דערשראָקענע אויגן מיט א געבעט צום הימל אַרויף. אויפן בלאָסן שטערן באַווייזן זיך גרויסע טראָפּנס שווייס ווי די אַרבעס.

עס דערוועקט זיך דאָך זיין רחמנות אין האַרץ; אויף איר איז אויך א רחמנות... זי וויל אוודאי אויך חתונה האָבן... זי איז אויך א בלענדנע

שאָף, אויך א יתומה! זי האָט אויך נישט מער, ווי א גאָט אין הימל! עס גלוסט זיך אים צו וויינען אויף איר און זיין מזל צוזאמען!

ער האָט א ישוב און גיט זיך איבער גאָט אין די הענט אריין! וויל גאָט, חס־ושלום, זי, זאָל זיין זי! ער פארלאָזט זיך, באפּאָר אויף גאָט, דערנאָך אויף קהל. וועלכע גאָט, ברוך־הוא, וועט באַשערן און קהל וועט געבן, מיט דער וועט ער לעבן, די וועט ער ערלעך האלטן, דער וועט ער געטריי זיין, דער וועט ער זיין א מאן ווי אלע מענער, — די אַנדערע וועט ער פארגעסן...

דערוועקט זיך אָבער אין אים אַן אַנדערע זאָרג: אויב זיין באַשערטע איז „לאַפּיי", ווו וועלן זיי זיך אַהינטון? ווו וועט מען וווינען? וואָס וועט מען טון? זי האָט נישט קיין דרייער ביי דער נשמה, גייט אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן... די דינסטן קויפן ביי איר אָפּ די בכורה פאר אביסל געכטיקע קאַרטאָפל; פאר אויסוואשן די בית־המדרש־פּאָדלאָגע נעמט זי שני זהובים! אויף טרוקן ברויט איז ווייניק! און ער וואָס קען טון? צו וואָס קען ער טויגן?

וואָלט ער נישט לאָם געווען, וואָלט ער א משולח געוואָרן... קיין מלאכה קען ער נישט... סיידן — טרייסט ער זיך — ער זאָל ווערן א מלמד! צו דער וויעטשערע וועלן אַלע באַלעבאַטים געבן דרשה־געשאַנק; פאר דעם געלט וועט ער זיך קויפן א „שטוב" און זעצן זיך קנעלן! פאר־וואָס נישט? אזוי פיל לערנען, וויפל אַ מלמד דאַרף, בפרט א דרדקער, קען ער נאָך... נאָר וו אָ ס עס וועט זיין, אבי א ווייב! עס זענען דאָ יידן, וואָס האָבן נאָך מיאוסערע ווייבער און זענען גרעסערע קאַליקעס... און מען לעבט! א ווייב איז א ווייב... אבי נישט אליין, אבי נישט קיין „טעג"!

און אפשר וועט אים נאָך געראָטן צו קריגן איינע פון יענע צוויי... און ער מאָלט זיך ווייטער אויס א גן־עדן... און ער שמייכלט ווייטער צו דער בלאָטע און טענהט מיט די בלייערנע וואָלקנס...

שאָ! עס פאָלט אים איין א שטיקל יושר: ער זאָל וויסן זיכער, אז דער אָרעמער „לאַפּיי" איז באַשערט, זי זאָל, חס־ושלום, אומקומען אין דער מגיפה, וואָלט ער געוואָלט חתונה האָבן מיט איר... זאָל זי נעבעך כאָטש פארן טויט האָבן א מאַן, באַדיי אויף א חודש! פארוואָס נישט? דאָך אַ יידישע טאָכטער! אים וואָלט עס נישט געשאדט און פון גאָט, ברוך־הוא, וואָלט עס א יושר געווען... ער, חס־ושלום, ווינטשט איר נישט דעם טויט... פארקערט, ער האָט רחמנות אויף איר... ער פילט און ווייסט, וואָס מען מיינט ע ל נ ט, איינע אליין, שטענדיק איינע אליין...

.5

סאַוויצקי מיט יאָסלען צוזאַמען

שליאַפּענדיק, פאַרטיפט אין די גערדאַנקען, אין דער בלאָטע, האָט יאָסל ישיבה־בחור פּלוצלינג דערפילט, אַז עמעצער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרבל. ער דרייט זיך אום דערשראָקן, און דערשרעקט זיך נאָך מער, דערזעענדיק, אַז עס איז דער דאָקטאָר סאַוויצקי.

סאַוויצקי מיט יאָסלען פלעגן זיך גאַנץ אָפט באַגעגענען הינטערן שטעטל. ביז אהער האָט יאָסל יעדעס מאָל אַראָפּגעכאַפּט די צעריסענע כובע און געבייגט זיך ביז צום נאָפּל פאַרן קריסט; סאַוויצקי — האָט דאָס ערשטע מאָל אויסגעשפּיגן, דאָס צווייטע מאָל געוואָרפן א בייזן אַנ־טיסעמיטישן בליק, דאָס דריטע מאָל פראַסט געקוקט אין די אויגן אריין, שפּעטער שוין א לייכטן שמייכל געטון און — ערשט היינט — דאָס ערשטע מאָל, אים אָנגעכאַפּט ביים אָרבל.

זיי האָבן זיך ביידע אין די אויגן דערקענט, אַז זיי האָבן עפּעס בשותפות! אינעם בליק האָבן זיי דערפילט, אַז ביידע האָבן עפּעס איין „עסק", א יי ן האָפענונג, אַז עס בינדט זיי עפּעס איין זאַך צוזאַמען.

סאַוויצקי איז א י י נ ע ר אַליין אין שטאָט; פריער פלעגט ער אריינקומען צום אַפּטייקער, נאָר דער האָט אים ערשט נישט לאַנג געגעבן אָנצוהערן, אַז ער מאַכט אים שאָדן אין לייזונג; אַז דורך סאַוויצקין האָט דער עולם מורא צו קויפן ביטער־וואַסער און ריצנאייל, אין וועלכן עס שטעקט דעם אַפּטייקערס פּרנסה...

די מיעשציאַנעס, די קריסטן, האָבן אים אויך שפּעטער אָנגעהויבן צו ווייכן; זיי גלייבן אויך, אַז דאָקטוירים סמען, און סאַוויצקי וועט אויך נישט בעסער זיין...

עס איז נאָך אַרוים א קול, אַז ערגעץ אין א שטעטל האָבן די „ליד־קעס" פאַרברענט א „שפּיטאַלנע באַראַק" און פאַרשטיינט דעם דאָקטאָר. אין די אויגן ביי די מיעשציאַנעס באַווייזט זיך גאַנץ אָפט א מין פייערל, וואָס זאָגט גאָר קיין גוטס נישט צו.

יאָסל באַגייט זיך אָן מענטשן; סאַוויצקי בענקט שוין שטאַרק צו'ן א מענטש. עס וווּנדערט אים אַליין פאַר וואָס דעם לאָמען זשידלאַקס געשטופּלט פּנים זעט אים אַצינד אַזוי פריינטלעך אויס; אגב האָט ער צו אים א שטיקל געשעפט; עס קען זיין אַז די מגיפה איז שוין ד אָ, נאָר מען באַהאַלט זי! ביי דעם זשידלאַק קען מען עפּעס געוואָר ווערן.

אָנגעכאַפּט ביים ארבל, האָט יאָסל א ציטער געטון. ער איז דאָך באַלד צו זיך געקומען און אַפילו נישט באַמערקט, ווי געשווינד סאַוויצקי האָט צוריקגעכאַפּט די האַנט פון זיין ברודיקן ארבל; ער האָט נאָר געזען, אַז סאַוויצקי איז אַצינד נישט בייז, אַז ער שמייכלט.

— א צאָ — פרעגט סאַוויצקי — א צאָ, ניעמא כאַלערי?1)

יאָסל איז א פּאָר מאָל ארויסגעפאָרן מיטן שטאָט־דיין אויף א דאָרף אין מיל אריין, צו היטן ווייץ אויף פסח, און האָט זיך דאָרט אויס־געלערנט עטלעכע ווערטער פּויליש. סאַוויצקים שאלה האָט ער פארשטאַ־נען; דאָס וואָרט „כאַלערי" האָט אים אַפילו, ביי דער גאַנצער האַפענונג, וואָס ער האָט אויף דער מגפה געהאַט, א שטאָך געטון „אין דער זיבעטער ריפּ", דאָס פּנים האָט זיך אים פארקרומט, — ער האָט זיך דאָך בארו־איקט און געענטפערט:

— ניעמא, וויעלמאָזשני פּאַניע, ניעמא! 2)

נישט ווילנדיק, האָט זיין תשובה טרויעריק געקלונגען.

זיי זענען זיך באַלד צעגאַנגען; דעם צווייטן טאָג זיך ווייטער גע־טראָפן. זיי זענען זיך ווייטער אנטקעגנגעקומען.

יאָסל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין א זייט, ווי א זעלנער „פּאָד פראָנט", נאָר אָן דער האַנט צום דאַשעק; סאַוויצקי האָט זיך אביסל פארהאַלטן און געפרעגט:

— א צאָ? — אי דזשיש ניעמא? 3)

— ניעמא, וויעלמאָזשני פּאַניע, ניעמא, 4) — האָט יאָסל די איי־גענע תשובה געגעבן.

דעם דריטן טאָג האָבן זיי זיך ווייטער געטראָפן, און שוין לענגער געשטאַנען צוזאַמען.

סאַוויצקי האָט אויסגעפרעגט, צי מען הערט נישט עפּעס פון לאַק־סירן און ברעכן, כאָלערינקע, דיאַריע, אָדער אַזוי פון מאָגן־ און קישקע־קראַנקייטן.

נישט אַלץ האָט יאָסל פארשטאַנען פון סאַוויצקים רייד, געשטויסן

---

1) נו וואָס? נישטאָ קיין כאָליערע?
2) נישטאָ, פּריץ (בעסטער הער), נישטאָ.
3) נו, וואָס? היינט אויך נישטאָ?
4) נישטאָ, פּריץ, נישטאָ!

האָט ער זיך דאָך ריכטיק, אַז ער פרעגט אויף קרענק, וואָס זענען אַ מין הקדמה צו דער מגפה.

— ניעמאַ, וויעלמאַזשני פּאַניע, ניעמאַ! 1) — האָט ער אַלץ אין איינעם געענטפערט. ער האָט געוווסט, אַז אין שטעטל איז נאָך גאָר שטיל.

— ניעמאַ, אַליע בענדזשע 2)! — האָט אים סאַוויצקי, אַוועקגייענדיק צוגעוואָרפן אַ טרייסט.

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט, און זיי פּלעגן שוין, ביים טרעפן זיך, צוגיין אַ שטיקל וועג צוזאַמען. סאַוויצקי האָט אַלץ אויסגעפרעגט, שטענדיק געהערט די אייגענע תשובה „ניעמאַ, פּאַניע, ניעמאַ", און שטענדיק געטרייסט זיך און יאָסלען מיט „אַליע בענדזשע"...

— מושי פּשישטש! 3) — זאָגט ער מיט אַ זיכערהייט, און יאָסל זעצט זיך עס איבער אויף לשון־קודש: „אף־על־פּי שיתמהמה, אחכה לו", און עס וואַקסט אין אים דאָס האַרץ. ער ווינטשט נישט, חס־ושלום, קיין שלעכטס דעם שטעטל. סאַוויצקי אפשר וויל אַ גרויסע מגיפה... ער — האָט געגנוג אַ קליין מגיפהלע, אַ כזיתל... עס זאָל אפילו קיינער, חס־ושלום, נישט ניפטר ווערן! אַ פּאָר באַלעבאַטים זאָלן נאָר אָנהייבן... ווי עס איז, וועט שוין גענוג זיין! ער וויל נישט מער! זיין ערגסטן שונא ווינטשט ער נישט דעם טויט!

עס האָט אַזוי געדויערט אַ חודש. סאַוויצקי איז שוין אביסל אומגעדולדיק געוואָרן און האָט פאַרגעשלאָגן יאָסלען אַן עסק: ער איז זיכער, אַז אין שטאָט מוז עפּעס זיין, נאָר מען באַהאַלט... מען היט זיך מיט דער מגיפה... יידן האָבן שטענדיק מורא... דעריבער שלאָגט ער פאַר יאָסלען, ער זאָל נאָכפאָרשן, געוואָר ווערן, און אים מודיע זיין, כאָטש פון איין באַהאַלטענעם צופאַל, פון אַ ליאַדע וואָס... ער וועט אים זייער דאַנקבאַר זיין...

סאַוויצקי רעדט פאַר יאָסלען צו געשווינד און צו „הויך פּויליש", דאָך האָט ער דערפילט, אַז סאַוויצקי וויל אים דערמיט מאַכן פאַר אַ מסור; אַז ער וויל, ער זאָל אים פאַרמסרן יידישע חלויים.

— ניין — טראַכט ער ביי זיך — ניין, יאָסל וועט קיין מסור נישט

---

1) נישטאָ. פּריץ, נישטאָ.
2) נישטאָ. נאָר סיוועט זיין!
3) זי מוז קומען.

זיין! ער וועט נישט אויסזאָגן סאַוויצקין אַ וואָרט. נישט ווילנדיק, שאַקלט ער דאָך, פאר דרך־ארץ, מיטן קאָפּ אויף יאָ, און סאַוויצקי גייט אַוועק.

יאָסל באַפעסטיקט זיך מיט דער דעה, סאַוויצקין קיין וואָרט נישט צו זאָגן. נאָר ער אַליין פאר זיך וועט חוקר־ודורש זיין, טאָמער באַהאַלט מען טאקע, זאָל ער וויסן.

יאָסל הייבט אָן אַרומצוגיין צווישן די מנינים פרי און שפּעט ביים דאַווענען; צי עמעצער פעלט נישט. האָט ער עמעצן ביים דאַווענען נישט באַמערקט, הייבט ער באַלד אָן חוקר־ודורש צו זיין, וואָס די מעשה איז. עס האָט אָבער צו גאָרנישט געברענגט; עס האָט זיך שטענדיק אויס־געלאָזט מיט גאָרנישט. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און איז אַרויס אויפן דאָרף עפּעס איינקויפן, דער צווייטער האָט זיך, נאָך אַ קריג מיטן ווייב, געשעמט מיט אַ געשוואָ־לענער באַק צו קומען אין בית־המדרש אַריין, אַ דריטער האָט זיך אַ צאָן אַרויסגעריסן ביים רופא און מען קען אים עפּעס דאָס בלוט נישט אַזוי געשווינד פאַרהאַלטן, — און נאָך אַזוינע קליינע קלייניקייטן, וואָס גע־הערן זיך גאָרנישט אָן מיט דעם ענין, וואָס יאָסלען אינטערעסירט. און ער האָט יעדעס מאָל גאַנץ ערלעך אָפּגעגעבן סאַוויצקין דעם אייגענעם ראַפּאָרט:

— ניעמאַ, פּאַניע וויעלמאָזשני, ניעמאַ!

דערביי האָבן זיי שוין טאָג־טעגלעך איינער אויפן צווייטן געוואַרט און מיט יעדן טאָג לענגער גערעדט.

יאָסל האָט זיך געהאָלפן מיט אַלע איברים, אַז סאַוויצקי זאָל אים פאַרשטיין; ער האָט געאַרבעט מיט פיס און מיט הענט. און סאַוויצקי, וואָס האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיינע תנועות, האָט דאָך געמוזט גאַנץ אָפּט אָפּשפּרינגען פאַר יאָסלס הענט.

סאַוויצקי האָט אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין, אין וואָס יאָסלען גייט, פאַרוואָס יאָסל האַלט זיך אַזוי אָפּגעזונדערט פון קהל; פאַרוואָס, לויט ווי מען זעט בחוש, וויל ער אויך, עס זאָל קומען די מגיפה — נאָר ער האָט קיין צייט נישט געהאַט מיט דער רעטעניש זיך צו פאַרנעמען... אַ ייד צו דערגיין! מן־הסתם האָט ער אַ געשעפט דערינען! אפשר האַנדלט ער מיט לייוונט אויף תכריכים! אפשר מאַכט ער אָרונות! פאר דאָס אָבער, האָט ער אַמאָל באַמערקט, אַז יאָסל פאַלט אָפּ ביי זיך, אַז ער איז נישט אַזוי זיכער ווי ער, אַז היינט־מאָרגן „מוז זי קומען", האָט ער אים אויס־

גערעדט דאָס האַרץ, געשטאַרקט און מבטיח געווען, אַז קהל קאָן נישט ניצול ווערן, אַז זי מוז קומען!

סאַוויצקי האַלט עס ברור כשמש, אַז זי מוז קומען. זי רוקט זיך דאָך אַלע מאָל נענטער! מען שרייבט דאָך אין אַלע צייטונגען! און אַזוי האָט אָפּגעדויערט אַ חודש אַנדערטהאַלבן. די גרויסע פּרעסט, אויף וועלכע קהל האָט געהאָפט, זענען נישט געקומען; נאָר די מגיפה, אויף וועלכער סאַוויצקי און יאָסל האָבן געהאָפט, האָט זיך אויך נישט געוויזן. סאַוויצקי אַליין הייבט שוין אויך אָן מסופק צו זיין. דאָך, טרייסטנדיק יאָסלען, שטאַרקט ער זיך אין דער דעה. עס איז פּאָרט נישט מעגלעך, זי זאָל אַהער נישט קומען! עס איז דען דאָ נאָך אַזאַ אומריין שטעטל?! ווו נאָך עסט מען אַזוי פיל אוגערקעס, רוי אויבס און ציבעלעס? ווי נאָך איז מען אַזוי נישט געוואָרנט מיט קאַלט וואַסער און אומגעקאָכטס? אינעם גאַנצן שטעטל זענען פאַראַן, אפשר ביי צוויי דריי גבירים, בלעכענע סאַמאָוואַרן, דריי פיר הייזער זענען דאָ, ווו מען מאַכט טיי. דער רעשט עולם טרינקט באַרלעך־יויך נאָך געזאַלצענעם טשאָלנט, פיש פאַרקויפט מען פראַנק און פריי — אַלטע, פוילע...

זי מוז קומען!

עס זענען טאַקע דאָ אַזוינע שטעט, אויף וועלכע די מגיפה האָט קיין שליטה נישט, למשל, אַאַכען, בירמינגהאַם און אַנדערע, וואָס יאָסל קאָן אפילו זייערע נעמען נישט דערכאַפּן; נאָר דאָרט עסט מען קיין טשאָלנט נישט, און טיי ווערט געטרונקען פון דיסטילירט וואַסער — דאָס איז עפּעס אַנדערש!

דערווייל איז אַריבער נאָך אַ וואָך און מען הערט פּאָרט נישט! פאַר־קערט, עס איז געקומען אַ ידיעה, אַז אין אָפּט האָט „זי" שטאַרק נאָכגע־לאָזט, ראַכעוו איז שוין געעפנט... אין צווזימיר האָט מען אפילו דאָס טיי־הויז, וואָס מען האָט לעצטנס געעפנט פאַר אָרעמעלייט דעם גובערנאַטאָר צוליב — פאַרמאַכט... יאָסל הייבט אָן קלערן, אַז אין זיין פּינצטער מזל וועט זיך פון אַלעם אויסלאָזן אַ בוידעם... אָדער אַז זיין שטעטל איז אויך אַזאַ מין בירמינגהאַם, אַז אויף איר האָט אויך די מגיפה קיין שליטה נישט. ער הייבט צוריק אָן אומרואיק צו שלאָפן, ער הייבט אפילו אָן צו זיין אומרואיק בייטאָג. די כלות רוקן זיך אָפּ אַלץ ווייטער און ווייטער, און, אויסער די איינע האַלבע שעה, ווען ער טרעפט זיך און רעדט מיט סאַ־וויצקין, האָט ער קיין רגע רו.

ער זעט בחוש, אַז די שטאָט־לייט ווערן אַלע מאָל רואיקער און

רואיקער... דערווייל איז נאָך געקומען א ידיעה, אז אין די דערפער ארום איז שוין גאָר שטיל אינגאנצן. דאָס גאנצע שטעטל האָט אויפגעלעבט. די ווייבער האָבן אויפגעהערט צו מאַכן יללות אין „עזרת־נשים", יינגערע קומען שוין אפילו נישט דאווענען, נאָר, ווי אמאָל, משבת לשבת. דעם רופאס ווייב קלערט שוין צוריק אָנצוטון דאָס שייטל, אויפן בעדערס דינסט רעדט מען ווייטער אסור־לדבר און מען האָט זי שוין אפילו פארמסרט פארן רב. עפּעס א משכיל הייבט אָן ווייטער צו שרייבן לשון־קודש. תבואה־סוחרים הייבן אָן ארויסצופאָרן, מעקלער פארדינען, זונטיק איז דער מארק פול מיט פויערן, די שענקען לייזן. מען לייזט אויך פאר זאַלץ, פאר נאַפט און אנדערע סחורות. דאָס שטעטל קריגט צוריק די אַלטע צורה, די פאַר־ענגלעך פון די פענצטער זענען פארשווינדן, סאַוויצקיס גאָס האָט צוריק אויפגעלעבט.

יאָסלען ווערט טאָג־טעגלעך ערגער!...

עס פאַלט שוין אויף אים טיילמאָל צוריק די אַלטע מרה־שחורה. אויפן אָרט פון כלות, זעט ער שטענדיק פאר זיך דעם שטריק אויפן שיל־בוידעם. ער זעט, ווי ער וויגט זיך. ער ווינקט אים, ער רופט אים: קום, קום! ווער פטור קהל, ווער פטור דאָס ביטערע יתומישע לעבן! נאָר ער שטארקט זיך נאָך: סאַוויצקי איז פאָרט א דאָקטאָר, ער מ ו ז דאָך ווּיסן! און סאַוויצקי האַלט זיך אַלץ ביי זיינעם!

איינמאָל האָט יאָסל סאַוויצקין הינטער דער שטאָט נישט געטראָפן, און דווקא אינעם ערגסטן טאָג, וואָס יאָסל האָט דעמאָלט געהאַט.

באַלד אינדערפרי, קוים וואָס ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, עס איז נאָך פינצטער געווען אין בית־המדרש, איז אריין דער שמש מיט א שמחה, מיט א גדולה: הערסט, יאָסל! פון ראַכעוו איז שוין דער דאָקטאָר מיטן סטודענט אָפּגעפאָרן! און ביינאַכט — הערסט — בשעתן מולד, האָט גע־כאַפּט א שטאַרקער פראָסט, אָן אייזערנער פראָסט! אוים מגיפה! האָט דער שמש אויסגעשריגן און געלאָפן קלאַפּן „אין שיל אריין" מיט דער בשורה־טובה.

יאָסל האָט זיך געשווינד אָנגעטון, דאָס הייסט: ער האָט געכאַפּט אויף זיך די קאַפּאָטע, מיט וועלכער ער האָט זיך צוגעדעקט, און אָנגע־הויבן שפּרייזן אומרואיק איבערן בית־המדרש. אַלע מאָל צוגעשפּרונגען צום פענצטער, זען, צי עס ווערט נישט טאָג, צי עס איז שוין נישט צייט ארויסצולויפן צו סאַוויצקין. קוים איז טאָג געוואָרן, האָט ער אָפּגעדאווענט,

און איז אַרויסגעלאָפן, אומגעגעסן, הינטער דער שטאָט. ער פילט, אַז אַן סאַוויצקים טרייסט קען אים דאָס האַרץ פּלאַצן.

הונגעריק האָט ער זיך אַזוי אַרומגעדרייט ביז מיטיק־צייט; סאַ־וויצקי איז נישט געקומען, ער מוז וואַרטן. עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז סאַוויצקי איז געקומען ערשט נאָך מיטיק.

ער איז הונגעריק, שטאַרק הונגעריק. עס פאַלט אים דאָך נישט איין צו גיין אין שטאָט אַריין עסן; ער מוז וואַרטן אויף סאַוויצקין. אָן אים, אָן זיין טרייסט, וועט אים קיין ביסן נישט דורכן האַלדז; ער וועט נאָך האָבן אַ שרעקלעכע נאַכט, עס וועט אים ווייטער ציען דער שטריק... ניין, ער מעג איינמאָל פאַסטן! עס גייט אַוועק נאָך אַ שעה, עס ווערט טונקעלער. דער מאַטער פלעק פון דער ווינטער־זון אונטערן וואָלקן לאָזט זיך אַלץ נידעריקער אַראָפּ, און וועט באַלד פאַרשווינדן ווערן הינטער וואַסילס מיל. ער ציטערט פאַר קעלט; ער לויפט זיך איבער, קלאַפּט איין האַנט אין צווייטער, זיך צו דערוואַרעמען, און סאַוויצקי ווייזט זיך אַלץ נישט! אַזוי פאַרשפּעטיקט האָט ער זיך נאָך קיין איינציק מאָל נישט.

ער הייבט אָן קלערן, אַז סאַוויצקין האָט געמוזט אַן אומגליק טרעפן; ער האָט געמוזט קראַנק ווערן, אַוועקפאַלן... און אפשר גאָר — ווערט ער בייז — שפּילט ער אין קאָרטן, אַ קשיא אויף אַ גוי! און דער פלעק פון דער זון זעצט זיך אַלץ טיפער און טיפער, און פון דער צווייטער, ריינערער זייט הימל, ווייזט זיך אָן אַנדערער ווייסער דינטשיקער פלעק, ווי אַ סערפּ, דאָס איז די יונגע לבנה... עס איז שוין מנחה־צייט.

יאָסל פאַרלירט די האָפענונג, סאַוויצקי וועט שוין זיכער נישט קו־מען. עס כאַפּט אים אָן אַ געוויין. הונגעריק און געפרוירן לויפט ער אין בית־המדרש אַריין כאָטש אָפּדאַווענען מנחה־מעריב.

אין גאַס האָט ער כמעט קיינעם נישט באַגעגנט. די מענער זענען ביים דאַווענען. דורך די שויבן־טירן פון די קליינע געוועלבלעך רייסט זיך אַלע מאָל אַרויס אַ פריילעך ווייבעריש קול, וואָס יאָגט אים נאָך ביז די בית־המדרש־טרעפּ. עס ציטערן אונטער אים די פיס פאַר מידקייט און פאַר שרעק. עס האָט געמוזט קומען נ אָ ך אַ פריילעכע ידיעה, אַז די ווייבער רעדן אַזוי הויך און לאַכן!

ער הייבט זיך קוים אויף די טרעפּ. הינטער דער טיר בלייבט ער שטיין. ער האָט נישט דאָס האַרץ אַראָפּצודריקן די קליאַמקע. מען דאַוונט נאָך נישט, נאָר דער עולם רעדט אַזוי געדיכט, אַזוי פריילעך; גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ נחת די באַלעבאַטים האָבן!

פלוצים וועט ער בייז און פראַלט אויף די טיר. —

— און סאוויצקי — זענען געוועזן די ערשטע ווערטער, וואָס ער האָט דערהערט — איז אויך שוין, ב"ה, אוועקגעפאָרן, פליטה געמאַכט!

— זיכער? — פרעגט עמעץ.

— אַליין געזען! — ענטפערט אַ צווייטער — מיט מיינע אייגענע אויגן.

יאָסל האָט מער נישט געהערט. די פיס האָבן זיך אים אונטערגעהאַקט, דער גאַנצער גוף האָט אָנגעהויבן ציטערן; ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו אַ באַנק און איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, מיט גרויסע, אַרויסגעזעצטע אויגן...

6.

דער סוף

דער פריילעכער עולם האָט עס נישט באַמערקט; מען איז אַרויסגעגאַנגען נאָך מעריב (טייל ערשט נאָך אַ בלאַט גמרא, צי אַ פּרק משניות) און איבערגעלאָזט יאָסלען אַליין ווי תמיד. אפילו דעם באַלעבאָס, ביי וועלכן ער האָט היינט געדאַרפט עסן, איז נאָך נישט איינגעפאַלן, צוצוגיין און פרעגן, פאַרוואָס ער איז היינט נישט געקומען צום אָנבייסן און גייט נישט צו דער וויעטשערע. ער האָט זיך גלייך מיט אַלע אַהיימגעיאָגט, דערציילן ווייב און קינד די בשורה־טובה, אַז סאוויצקי האָט פליטה געמאַכט, אַז מען איז דעם חמץ אויך פּטור געוואָרן.

ערשט דעם צווייטן טאָג האָט מען באַמערקט, אַז יאָסל פעלט. דעם דריטן טאָג, אַז מען האָט אויף אים געדיכטער איינער ביים אַנדערן געפרעגט, האָט מען געענטפערט, אַז דער שוואַרצער יאָר האָט אים נישט צוגענומען, און דער שמש האָט אַליין איינגעהייצט. דער אויוון האָט גערויכט, און מען האָט אַ גאַנצן טאָג פון יאָסלען גערעדט: צום אויוון איז ער גראָד אַ בריה. מען הייבט אָן קלערן, צי איז ער נישט אוועק קיין ארץ־ישראל אָדער קיין אַרגענטינע? ער האָט אפילו נישט געהאַט אַ דרייער אויף הוצאות, נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה, וועט ער גיין אויפן וועג אין די הייזער!

ערשט אויפן זעקסטן טאָג, אַז מען האָט געקריגן אַ ידיעה, אַז עס קומט אַ רעוויזאָר אויף פּאַטענטן, האָט דער ערשטער סוחר, וואָס איז אַרויף אויפן שיל־בוידעם, באַהאַלטן אַ שטיקל אויסלענדישן סאַמעט, דערזען יאָסלען הענגען שוין פאַרשטאַרט.

אין חדר אַריין, שקצים!

דאָס שטעטל האָט זיך צעליינגט אויף דעם רוקן פון א נישט הויך בערגל. אז מען שטייט ביים טייכל, וואָס פליסט אים צופיסנס, זעט מען אַלע הייזלעך, איינס איבער ס'אַנדערע: אָט, דאָס איז דעם רבינס הייזל, נישט ווייט פון דער מיקווה... דאָס איז די שיל מיטן בית־המדרש אינאיינעם, דאָס איז א שורה באַלעבאַטישע הייזער: די אויסגעווייסטע געהערן צו רייכע, די שוואַרצלעכע — צו די אָפּגעקומענע... אָט אביונישע שטיבלעך... דערנאָך ערשט באווייזט זיך דאָס בית־עולם... כסדר — אַלץ. מען זעט אפילו די יאַטקעס אַרוים, ווו דער קצב הייבט די האַק איבער א רעדל ווייבערישע קעפּ און שעלט לכבוד שבת!

באַרג־אָפּ לויפן צוויי בחורים; אין שינעטענע קאַפּאָטקעלעך, שיך און זעקלעך. די הענט אריינגעלאָזט אין די גאַרטלען, אויף די קעפּ גלאַנצנדיקע היטעלעך, געוויים פון חלב! נישט פון חלב, פון וועלכן מען מאַכט ערשט ליכט, נאָר פון חלב, וואָס טריפט פון היימיש־געצויגענע ליכטלעך, וואָס ווערן באַנוצט צו „וואַנט־אותיות".

אפשר ווייסט איר נישט, ווי אזוי מען מאַכט וואַנט־אותיות? אין דער היים, אַז טאַטע־מאַמע זענען נישטאָ; אין חדר, ווען דער רבי איז דערטרונקען געוואָרן אין א פּני־יהושע; אַמבעסטן אין בית־המדרש, אין אַ שיינעם העלן טאָג, ווען די באַלעבאַטים שפּאַצירן אָדער עסן אָנבייסן — נעם אַ חלבן ליכטל, שרייב דערמיט עפּעס אָן אויף דער וואַנט, למשל, „משנכנס אדר מרבים בשמחה", קענסטו געכתיבעטע אותיות, איז נאָך בעסער, עס וועט אַרויסקומען שענער, בולטער... דערנאָך נעם דאָס היטל, שמיר עס איין אין רים (סאַדזע) פון אויבן, רייב דערמיט אינעווייניק, אָן דער וואַנט, איין מאָל און צוויי מאָל, דערנאָך נעם דאָס איינגעשמירטע היטל אָן ביים דאַשעק און קלאַפּ אַ פּאָר מאָל איבער די חלבנע אותיות, וועסטו זען, וואָס עס וועט זיין... עס וועט אַרויסקומען ווי געדרוקט!

און דאָס איז דער גאַנצער סוד פון די אָפּגעריסענע דאַשקעס, צעפלויגענע היטלען! די מאַמעס ווייסן נישט דערפון. זיי מיינען, אז די תורה

איז דאָס שולדיק! רייסט זיך דיר אָפּ א קנעפּל פון א הויז, פארפלעקסטו א שינעטענע קאפּאָטע, אָדער, דו ברענגסט אהיים א פּאָר אויסגעוווייקטע שטיוול — בין איך דיך נישט מקנא; אָבער אז דאָס היטל איז פארפעצט שמייכלט די מאמע:

„נעבעך — טראכט זי — אליין פון דער תורה. פון לערנען שוויצט אים דאָס קעפּל! נעבעך... פונקט ווי דעם פאָטערס טלית פון דאווענען... אזא וואָרעם און שוין אזא שוויצן!"

היטל־מאכער האָבן אויך הנאה דערפון. א קינד מוז אויף יעדן יום־טוב באַקומען א ניי היטעלע, לכל־הפּחות — אויף יעדן פּסח!

מיר האָבן זיך פארשמועסט און אָן אונדזערע צוויי בחורים פארגעסן!

עס זענען געווים בחורים; יונגעלייטלעך לויפן נישט אזוי, אז מען טראָגט א מיל־שטיין אויפן האלדז, לויפט זיך נישט, האָט מען קיין כוח נישט צו לויפן. אז מען עסט אפילו קעסט פאסט אויך נישט צו לויפן... האלט מען זיך אליין אין דער מעלה...

זיי לויפן אראָפּ פון בארג, ווערן ערגעץ פארלוירן הינטער א הייזל, שווימען באלד צוריק ארויס, קוקן זיך אום צי מען יאָגט זיי נישט נאָך... צוועלף איז דער זייגער, און דאָס זענען חדר־יינגלעך, 15־יעריקע חדר־יינגלעך; אוודאי זיך ארויסגעגנבעט פון רבין... וואָס ערגער די צייט איז, לענגער לערנט מען ביי מלמדים! עס דויערט איידער מען קלייבט צונויף א נדן, און ב י ז צו די תנאים מ ו ז מען דאָך לערנען אין א חדר!

זיי זענען שוין ביים טייך... ביידע הייבן: פריער די לינקע, דערנאָך די רעכטע פּיס, שליידערן, ביי יעדן אויפהייבן א פוס, אראָפּ א שוך; פּייל פון בויגן האָבן זיי שוין אראָפּגעוואָרפן די קאפּאָטקעלעך, און זעצן זיך שוין אויפן זאמד, אויסצוטון די זאָקן.

—ווייסט, בערל — פארהאלט זיך איינער און זאָגט — איך פאר־שטיי פּאָרט נישט דעם רבינו תם... באשר, דער רבונו של עולם וויל נישט מבזה זיין זיינע באַשעפענישן און געבן זיי עולם־הבא אומזיסט... דעריבער וואָס? וויל ער דעריבער, זיי זאָלן דעם עולם־הבא פארדינען.. גוט, נאָר טאָמער פארשטייסטו בושה? וואָס איז? איך נעם עפּעס ביי א פרעמדן? צי איך נעם ביי א בשר ודם, וואָס עס ווערט אים ווייניקער? האָ? עס קאָסט אים עפּעס, דעם רבונו של עולם? א בשר ודם, אז ער האָט אפילו קורחס אוצרות, וויל ער באהאלטן אויף שפּעטער, פאר קינדער, פאר שטייסט — לדורות...

— אָבער פונדעסטוועגן — ענטפערט דער צווייטער — איז פּאָרט א ג ר ע ס ע ר ע מדרגה, אז מען נעמט אפילו ביים רבונו של עולם אויך נישט אומזיסט! נאָר שכר!...

— שטייט דאָך אָבער — שלא על מנת לקבל שכר...

— דאָס איז ווייטער עפּעס אנדערש...

זיי האָבן זיך אזוי פארשמועסט, און פארגעסן, נאָך וואָס זיי זענען געקומען. זיי האָבן אלץ נאָך די זעקלען נישט אויפגעבונדן. זיצנדיק אין זאמד, פארקנייטשן זיי די שטערן אין הייסן וויכוח. ביי יעדער שטארקער תנועה, צעפּליען זיך די ציצית פון די טלתים קטנים, צעקריכן זיך ארום אין זאמד.

— נו, איז רעכט — שכר! אָבער עונש? פארוואָס נאָך — עונש?

— דער עונש איז טאַקע דערויף, מען זאָל בעסער ווערן, תשובה טון... מפשפש במעשיו זיין...

— גוט... הא תינח, אויף ד ע ר וועלט; אויבער אויף י ע נ ע ר וועלט, וואָס פאר א טעם האָט ד אָ ר ט דער עונש?

— זאָגט טאַקע דער רבונו תם, אז דאָרטן איז שוין דער עונש אן אנדערער: דאָרט רייניקט מען אָפּ די טומאה, וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט אָן די נשמות... למרק... הייסט עס, וואָרום א חטא איז א פלעק... וואַשט מען טאַקע... מטהר איז מען...

— יאָ. אָבער . . .

נאָך עמעץ לאָזט זיך אראָפּ פון בארג.

עס איז א דארע, הויכע יידענע; א דיקע שאַל איבערן קאָפּ... א בעזים אין האנט... די אויגן אירע ברענען, דער אָטעם איז הייס...

— שקצים! — שרייט זי אין איין כעס, — אין שיינעם העלן טאָג

— באָדן! אַ כפּרה, זייגער צוועלף — באָדן!

— פאר דעם וועל איך צאָלן מלמד געלט! שרייט זי און וואַרפט איבערן קאָפּ מיטן בעזעם.

די פילאָזאָפן אָבער זעען נישט און הערן נישט:

— עס איז דאָך פּאָרט א רחמנות אויף דער נשמה... זי האָט טאַקע געזינדיקט, נאָר ווי זאָגט די גמרא, וואָס רש״י ברענגט: אין אדם חוטא, אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות... נאָר אַ משוגענער טוט אן עבירה... אויסער אַ שוגג . . .

— און אז דער יצר־הרע איז א תקיף?

— בין איך דאָך ערשט אן אמתער אונס!

— טאקע? און דברי הרב ודברי התלמיד... הא? און היינט ווו איז א מומר להכעיס?

— זעסטו, א מומר להכעיס, איז טאקע נישט צו פארשטיין! נעם א האק און שפאלט דיר אליין דעם קאפ...

— איך וועל אייך ביידע די קעפ שפאלטן, שקצים עכברושים! — דונערט שוין נאענט דער יידענעם קול.

— די מאמע! די מאמע! — שרייען די פילאזאפן, כאפן אין די הענט אריין דאס אוועקגעווארפענע אנטון און אנטלויפן צוריק בארג אויף.

די מוטער סאפעט און לויפט נאך מיטן בעזעם, שרייענדיק אלץ איינינעם:

— אין חדר אריין, שקצים!

משוגעים

אז יעדע קהילה מוז האָבן איר משוגעת, און אז נישט, ווערט א געזונטער משוגע — פון דעם זינגען שוין די שוואַלבן אויף די דעכער. אָבער אז אזא קהל ווי אונדזערס: א קהל אַן א רב, אַן א הייליק אָרט, מיט קוים איין ספר־תורה פאר א מנין; א קהל, וואָס איז, אומשטיינס געזאָגט, נישט מער ווי א געלייגטער עירוב פאר אַן אנדער קהילה, וואָס נעמט אונדז צו דעם רח״ש, מיט די בר־מנג׳ס, מיט אַלעם גוטן — מיט איין וואָרט: אז א קהל, וואָס האָט זיך צעלייגט קוים מיט א האַלב געסל אויפן זאמד ביי דער ווייסל — זאָל מוזן האָבן איר אייגענעם א משוגענעם, — דאָס רעכן איך פאר א וואונדערלעכע זאך. און א וואונדער־לעכע זאך איז כדאי צו דערציילן. מיר דאכט זיך, אז די מעשה מיט אונד־זער שוחטל, וואָס איז אמאָל געקומען, צווישן מנחה ומעריב, צום מנין און האָט א קלאפּ געטון אַן שלחן, און אויסגערופן, נישט מיט זיין קול, באשר בכן, ער האָט ביז אהער מאכל טריפות געווען! — האָב איך אייך שוין אמאָל דערציילט... איר געדענקט אוודאי: א קלאפּ געטון, אויסגערופן און — משוגע געוואָרן! און גייט שוין ארום אויף און אָפּ אין געסל, שטיל־שווייגנדיק, שווארץ ווי די ערד, נאָר די ליפּן ציטערן און מיט דער רעכטער האנט צופּט ער זיך אַלץ איניינעם ביי דער לינקער זייט ברוסט, גלייך ער וואָלט געוואָלט אויסרייסן פון דאָרט די מרה־שחורה, די זינד צי דעם שיגעון... און פּלוצלינג — און דאָס האָב איך אייך שוין זיכער נישט דער־ציילט — איז ער נעלם געוואָרן. מילא, א גרויס איז ער געווען, קיין קינדער האָט ער נישט איבערגעלאָזט, האָט מען אַן אים פארגעסן. געפילט האָט מען, אז עס פעלט עפּעס אין גאס, נאָר מאַלע וואָס עס פעלט; עס פעלט אפילו פּרנסה! דערנאָך האָט מען דערציילט, אז עס איז געשטאַנען אין בלאַט, אז אין ים הינטער דאנציק איז אַרויסגעשווומען א דערטרונקענער און אז מען האָט, אַן די קליידער מיטן טלית־קטן, דערקענט, אז עס מוז זיין א פּוילישער ייד. האָט מען געקלערט, אז דאָס מוז ער זיין; ער פלעגט ארומגיין גאנצע נעכט ביי דער ווייסל, האָט זי אים צוגענומען! שווימען

האָט ער אפילו געקענט, נאָר אײדער ער איז משוגע געװאָרן! דערנאָך װײסט מען נישט. אי, װי קומט די װײסל אונטער װאַרשע צום ים אונטער דאַנציק, דאָס איז קײן קשיא נישט: כל הנחלים — אַלע טײכן גײען צום ים; דאָס האָט נאָך שלמה המלך געזאָגט. און מען האָט װײטער פאַרגעסן! אײנמאָל אָבער האָט מען זיך דערמאָנט, אַז דעם שוחטס קעסטל שטײט נאָך בײם בעקער, װוּ ער פלעגט זיך אױפהאַלטן. נישט נעכטיקן, װײל, װי געזאָגט, גאַנצע נעכט פלעגט ער אַרומגײן אין גאַס און האָט קײן אױג נישט צוגעמאַכט; אױסער אױב ער איז געשלאָפן גײענדיקערהײט! װײל דער עולם װײסן, װאָס בײ אים אין קעסטל קען זיך געפינען; אפשר, זאָגט מען, געפינט מען נאָך „חדושי־תורה", װאָרום פריער איז ער א יונגערמאַן א למדן געװען, און פלעגט טינטלען מיט דער פעדער. גײט מען אַרײן צום בעקער; דאָס קעסטל איז דאָ. ער האָט גאָר פאַרגעסן דערין. עפנט מען אױף. געפינט מען נישט מער, װי עטלעכע קרישקעלעך עסנװאַרג מיט א צעריסענעם טלית־קטן. נעמט מען דאָס קעסטל, װאָס איז נישט װערט גע־װען די רײד, און מען צעהאַקט עס, און מען װאַרפט עס אין אױװן אַרײן, צום פאַרברענען. און דאָ הױבט זיך אָן א נײע מעשה! אײדער נאָך דאָס קעסטל איז פאַרברענט געװאָרן, קלאַפּט שױן עמעם אָן אין פענצטער: באַשר בכן, זלמן בחור איז משוגע געװאָרן!

איר װײסט נישט, װער זלמן בחור איז געװען. דער פאָטער זײנער איז געװען אַמאָל א פישער. אפילו אַן ערלעכער ייִד. איז ער, לא עליכם, דערטרונקען געװאָרן, איז די מוטער קראַנק געװאָרן פאַר צרות, האָט מען זי פאַר גרױס רחמנות געפירט אין װאַרשעװער שפּיטאָל אַרײן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז עס װאַקסט איר עפּעס צװישן די געדערים. האָט מען איר אױסגעשניטן, װאָס מען דאַרף. דאָס געשװיר האָט מען אפילו נישט געפונען, נאָר זי, נעבעך, איז, נישט פאַר אײך געדאַכט, אומגעקומען אונ־טערן מעסער. מן־הסתם איז אַזױ באַשערט געװען! בלײבט זלמן א יתום און עלטערט זיך אַזױ. װאָרום װער זאָל אים חתונה מאַכן? רופט מען אים טאַקע: זלמן בחור! א שפּאַס? א יונג פון עטלעכע און צװאַנציק יאָר! גע־לעבט האָט ער פון שוסטערײ, נאָך ײנגלװײז, איז ער אײנמאָל אַלײן אַרײנ־געגאַנגען צו א שוסטער, צו א דאַמסקען שוסטער אפילו, און האָט זיך צוגערוקט צו א דרײפיסיק בענקעלע, און זיך געזעצט אַרבעטן; כאָטש טרײב אים מיט א שטעקן. איך װײס אפילו נישט, צי ער האָט געקענט דאַװענען! אױסגעזען האָט ער טאַקע מגושם: הױך, ברײט אין די אַקסל, מיט א פּאָר גרױסע אױגענים. א כוח אין די הענט האָט ער געהאַט גאָר אַן

אויסטערלישן; דריי ערלים האָבן געהאט עפּעס אין עסק צום באַלעבאָס זיינעם, האָבן זיי אים געוואָלט שלאָגן, אויפן פויערישן שטייגער; כאַפּט ער איינעם און עפנט מיט אים די טיר, און כאַפּט די אנדערע צוויי ווי די זעקלעך אונטער די אָרעם און טראָגט זיי ארויס! און אזוינס האָט מען, על־פּי מקרה, באַפרייט פון מיליטער! דערנאָך, אז דער באַלעבאָס זיינער איז ניפטר געוואָרן, האָט ער זיך געזעצט אויף זיין אָרט און געשפּייזט די אלמנה מיט די יתומים! געמיינט האָט מען, ער וויל חתונה האָבן מיט דער אלמנה. מילא, מהיכא תיתא! לאָזט זיך אָבער אויס, אז ער וויל גאָר אַ ביילע דער אלמנהס טאָכטער, א שוואַרץ־חנעוודיק מיידל; גיטעלע האָט זי געהייסן. באַשר בכן, ער האָט איר אמאָל א מאָס גענומען אויף א פּאָר שיכלעך, איז זי אים געפעלן געוואָרן. שיקט ער צו דער מוטער א שדכן! פארשטייט זיך, אז מיטן גוטן ווילן גייט דער שדכן נ י ש ט: וואָרום, ביילע די אלמנה האָט איר אייגן הייזל, טאקע דאָס לעצטע אין געסל, ביי דער ווייסל, און אַ מחיה האָט זי אין שטוב פון זאלץ, און אָנגעגרייט האָט זי פאר דער לעצטער טאָכטער, פארן מיזיניקל (די עלטערע קינדער האָט זי שוין לאנג אויסגעגעבן אין פרעמדע שטעט אריין) — א גאנץ פיין קניפּל, און מען רעדט איר א שידוך מיט משהלע ר' זבולון דיינס אייניקל, יחוס שביחוס, א חוץ דאָס קרן אליין — אן עלוי שבעלויים. עס האַלט שוין ביי תנאים שרייבן, נישט מער עס גייט נאָך וועגן א קלייניקייט: יענער וויל פינף און זי וויל פיר יאָר קעסט, — נו, האָט א טעם אָנצושלאָגן אזא שידוך? בפרט נאָך, אז דאָס איז גראָד דער אייגענער שדכן, וואָס האַלט אין אויספירן יענעם שידוך!

נעמט אָבער אונדזער זלמן בחור דעם שדכן און שטופּט אים א ווייסן פערציקער אין דער האנט אריין און גיט דערביי אויף אים א קוק, אז עס יאָגט אים א קעלט דורך די ביינער. שרייט ער: כ'גיי, כ'גיי! און ער גייט, און זלמן בחור גייט אים נאָך פון הינטן, יענער פילט, נעבעך, זיין הייסן אָטעם אויף די אקסל! און זלמן בחור שטעלט זיך אָפּ נישט ווייט פון דער טיר; אויף א תשובה ווארט ער! און וואָס האָט דאָ געקענט זיין פאר אַ תשובה? ביילע די אלמנה איז ארויס צום חתן־דגן מיט א בעזים! וואָס קלערט איר, מעשים האָט זיך געטון! מען איז געלאָפן אויף זיין בייז ווונדער! וואָרום שטעלט אייך פאָר א סצענע — אזא גבר־אלים, א יונג ווי אַ בוים, אַנטלויפט פאַר דער איינגעשרומפּענער קליינער אלמנה, וואָס דריפּעט אים נאָך אין א פּאָר קלאַפּעדיקע שוסטער־שיך! דאָס אָרעמע מיידל, נעבעך, איז ארויס פאר דער טיר מיט א הארצרייסנדיק געוויין; זי האָט

געמיינט, ער וועט איר דורסן, די מאַמען! און ער רוקט זיך אָפּ אַלץ ווייטער און ווייטער!

צו מינחה, קומט ער דאַווענען, מאַכט מען פון אים חוכא וטלולא; ענטפערט ער, אז אויב מען וועט אים נישט געבן גיטעלע פאַר אַ ווייב, וועט ער זיך א מעשה טון. טו! ווערט ער אָבער פלוצלינג א ווילער יונג און הייבט אָן דרשהנען: ער האָט זי ליב, און זי האָט אים ליב! גייט זיך די גרינגע גאַל אָן. „סטייטש, פון וואַנען ווייסטו, בחור"? ענטפערט ער מיט ניצחון: ער ווייסט. דאָס איז שוין זיין דאגה, זאָגט ער! און שטרעקט נאָך אויס די פלאַכע האַנט; דאָ וועט אים האָר ארויסוואַקסן, אויב גיטעלע וועט נעמען דאָס קרומע משהלע, וואָס ער קען צעקוועטשן, ווי א פליג, נאָר עס מיאוסט זיך! און דערביי פלאַמען אים די אויגן משונה, ווי עס דאַרף צו זיין. פלוצליג שפּרינגט ער אוועק און לויפט צו, מיט די פויסטן. צו ר' חיים-יאָסלס, דער כלהס א פעטער, באשר בכן — ער מאַכט אים קאַליע! ר' חיים - יאָסלס איז אונדזער איין-איינציקער שיינער ייד, א בן תורה; געלט אויף פּראָצענט, אפילו היפש געלט... און א ווייסע, שיינע באָרד! וויל ער'ן מאַכן כעפרא דארעא! און מען האָט אים קוים מיט מסירת נפש אָפּגעראַטעוועט; ער וואָלט אים צעטראָטן! שפּרינגט ער אָפּ פון ר' חיים-יאָסלס, און לויפט, אויף דער צווייטער זייט, צו משהלען, וואָס איז, נעבעך געזעסן, ווי זיין שטייגער, איבער א גמרא און געלערנט, — און זאָגט צו אים מיט חוזק: מויסעלע, מויסעלע (משהלע האָט נישט געקאָנט ארויסזאָגן קיין שין), פאַרטויף מיר דיין טאַלע! „פאַרקויף מיר דיין כלה" הייסט עס, וואָס קיין כ"ף און קוף האָט אויך משהלע נישט ארויסגעזאָגט. נאַ'דיר — זאָגט ער — פאַר איר, וואָס דו ווילסט: א דריידל, אַ צוועקעלע! און אפשר ווילסטו א דרייער? מילא, משהלע האָט זיך צעוויינט, אז עס איז א גאָטס רחמנות געווען!

נאָר דאָס אַלץ איז גאָרנישט. צרות צרורות דערפון האָט געהאַט גיטעלע! זי האָט זיך נישט געקאָנט ארויסווייזן אין גאַס. ער פלעגט איר נאָכגיין טריט ביי טריט, און זיפצן און ממש וויינען פאַר איר: גיטעלע, פאַרגים נישט מיין בלוט, מאַך מיך נישט אומגליקלעך, פאַרפינצטער נישט מיין וועלט... וכדומה אזעלכע נאַרעשקייטן. דער מוטערס מילך איז איר אַנטרונען געוואָרן. און זי איז אַ גוט כשר קינד, און פלעגט אים קיין שלעכט וואָרט נישט זאָגן! פאַרקערט, טיילמאָל דרייט זי זיך אויס צו אים, און הייבט צו אים אויף די אויגן מיט אזא רחמנות, אז טאָקע נישט צום באַשרייבן! גייט די מוטער, — וואָס זאָל זי נעבעך טון? — און פאַר-

שליסט זי אין שטוב. גייט זלמן בחור און קרייזלט גאנצע טעג און נעכט ארום דער שטוב. און דאָס מיידל, נעבעך, ליידט, פאַר חרפּה ובושה, דאָס גיהנום! אַ קלייניקייט צו זאָגן! קיין בעלת בשר איז זי קיינמאָל נישט געווען, אַצינד פאַלן פון איר שטיקער פאַר בזיון, טאָג אויף טאָג ווערט זי מאָגערער! אויסער דעם, איז אויף איר, נעבעך, געפאַלן אַ מרה שחורה מיט אַ האַרץ־קלאַפּונג, אַז דאָס מיידל איז, נעבעך, שיר־נישט אומגעקומען פון דער וועלט! דערציילט מען עס דעם בחור, זאָגט מען אים, אַז דו האָסט זי ליב, וואָס קוילעסטו זי אָן אַ מעסער? ענטפערט ער, אַז ער וויל נישט מער, נאָר זי אַליין זאָל אים צורופן צום פענצטער, און זאָגן אים בפירוש, אַז זי נעמט צוריק איר וואָרט! וואָס פאַר אַ וואָרט? ער ווייסט שוין! זאָל זי כאָטש אים ארויסשאָקלען מיטן קאָפּ אויף ניין! בעט מען זי, זי זאָל צוליב טון זיין משוגעת, וואָרום וואָס קען מען טון מיט אַזאַ עוג מלך הבשן? וויל זי נישט. ווײנט זי און חלשט. פאַרשטייט זיך, זי וויל אים פאָרט נישט מבייש זיין! אַ יידישע טאָכטער! הכלל — צרות! בלייבט, מען מוז חתונה מאַכן. גיט נאָך די אַלמנה, זאָגט צו גאַנצע 5 יאָר קעסט, מען שרייבט תנאים, און זלמן בחור שטייט אונטער דער שטוב און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, אַז עס הילעכט! — דאָס מיידל פאַלט אין חלשות, מען זעט בחוש, זי וועט אַריין אין אַ קרענק; גנבעט מען זי אַרויס, פירט מען זי קיין וואַרשע, מכלומרשט צו'ן אַ דאָקטאָר. ר' זלמן דיין מיטן אייניקל פאָרן בסוד סודות נאָך, ביינאַכט, אויף אַ שיפל איבער דער ווייסל! אין אַ צייט אַרום, דער בחור שטייט אין גאַס, און עס קומט אָנצופאָרן אַ בויד מיט די מחותנים, מיט חתן־כלה. — דערזעט ער, גיט ער אַ געשריי, ווי אַ געקוילעטער אָקס, און, תוך כדי דיבור — אַ וואָרף־זיך אָן דער ערד, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים, קריגט אַ מין קאָנוואולסיע, אַז מען הייבט אים אויף — אַ פאַרטיק משוגעת!

אין וואָס איז זיין שיגעון? גיטעלע איז שוין געווען אַ ווייבל, זי האָט אַ קינד געבוירן, וואָס איז אין קימפּעט געשטאָרבן. און ער טראָגט זיך אַרום מיטן יתומל אויף די הענט — האַלטן האַלט ער אַ שטעקעלע, אַרומגעוויקלט אין אַ שמאַטקעלע — אַ ליאַלקע! און הוידעט עס, און וויגט עס, און זינגט אים שלאָף־לידעלעך, און שמאַטשקעט צו אים — אַזוי גאַנצע טעג און נעכט...

טיילמאָל ווערט אינ'ם אַ שנוי, לאָזט ער אַראָפּ די הענט, אוים אבי יתומים! און ווערט אַנדערש משוגע. דאָס טרעפט דער עיקר אין אַ לבנה־נאַכט. ער פאַלט פּלוצלינג אין כעס אַריין, גייט אויף־און־אָפּ אין גאַס,

קלאַפּט אין די פאַרמאַכטע לאָדן אַריין, שרייט אין די שטיבער אַריין: רוצחים! גזלנים! בלוט־זייגער! און וואָס עס קומט אים אין מויל אַריין: נאָר אַז ער קומט אַראָפּ צו ביילע דער אלמנהס הויז, צו דער ווייסל צו, גייט ער צו אויף די שפּיץ־נעגל צום לאָדן פון יונגן פּאָר־פּאָלקס שטוב, בייגט צו צום לאָדן אַן אויער, הערט זיך איין אַ ווײַלע, דערנאָך לייגט ער צו די האַנט, קושט דעם לאָדן, ווי אַ מזוזה, להבדיל, און גייט, וויינענדיק אַוועק...

גיטעלע האָט זיך אפילו שוין כמעט ווי צוגעוווינט, נאָר, לא עליכם, קיין קינדער האָט זי נישט! —

דער נדבן

פאַרוואָס איך האָב מיך איבערגעצויגן קיין ווארשע? פרעגט איר. כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת: כ'בין אנטלאָפן פאר די קליינשטעטלדיקע קבצנים.

מיינט איר אפשר איך בין א קארגער? אסור־חזיר! ביי מיר איז א הונדערטער — בלאָטע. נאָר די אָרעמע לייט! ווי א ביין אין האלדז זענען זיי מיר געשטאַנען! איך קען נישט, איך האָב א ווייכע נאַטור, און קען נישט פארטראָגן דעם חושכדיקן דלות מיט די פאַרלאָפענע אויגן און אויסגעקרומטע פלייצעס!

און פרוווט, פרעגט מיך, פון וואנען עס קומט צו מיר? אסור, אויב איך וויים!

די וועלט זאָגט: „א קינד איז דער מאמעס א טאָכטער אָדער'ן טאַטנס א זון". „נישט וויט, זאָגט מען, פאלט דאָס עפּעלע פון בוים! נישט שטענדיק אפנים, איז אמת וואָס מען זאָגט! וואָרום, למשל, א י ך.

מיין טאטע, עליו השלום, איז כל ימיו געוועזן א קבצן — א קליינשטעטלדיקער שמש! פאר קוים דאָס לעבן צו דערהאלטן לאָזט מען זיך טרעטן פון „קהל, רב און בעדער!" א לאטע־לייגער, א שוסטער האָט מער פרנסה און מער כבוד פאר א שמש!

צוויי ברידער האָב איך — להבדיל בין החיים והמתים — זיי לעבן נאָך — אָבער וואָס פאר א לעבן ביי פרעהן אין מצרים האָט מען א שענער לעבן געהאט! טאקע אויף שונאי ציון געזאָגט! איינער וווינט אין בריסקדליטא, פארשטייט איר דאָך, איז ער א נשרף! דער צווייטער וווינט שוין גאָר נישט; שוין יאָרנלאנג, אז ער האָט זיך געלאָזט אויף דער וועלט צוזאמענמאכן אויף הכנסת כלה — זעקס טעכטער האָט ער, דער ייד!

איך זאָל אויסרעכענען מיין גאַנצע קבצנישע משפחה, וואָלטן מיר פינגער געפעלט! ווי די היישעריקן באַפאלן זיי מיך; לאָמיך זיי ווייזן א פינגער שלינגען זיי מיך איין מיט די קאמאשן! א געלעבערטן זאק פילט מען נישט אָן!

און איך אַליין, וואָס מיינט איר? איך בין געבוירן ווי איך בין?

איך בין דאָך אַן אָרעמאַן — אַ שמשס אַ זון! ער האָט דען געהאַט אַ צעבראָכענעם דרייער ביי דער נשמה אויף נדן? דער מאַמע עליה השלומס ירושה, אַ האַלצערנע חורבה הינטערן שטעטל, האָט מען פאַר־קויפט אויף חתונה הוצאות. איך בין דאָך דער ייִנגסטער געווען, האָט זיך דער טאַטע עליו השלום, אַרויסגעצויגן אין בית־המדרש אַריין. די באַלע־באַטים האָבן אפילו נישט געוואָלט... נו — גיט איר נדן! זאָגט ער, מאַכט איר חתונה!

און וויפל מיינט איר האָט מען פאַר מיין עילויישן קאָפּ געגעבן? צוויי מסכתות האָב איך געקענט אויסנווייניק, צוגעזאָגט אַכט הונדערט גילדן, געגעבן האָט מען די העלפט; פאַר דאָס האָט מען מיר געגעבן אַ כלה מיט אַן איבעריק שטיקל פּלייצע, אמת — אַ שטר חצי זכר, האָט מען צוגעלייגט!

זעט איר דאָך בחוש — אַן אויפגעקומענער (אַנדערע שעמען זיך דערמיט!) פּשוט איך האָב געטון מיינס, דער רבונו של עולם האָט געהאָלפן און בטבע, זעט איר בין איך אַ געבוירענער נגיד, אַ רך־לבֿ און אַ מפונק דערצו!

פון וואַנען? איז פאַראַן נאָך אַ קשיא אויף דער וועלט!

און דעריבער טאַקע האָב איך געמוזט אַנטלויפן, איר ווייסט גאָר־נישט וואָס פאַר אַ גיהנום דאָס קליינע שטעטל איז פאַר אַזאַ ייִד, למשל, ווי איך, וואָס האָט אַ האַרץ נישט קיין שטיין אינעם לייב! און וואָס האָט אַ נאָז און אַ געפיל, ווי אַ מענטש דאַרף צו האָבן!

ערשטנס ווינט אַ מענטש ווי אין מיטן גאַס! די פענצטער נישט פאַרהאָנגען. ווער עס גייט פאַרביי, וואַרפט אַריין אַן אויג. וויל ער, שטעלט ער זיך אָפּ, דריקט צו די נאָז צו דער שויב און באַטראַכט, צי שטייט נישט עפּעס נייעס אין שטוב. זומער, אַז דאָס פענצטער איז אָפן, שטעקט ער אַריין דעם קאָפּ מיט אַ פיינעם גוט־מאָרגן, גאָט־העלף, גוטן אָוונט — פאַן בראַט; צוזאַמען חזרים געפּאַשעט! און דאָס איז פאַרבייגייענדיק, אַז ער האָט קיין צייט נישט, האָט ער צייט — קומט ער אין שטוב אַריין, פון קיין קלאַפּשלאָס, פון אָנקלינגען הייבט מען גאָרנישט אָן צו ווייסן! מען מוז נאָך נאָכ'ן די טיר פאַרמאַכן! אַ רשות הרבים.

באַלד אינדערפרי:

— גוט מאָרגן, באַלעבאָס לעבן!

ווער איז?

דאָס איז לאה די מילכיקערן! שוין צען יאָר טראָגט זי מיר מילך, איז זי דאָך א בן־בית.

די קו האַלט זי הינטער דער שטאָט, אויף יענער זייט טייך; קומט זי אייך אריין ווינטער אין א פּאָר גרויסע שטיוול, אין זעלנערישע, שטרויענע קאַלאָשן. ליידן ליידט זי אויף אסטמא, קען זי זיך נישט איינבייגן און א ו י ס ט ו ן די קאַלאָשן, גייט זי אריין אזוי; עס רינט איר פון די פיס, פון קאָפּ — דערביי האָט זי שטענדיק א רויט־אָנגעפרוירן נעזל — וואָס איז אויך נישט זייער טרוקן! נאָך א מעלה האָט זי, זי שטאַמלט אביסל און איז אָן א „ג" —

— דוט מאָרדן — הייסט עס — באַלעבאָס לעבן!

און וואָס וויל לאה די מילכיקערן?

א קליייניקייט וויל זי. די „שווארצע" איז איר, לא עליכם, אוועקגעפאַלן! מען דארף א קאַנאָוואַל און די הוצאה דארף א י ך אויסשטיין. און כ ע ל ו ת ה ב ק ר קומט זי, אוועקגעפאַלן, הערט איר דאָך!

און די קו, זאָגט זי, איז כמעט מיין קו — איך טרינק דאָך שוין צען יאָר די מילך!

א חוץ דעם איז זי נאָך מיין ווייבס א שטיקל קרובה, עפּעס א שמעלקע בשמעלקע, ווי מען זאָגט! האָט זי דאָך אוודאי א טענה...

כאַפּ איך ארוים א רובל, אבי גיי!

חס־ושלום! נישט אזוי געשווינד רירט זיך לאה די מילכיקערן פון אָרט.

ערשטנס הייבט זי מיך אָן צו בענטשן; פריער גאָט — דערנאָכטן איך, און בענטשט מיך מיט סאַמע דלתן...

דערנאָך באַקוקט זי נאָך אמאָל, דאָס הייסט צום טויזנטסטן מאָל, די דירה מיינע מיטן מעבל, און הייבט זיך אָן קרימען און קרימען, ביז זי לאָזט ארוים א געוויין.

וואָס איז?

ס׳טייטש, ווען נישט איר מאַן דער בטלן, וואָלט זי אויך אין אזא דירה געזעסן, אויך אזא מעבל געהאַט; זי וואָלט זיך אויך געבאָדן אין כל־טוב. וואָס איז? עס פּאַסט איר נישט? זי האָט אויך חשק צו׳ן א זילבערן חנוכה־לעמפּל, צו׳ן א גאָלדן בשמים־שקעטעלע — צו וואָס אויגן זעען!

עס האָט עפּעס א סך געפעלט?

א פריץ האָט זי געהאַט טאַקע א ברילִיאַנט, די גאַנצע פּאַכט האָט ער איר — די מעשה איז שוין א יאָר צוואַנציק — געוואָלט אוועקגעבן, אזוי

האָט זי ביי אים נושא־חן געווען, אַ יבער צוואַנציק קי צום מעלקן... נאָר דער מאַן דער בטלן — זיין נאָמען זאָל אַהיימקומען! — האָט נישט געוואָלט...

פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט איז נישט צום פאַרשטיין! אַזוי צערעש׳עט זי זיך, און איך מוז ביי איר בעטן רחמים, זי זאָל מיך לאָזן אויסטרינקען דאָס גלעזל טיי; דאָס „גלעזל וואַרעמס" הייסט עס!

דאַנקען גאָט, כ׳האָב ביי איר געפּועלט, זי וויל שוין גיין — רופט זי מיין ווייב אַריין צו זיך! אין בעט ליגט זי, — אַ קראַנקע, נעבעך, כל ימיה אָפּגעלעגן אין בעט; ווייל זי עפּעס הערן נייעס פון שטעטל. מילא, איך האָב דאָך קיין צייט נישט, זאָל אַריינקומען לאה די מילכיקערן, ווער עס איז, אַבי מען זאָל איר ביימלען נייעס: ווער עס קריגט זיך. ווער עס גט זיך, ווי עס לעבט זיך ביי לייטן, וואָס מען קאָכט, וכדומה ווייבערישע פּאַטשטן! און לאה די מילכיקערן איז דאָך עפּעס אַן איינגייערן אין הייזער!

איך כאַפּ דערווייל און וויל אויסטרינקען די טיי, לאה די מילכיקערן זאָל מיך צוריק־צו־וועגס נישט טרעפן אין שטוב. עס גייט נישט, לייזער מעקלער גייט! און לייזער מעקלער איז נישט אבי־ווער! זכרונו לברכה, דעם שטאָט־מגידס אַ זון! פון פאָטער האָט לייזער געירשנט נאָר דעם קאָלטאָן און דאַכט זיך קיין וואָרט תורה נישט, איז אים דאָך זכות אבות בייגע־שטאַנען, ער זאָל ווערן תבואה־מעקלער. טויגן טויג ער נישט קיין קאָץ אָן עק צוצובינדן. זייט ער לעבט, האָט ער נאָך קיין איינציקע קנייה נישט אויסגעפירט. באַלעבאַטישע סוחרים אָבער זאָגן: ער איז, איז ער; טו זיי עפּעס! ווער עס איז שלעפּט צוזאַמען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, שלאָגט זיך אונטער די פּיס, רייסט זיך אויס די קעל, און נאָך קריעת ים סוף, אַז עס קומט מעקלעריי צו צאָלן, זאָגט מען: נאָר לייזערל איז אַ שותף! און ער איז! ער נעמט!

אַנישט, וואָלטן דאָך אים די באַלעבאַטים געמוזט אויפהאַלטן, מען וועט דאָך נישט לאָזן לייזערל דעם שטאָט־מגיד, זכרונו לברכהס, זאָל שטאַרבן פאַר הונגער!

און בכוח דעם אייגענעם זכות אבות איז ער גלאַט אַן איינגייער ביי באַלעבאַטים.

ביי מיר אויך!

גוט מאָרגן — גוט יאָר —

וואָס הערט זיך נייעס?

אַט אזוי און אזוי... „ווו איז דיין טאבאק?" — פרעגט ער.

אויף מיין טאבאק האָט ער אויך זכות אבות — א גלאָז טיי וויל ער אוודאי, און אַן עסק האָט ער אויך.

מיין ווייב איז דאָך קראנק, פרעגט ער קודם כל וואָס זי מאַכט, און אַז ער הערט, אַז עס איז נישט בעסער, קרעכצט ער: אַלץ ווייל מען וויל'ן נישט פאָלגן! זיינס א לייבלעכע מומע — ליגט שוין לאנג ווו מען דאַרף! — האָט אויך אזא מיחוש געהאט, און קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן, נאָר א גרין פלעשל. מען דארף באשטעלן אין דער אפטייק א גרין פלעשל! וואָרום, ווו דער דאָקטאָר, וואָס האָט איר פארשריבן דאָס גרינע פלעשל, וווינט היינט, ווייסט ער נישט; און אפשר איז ער שוין אויך, ווו מען דאַרף... דער אפטייקער וועט וויסן, ער איז דאָך יענעם אפטייקערס א זון, וועט ער געפינען אין די כתבים...

דאָס איז דאָס עסק, וואָס ער האָט צו מיר.

איך וויל גיין דאַווענען, נעם דעם טלית־זאַק. ווערט ער מלא שמחה, וואָס אזא ייד א גביר ווי איך בין, היט אָפּ קריאת־שמע, און לאָזט נישט קהל זאָל אויפ'ן וואַרטן.. איך מעג — גיין זאָגט ער — נאָר ער וועט זיך דערווייל אביסל צולייגן אויף דער סאָפע. די ארורה זיינע האָט'ם א גאַנצע נאַכט געשאָלטן. פאַרוואָס, ווייסט ער אליין נישט, נאָר קיין אוועג האָט זי אים נישט געלאָזט צומאַכן, ערשט פאַרטאָג, אַז זי האָט געכאַפּט צו אים א פלאַש, איז ער ארויסגעשפּרונגען פון בעט און איז אַנטלאָפן. איז ער שוין געווען ביי שמערל האַניקמאַכער, ביי יאָסל ווייצענזאַנג און נאָך... נאָר ביי דעם איז צופיל קינדער, א מומע אין שטוב; ביי יענעם איז היינט א וועש, איז מער מומע, און ווייצענזאַנגס צנועה קענסטו דאָך! די הינט מעגן זי ארומשלעפּן, אויסציען זיך לאָזט זי נישט, כ'פּאַרפלעק איר, זאָגט זי, די סאָפע.

— ימח שמה, זאָגט ער, און אויב עס איז מיר א שאָד די סאָפע, וועט ער זיך זעצן אויף מיין פאָטערשטיל, א מחיה פון א שטול.

אַנטלויף איך; וואָס־זאָל איך טון?

אויף דער שוועל שלאָג איך מיך אָן עמעצן אָן.

וואָס איז? ווייטער א טובה. אָבער א מצווה, א מצווה גדולה!

מיין שניידער איז עס!

קומען, חלילה, קומט אים נישט ביי מיר. איך צאָל תוך כדי דיבור; נאָר דאָס ווייב האָט א צווילינג געהאַט! איינס איז אפילו באַלד אָוועק, נאָר ביים צווייטן וועט זיין א ברית, בעט ער מיך אויף סנדקאות — מהיכי־

תיתא. נאָר דאָס ווייב האָט דערוויל היץ, די באָבע וויל א דאָקטאָר, כאָטש א רופא מיט רעצעפּט, און ער איז אָן א גראָשן, — וויל ער פּאָרויס א פּאָר רובל...

ס'איז טאַקע מיין שניידער, און א גוטער שניידער, נאָר דאָס פּנים איז שוין פון א קבצן! דער קבצן קוקט אים שוין פון די אויגן ארויס, פון אונטער דער קאַפּאָטע אפיר, פון אויס די ארבל רייסט ער זיך! א צווילינג נאָך! ביי איינעם א לוויה, ביים צווייטן א ברית, און די קימפּעטאָרן מיט היץ — א פארלוירענער מענטש. שענק איך בעסער א רובל! איבער מיין שוועל זאָל ער שוין מער נישט איבערטרעטן, מער צו נייען גיב איך אים נישט...

ער הערט נישט, וואָס איך רעד צו אים, כאַפּט דעם רובל און אנטלויפט, און איך גיי אין בית־המדרש אריין...

אין בית־המדרש אריין מוז מען גיין דורכן מארק.

דורכשפּאצירן דעם מארק איז אויך נישט פון די גוטע זאכן.

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זונטיק, צי אזוי זייערם א יום־טוב, גראָד ליב צו גיין דורכן מארק. דעמאָלט איז דער מארק לעבעדיק, רירעוו־דיק: רויטע פאַטשיילעס, רויטע קרעלן, רויטע סטענגעס, רויטע פּנימער — פריש און געזונט, אָבער אזוי אינמיטן דער וואָך — חלשות גייט זיך אָן!

אַלטע, פארקרומטע, פארחושכטע ווייבער; גרינלעך טרוקן געבעקס, פויל אויבס, — און א יידענע נעמט מיטן פינגער און דרייט זיך אויס א פויל עפּעלע אין מויל אריין — —

— האַ—גוט?

און דער גאנצער מארק קען מיך...

און ער האָט הנאה, דער מארק: דער גביר גייט דאווענען. ער שעמט זיך נישט; מיטן טלית־זאק איבערן גאס! און מען בענטשט מיך!

און איך האָב באַקאַנטע אויפן מארק!

איינע איז גאָר מיינס א כלה געווען! דער טאַטע עליו השלום, האָט מיט אירן שוין א וואָרט געמאכט... און איר טאַטע האָט געהאַט א בשמ'קראָם, פלעג איך דאָרט, קויפן; איך האָב ערגעץ אויסגעקאַשפּערט א צווייער, און געלאָפן קויפן פאר א צווייער באָקסער; זי פלעג רויט ווערן; אונטערן טיש פלעגט זי שטייען. שמחת תורה צו הקפות האָב'מיר זיך — כאַ—כאַ! צווישן עולם אין פאָליש געפונען, ביי די הענט געהאַלטן. דערנאָך איז ביי מיר אין דער האַנט א ביסל מאנדלען געבליבן! נאָר באַלד נאָך יום־טוב האָט מיר דער טאַטע, עליו השלום, געזאָגט, אז חיים יאָסל

— אזוי האָט ער געהייסן, איר פֿאָטער — איז א קבצן, א באנקראָט. אין געוועלב שטייען ליידיקע פּודלעס אָן סחורה, אז ער האָט אים געוואָלט אריינארן אין זאק וכדומה, און — אוים שידוך...

באלד דערנאָך האָט זיך אויסגעוויזן, אז מיין זיווג איז אַ חולנית; א מאן האָט זי באקומען עפּעס א שווינדזיכטיקן מלמד... באלד רחמנא ליצלן, איז זי געוואָרן א „וויסטע אלמנה"... און אז איך גיי דורך — קוקט זי אויף מיר מיט מילכיקע אויגן...

און נישט זי אליין, נאָך א באקאנטע האָב איך דאָרט —

אויך אן אלמנה —

און דער מאן אירער האָט פאר דער פּטירה געזאָלט זיין מיין שותף.

עס איז נאָך געווען די פּאַכט אויף כשר־פלייש. ס'איז פאר דער ליציטאציע אין דער גובערניע, און איך האָב מיר דעמאָלט געזוכט א שטיקל עסק, מיינס א פּעטערס אן איידעם (שוין ביידע אויפן עולם האמת), אויך א יונגערמאן נאָך קעסט, זוכט זיך אויך אַ שטיקל עסק. פּאָרט מען אונדז צוזאמען... יוחנן פּאכטער איז, לא־עליכם, געלעגן איבער אנאנד (ער איז אויך נישטאָ, להבדיל בין החיים והמתים!) מאכן מיר זיך ביידע, נישט וויסנדיק, און ערשט א טאָג פריער כאפּ'מיר בסוד סודות עקסטרא־פּאָסט, און מען פאָרט אין גובערניע אריין... וואָלט'מיר ב יי ד ע גענומען די פּאכט, וואָלט איך אַ קלענערער עושר געווען...

וואָס טוט אָבער גאָט?

מיין ירוחם (אזוי האָט ער געהייסן) פאלט אונטערוועגס אוועק — מיט געגנזנס האָט ער זיך אָנגעגעסן און מיט קאלט ביר פארטרונקען! — דאָס געלט האָב איך געהאט ביי מיר; לאָז איך אים איבער אין א שטעטל גאנץ חרוב, שיק א שליח מיוחד נאָכן ווייב און פאָר ווייטער. רחמנות אהין, רחמנות אהער — געשעפט איז געשעפט. און וואָס וואָלט ער געהאט דערפון, ווען איך אליין בלייב אויך נישט ביי דער פּאכט? וואָלט איך געבליבן אַ קבצן! אויך האָב איך גענומען די פּאכט... אז איך בין צוריקגעקומען, איז זי שוין אָן אלמנה געווען... נו, מיט אלמנות און יתומים מאכט מען קיין שותפות נישט, האָב איך ארויסגעגעבן א וועקסל אויפן געלט, צוגעשריבן פּראָצענט... און היינט זיצט זי אויפן מארק... די עטלעכע רובל צו נישט געוואָרן...

פארשטייט זיך, אז איך האָב דערפון קיין נחת נישט; ווען איך גיי דורך, גיט א צופּ ביים הארץ וואָרום וואָס טו איך, אז אזא יידענע וועט ארויס מיט א קללה?

און אַז מען קומט שוין, מיינט איר, אין בית־המדרש אַריין, קלויבט מען שוין נחת?

באַלד אויף די טרעפּ — שלעפּט זיך ר' בערעלע דיין, סאַפּעט און קרעכצט... אַ גאַרטל דאַרף ער! אַלע פיר וואָכן פאַלט ער אַוועק אויפן מיחוש, טרעפּ זענען פאַר אים סכנות נפשות, — און אַז מען נעמט אים צונויף אויף אַ גאַרטל, מאַכט ער חתונה אַ טאָכטער! טו עפּעס, אַז דער ייד האָט פּאַרט צוועלף טעכטער! העכער וואַרט שוין אויף מיר דער בלינדער שוחט! ער איז בלינד געוואָרן, האָט קהל צוגענומען אַ נייעם שוחט, בין איך, פאַרשטייט זיך, געווען דערבײַ — אויסגערעדט האָב'מיר, אַז דער נייער שוחט זאָל צאָלן דעם אַלטן צוועלף־גילדן אַ וואָך, צאָלט ער נישט! אַליין אַ מטופּל! בין איך שולדיק! בלינד איז ער, נאָר ער דער־פילט מיך! און אַז ער דערפילט מיך, גיט ער אַ קרעכץ אויף מיין חשבון, טיילמאָל זאָגט ער:

— שוין פאַרזאָרגט...

האָב איך, מיינט איר, הנאה דערפון?

דערנאָך הייבט זיך ערשט אָן: קבצנים ביים אויוון, בטלנים ביים כיור, און אָן אַלע מוז מען זיך אָפּרייבן, אויסשמעקן זייער מאַכאָרקע... אַ געקומענעם לאַנד־קבצן מוז מען נאָך שלום געבן... און אַז גאָט העלפט, איך קום שוין צו צו דער מזרח־וואַנט, שטייט ערשט אויפגעשריבן מיט קרייד: גרויסע געבתיבעטע אותיות „חיים בן מיכל לרפואה שלמה"! און דער מיכל דאַרף גראָד זיין מיין משרת!

ס'גיהנום, זאָג איך אייך, האָב איך געליטן!

אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ איז נישט גוט...

מיינט איר אפשר, אַז עס איז מיר פּלוצים איינגעפאַלן צו אַנטלויפן? איינגעפּאַקט און אַרויסגעפאָרן?

ניין, עס איז אויך אַ גאָט־זאַך געווען. איך בין גאָרנישט אַזוי קלוג!

אַ ווייב האָב איך געהאַט, ווי געזאָגט, לא עליכם, אַ חולנית.

— עס איז איר וואָס אַמאָל ערגער געוואָרן.

איך האָב כימעט נישט געוווסט דערפון: זי האָט געהאַט איר שטוב, האָט ליב געהאַט צו האָבן אַרום זיך אירע גבאיטעס, אַלערליי שכנות, איך וועל דאָך נישט אַריינגיין, זיך זעצן צווישן ווייבער. ביינאַכט — איז בעסער זי זאָל שלאָפן.

איינמאָל שיקט זי מיך רופן. באשר בכן, זי וויל פאָרן קיין וואַרשע צו'ן אַ דאָקטאָר.

מהיכא תיתא.

וויל זי אליין נישט פאָרן.

זאָג איך, איך וועל עמעצן מיטשיקן. איין מענטש, צוויי מענטשן.

וויל זי נישט, נאָר איך זאָל מיט איר פאָרן, זי האָט מורא, זי וועט חלילה שטאַרבן אויפן וועג; און שטאַרבן אָנ׳עם מאַן וויל זי נישט...

האָב איך גראָד פאַרוויקלטע געשעפטן געהאַט. און גלאַט — פאָר מיט אַ קראַנקער! ביי מיין ווייך האַרץ וואָלט איך אויך, חס־ושלום, קראַנק געוואָרן... האָב איך דערווייל אַ ישוב, זאָג איך: כ׳וועל זען, איבערקלערן, שפּעטער, מאָרגן...

דערווייל הער איך אין גאַס, זי שטייט שמאָל...

דערנאָך ווער איך געוווּיר, אַז חברה קדישא פאַרבייגט זיך אויף מיר אַ קניפּל, די ציין שליפן זיי זיך, באשר בכן — די מקווה פאַלט איין...

בע! מיטן גוטן ווילן געבן מהיכי תיתא, אָבער נייטן זאָל מען מיך?

דינג איך, אַ שיינעם גוטן מאָרגן, אַ פּויערישן לאַנגן וואָגן, אויס־געבעט מיט שטרוי, היים אַרויפלייגן די חולנית און גיב אַ פאָר אַריין קיין וואַרשע!

און גערעכט איז זי געווען, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט שוין פון וואַרשע נישט צוריקומען...

איין דאָקטאָר, צוויי, דריי דאָקטוירים — און, לא עליכם, ווי אַ הון איינגעשלאָפן.

וואָס איר איז געווען, וויים איך עד־היום נישט...

נאָר אַ מחיה — 26 רובל קבורה־געלט! ווילסט? גיב אַ נדבה; נישט, נישט!

דערווייל, זיצנדיק שבעה, איז מיר וואַרשע געפעלן, פאַרהאַנגען, אַ קלאַפּ־שלאָס; אַ גן־עדן! אויף אָרנטלעכערע גאַסן לאָזט מען אפילו נישט בעטלען — — —

ניין, — זאָג איך — דאָ בלייב איך שוין!

אַלע קליינשטעטלדיקע גבירים מוזן זיך ציען קיין וואַרשע — — —

דער דראַנג

דאָס, וואָס איך וויל אייך דערציילן, איז א מעשה פון מאַזעלבאָזיץ. זיי רופן עס מיטן פולן מויל: „מאָדליבאָזיצע". דאָס הייסט: דאוון צו גאָט, הייסט עס, דאָס זאמד זאָל דיך נישט פארשיטן. וואָרום דאָס שטעטל באשטייט אינגאנצן פון עטלעכע קליינע, הילצערנע הייזלעך מיט שטרויענע דעכלעך, א שינדל־דעכל זעלטן, און צעוואָרפן ארום א גרויסן זאמדיקן מארק. קיין הינטער־געסלעך נישטאָ. וואלד ארום — אויך נישט. — סאמעראָדנע אָרעמע, זאמדיקע האָבער־פעלדער ארום און ארום; האָט דער ווינט טאקע, וואָס צו זאָגן. קומסט אין א שטעטל אריין — א שטיק מדבר, די הייזלעך דערזעט מען קוים, און שטיל, קיין צייכן פון לעבן. נעכטן האָט געמעגט זיין דער יאָר־מאַרק, פון וועלכן דאָס שטעטל ציט חיונה אויף א גאנץ יאָר: צענדליקער פורן, הונדערטער פויערים מיט פויערטעס. געשריי און געפילדער און געקנאקערייען פון בייטשן, ביז שפעט אין דער נאַכט, פארטאָג אָבער איז אָנגעפלויגן א פרימאָרגן־ווינטל און פארויאָגט, און פארוויט אלע צייכן פון פאָדקאָוועס און רעדער. איינס נאָר פאלט אין די אויגן: אינמיטן מארק, ארייגעזעצט אין זאמד, שטייט א שווארצער הילצערנער דראָנג, אָן איין אויפגעשריבן וואָרט, אָן א צייכן. און פרעגסטו א ייד צי, להבדיל, א גוי, וואָס דאָס באַטייט, ענטפערט מען דיר: מיכאלקים מצבה...

ווער איז דער מיכאליק געווען? פארוואָס קומט אים א מצבה אינמיטן מארק? — דאָס וויל איך אייך טאקע דערציילן.

אמאָל איז געווען אין מאַזעלבאָזיץ א צורר יהודים — א גלח.

פריער איז דווקא א ג ו ט ע ר גלח געווען.

א קײלעכדיקער, צעשמייכלטער. מיט רויטע בעקלעך און לאכנדיקע גרויע אויגעלעך... צו אחינו בני ישראל צוגעלאָזט... פלעגט אפילו באָרגן א קערבל אמאָל, אויף א משכון און נישט גרויסן פראָצענט. דאָס געלט פלעגט, מכלומרשט, גיין פון דער באלעבאָסטע זיינערס קניפל, אָבער

געוווסט האָט מען, וועמענס עס איז. און אויף שבת ויו"ט. בפרט נאָכן יריד, איז ער געווען דער פודה ומציל; האָט מען אָפּגעהאַקט ביי אים די שוועל...

— גאָספּאָדיני — פלעגט ער אויסהערן און זאָגן — האָב רחמנות אויף משה חיימן, א פאַרגרעבטער שונא־קריסטוס, אָבער א ווייב מיט קינדער! באָרג אים דאָרט א פּאָר מטבעות...

און די „גאָספּאָדיני" האָט אָפּגעווישט די רויטע הענט פון מעל, צי פון קוואס, געשמייכלט און געגעבן.

די וואָכערניקעס האָבן אפילו פאַריבל געהאַט, אָבער טו עפּעס מיט א גלח! און אפשר האָבן זיי עס אים פאַרשאָלטן... אין א שלעכטער שעה עפּעס ארויסגעזאָגט, וואָרום פּלוצלינג פאַלט דער גלח אוועק, די באַלעבאָסטע זיינע פאַרנעמט וואָס זי קאָן און ווערט נעלם. ער מאַכט צו איין אויג, דאָס צווייטע — ר'איז נישטאָ! און אין א קורצער צייט ארום קומט שוין אראָפּ א הויכער, בלאָסער און מאָגערער גלח, א תעניתים־גלח מיט ברענענדיקע אויגן און ברוינע רעדער ארום די אויגן, און ער הייבט אָן צו דרשענען קעגן אחינו בני ישראל, פּעך און סמאָלע הייסע שיט ער. אַלץ יענע מעשה, דער אַלטער חטא מיטן תלוי... און — זהיר והזהר, מען זאָל מיט קיין ייד נישט האַנדלען: נישט קויפן, נישט פאַרקויפן, א נישט וועט ער ביי קיינעם נישט אָנעמען קיין ווידוי, נישט ארויסגעבן קיין תשובה, זאָלן די נשמות ברענען אין אייביקן פייער פון גיהנום...

דערשרעקן זיך די פרנסה־געבער, וואָס קענען זיי אָבער טון? מען מוז אָנקומען צום ייד! וואָרום באמת, וואָס דאַרף א פּויער? אביסל זאַלץ? איז זאַלץ א מאָנאָפּאָל און אין יידישע הענט: דריי יידישע שותפים אויף מאַזעלבאָזיע מיט דער סביבה... עס נאָגט נאָך א ביטערן טראָפּן — פיר יידן האַלטן בשותפות די פּראָפּינאַציע... מען האָט א מישפּט, א סיכסוך וועגן א ירושה, צי א טענה צום פּריץ אָדער וועגן א געשלעג אין קרעטשמע, ווער איז א מבין אויף א גוטן „אַבלאָקאַט"? מאָשעק אָדער יענקל... און דרעמלט דער שומר איין, און עס לקחנט זיך ארום א פּונטיק העכטל פון פּריצס טייכל, ווער קויפט עס? א ייד לכבוד שבת: אָדער אין פּריצס קשאַקים א העזל געכאַפּט, אָפּגעצויגן, — מוז מען קומען ביינאַכט און אָנקלאַפּן אין א יידישן לאָדן... און אז עס קומט א סעקוועסטראַטאָר און פּרעסט אויס די פּאָדאַטקעס, און מען מוז עפּענען דאָס שטעלכל, און ארויספירן דאָס ליבסטע קעלבל, — איז דער קצב אויך א ייד... און אזוי מיט א פּאָר אייער, מיט אן איבעריק מעסטל האָבער...

און פארלייגן א קריסטלעך געוועלבל לוינט זיך נישט. אויף וואָס? דער פויער טראָגט אויף זיך, וואָס די פויערטע וועבט און נייט; מאַכט פייער רייבנדיק מיט א שטריק ארום א האָלץ אָדער האקט זיך די פינגער אָפּ מיט קרעמענים. און בהיתר קען מען אים פארקויפן: אמאָל אין א יאָר א קאַסע און א גאַנץ יאָר — שמירעכץ צו די רעדער; לוינט נישט.

זעט דער מאָגערער גלח, אז ער האָט צו קורצע הענט, וויל ער זיך נוקם זיין אויף אַן אנדערן אופן. וועט ער פארביטן שרות, האלט אָבער מאַזעלבאַזיע קיין גוישע דינסט נישט, קיין גוישע אַם על אחת כמה וכמה נישט. שיקט ער כאַטש נאָכן שבת־גוי מיכאַליק, א לאָמער גוי געווען, א וועשנס א מאַן: א צעשלאָגענער, א צעהרגעטער; דאָס ווייבל כאַפּט צו אים וואָס אמאָל די „קיאנקע", פארוואָס ער טויג נישט צו בנים, — און זאָגט אים אַן בחרם, ער זאָל מער נישט אריבערטרעטן קיין יידישע שוועל.

— נישט איינהייצן ווינטער אום שבת? קראַצט זיך מיכאַלעק אין קאָפּ.

—ניין!

נישט אראָפּנעמען די לייכטער?

— ניין!

— און יום־כפור צו נעילה נישט אויסטוישן די ליכט...

— אוודאי און אוודאי נישט!

קראַצט זיך מיכאַליק ווייטער אין קאָפּ און פרעגט:

— און ווער וועט מיר געבן ווייסן קוילעטש און אביסל — —

געוואָלט האָט ער זאָגן „שנאַפּס", נאָר דער מאָגערער גלח האָט אויף אים אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן, אז דער מוטערס מילך איז אים אנטרונען. און ער האָט זיך א בוק געטון פאר זיין „שרעק", און איז ארוים פון שטוב און לויפט גלייך צום רב, אָנזאָגן — יידיש רעדט ער אויסגעצייכנט, כמעט פון וויג ארוים א שבת־גוי — זאָגט ער אים אזוי און אזוי, שאַפט אייך אַן אנדערן שבת־גוי!

פלוצלינג אָבער פאַלט אים עפּעס איין. ענדערט זיך אויפן פנים, פאַלט דעם רב צו די פיס, קושט אים די שיך און זאָקן. גיט מיר — שרייט ער אוים — א בן־זכר מיטן כוח פון א י י ע ר אמונה, בלייב איך שבת־גוי ביזן טויט אריין! זאָל זיך זיין נשמה, זאָגט ער, פרעגלען דערנאָך אין גיהנום, אבי זיין אָרורה צו פארמאַכן דאָס מויל...

מאַכט דער רב: נו! נו! דאָס קושן קיצלט אים אין די קנעכל. לאָז מיך אָפּ, הייסט עס. מיינט אָבער מיכאַלעק, אז עס איז א צוזאָג, און ער

ווייסט, אַז אַ רב, להבדיל, כאָטש נישט אַ גלח, האָט אויך עפּעס אַ דעה, קיין ליגנער איז דער מאַזעלבאָזיצער רב אוודאי נישט, שפּרינגט ער אויף דערפריינט, שרייט: איך בלייב! איך בלייב! און לויפט אַרויס, איידער מען האָט צייט געהאַט אים עפּעס צו זאָגן...

קומט מיכאַלעק אין מאַרק אַריין, זונטיק איז עס געווען, דינסטיק דאַרף זיין יום־כפור, הייסט עס: מאָנטיק ערב יום־כפור. זענען זונטיק געקומען אויפן מאַרק פּויערים מיט פויערטער מיט הינער און הענער אויף כפּרות. אַ געקרייערייי! און ווייבער שטייען אַרום און טאַפּן די עופות און דינגען זיך, און רייסן זיך פון די הענט. אַ גערויש, אַ געפּילדער! פּלוצלינג פאַלט אין מאַרק אַריין דער גלח מיט בליצנדיקע אויגן און אַ שטעקן אין דער האַנט, און הייבט אָן צעטרייבן די פּויערים. כפּרות, שרייט ער, איז כישוף, מען זאָגט אָפּ די זינד אויף גוישע קעפּ. וואָן, וואָן! די פּויערים און די פויערטעס דערשרעקן זיך; פאַר די אויגן, פאַרן שטעקן און נאָך מער פאַרן כישוף און — ויברח! — די ווייבער בלייבן שטיין מיט ליידיקע הענט און אָפענע מיילער, און דער גלחישער המן, מיט די הענט הינטערן רוקן, גייט זיך אַוועק מיט גרויס ניצחון. קומט, ווי געזאָגט, פון רבס שטוב אַרויס מיכאַלעק, וואַרפט אָן אַ אויג און פאַרשטייט שוין, וואָס דאָ איז געשען. טראַכט ער אויף זיין לשון, כאשר אבדתי אבדתי! און שרייט אויס: עס וועלן זיין כפּרות!

און לויפט אַהיים, כאַפּט אַ פּאָר עופות — אַ הון מיט אַ האָן, וואָס דאָס ווייבערל האָט געהאָדעוועט, אַ שטיק שוואַרץ האַלץ, דעם ווייבס קאָטשובע, אַ שטריק פון דער וועש און אַ בייטש. אַ זכר געבליבן, מי־כאַלעק איז אַמאָל אַ שמייסער געווען. און לויפט אין מאַרק אַריין. די הון וואַרפט זיך, פעדערן פליען, דער האָן קרייעט, און ער טוט זיינס. גאַנץ מאַזעלבאָזיץ שטייט מיט אָפענע מיילער און וואַרט, וואָס דאָ וועט זיין. מיכאַלעק נעמט דאָס שטיק האָלץ און שטעקט אַריין אין זאַמד אין מיטן מאַרק, נעמט די שטריק און בינדט מיט איין עק די עופות צו ביי די פיס; דעם צווייטן עק בינדט ער צו צום שפּיץ פון דראָנג. הייבט אָן דאָס פּאָר עופות אַרומצופליען אַרום דראָנג פאַרן שטריק. נעמט ער נאָך די בייטש און קנאַקט, און יאָגט זיי אַרום און אַרום. פאַרשטייט שוין דער מאַזעלבאָזיצער עולם און לויפט זיך צוזאַמען און שטעלט זיך אַרום דראָנג... מיכאַלעק יאָגט די עופות איבער די מאַזעלבאָזיצער קעפּ און גאַנץ מאַ־זעלבאָזיץ זאָגט, ווי איין מענטש מיט איין מויל: בני אדם, אַז עס הילכט אין אַלע זיבן הימלען...

עס איז אַן אַלטע געשיכטע...

די הון מיט דעם האָן זענען אויפגעגעסן געוואָרן מוצאי יום־כּיפּור... דער שלעכטער גלח איז פּאַר בושה אַנטלאָפן, די בני־אדם־זאָגער זענען שוין לאַנג אויפן עולם־אמת... צי מיכאַלקע האָט אַ בן־זכר געהאַט און ווו ער איז אַהינגעקומען, ווייסט מען נישט, נאָר דעם דראָנג, די מצבה נאָך מיכאַלעקן, רירט קיין ווינט נישט פון אָרט, זי שטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג!

אַ קשיא אויף יענע לייט

איר האָט דען געקענט אַן אמתן קאַרגן, אַ קאַרגן ווי עס דאַרף צו זיין? ניין? ביי אונדז איז אַזוינער געווען! געהייסן האָט ער: ר׳ תנחום.

אַ מענטש האָט געהאַט אוצרות! עס האָט דען עמעצער געוווסט, וויפל? עס האָט דען עמעצער געציילט? נאָר פולע פעסער מיט רענדלעך אין קעלער.

און דער מענטש האָט נישט געוווסט פון קיין נדן פאַר אַ קינד, נישט געגעבן קיין חתונה־הוצאות, קיין שדכן אויף זיך נישט גענומען, אַלץ — נאָכן טויט! ביים לעבן קיינעם נישט אַ העלער! לייט האָבן זיך דאָך געלאַקאָמיט אויף דער ירושה און מען האָט זיך מיט אים משדך געווען.

זיינע קינדער האָבן שוין אין פאַרשידענע קהילות געלעבט ווי מענטשן, באַזונדער, אָדער ביי שווער־און־שוויגער אויף קעסט. ער אָבער מיטן ווייב חיה־שרה — זיי זאָלן מיר עס דאָרט מוחל זיין! — האָבן געלעבט טאַקע ווי די הינט!

וואָס זיי זענען עלטער — זענען זיי דאַרער, אויסגעטרוקנטער און קאַרגער געוואָרן! פון קיין דינסט האַלטן, איז נישטאָ וואָס צו רעדן; פון קיין נדבה געבן — אַוודאי נישט... זעט איר, אַ זעלנער אויף שבת, אַפילו צוויי! נאָר ווער האָט געוואָלט צו זיי גיין שטאַרבן שבת פאַר הונגער?

אלול־צייט, אַז מען האָט געגעבן דעם ערשטן בלאָז פון שופר, איז ר׳ תנחום קראַנק געוואָרן פון שרעק — סטייטש, די קערה גייט! און האָט זיך קוים אויפגעהויבן צו „כל־נדרי״.

געזאָגט האָט ער, אַז דאָס רעגן־וועטער שאַדט אים...

ווער האָט אים געגלייבט!

עולה־תורה איז ער געווען פון איין שמחת־תורה צום צווייטן! און מנדר געווען — „מתנה״!

מיינט נישט, ער האָט זיין וואָרט נישט געהאַלטן? חס־ושלום! אָפּגעגעבן!

פאר דער מתנה, האָט דאָס ווייב זיך ערגעץ געבאָרגט א נאָדל־פאָדעם און פארלאַטעט די בית־המדרש־האַנטעכער; פארצערעט אמאָל, מיט אַן אויסגעבעטלטער זייד אַן אַלט פּרוכת!...

אויף הויז־האַלטונג פלעגט ער איר געבן צוועלף גראָשן א טאָג. פון דעם פלעגט נאָך חיה־שרה אָפּשפּאָרן וועלכן גילדן, אַוועקצובאָרגן די זיצערנס אויף וואָכן־געלט!

אויב עס איז מעגלעך, — איז ז י קאַרגער געווען פאַר אים.

ביי זיי איז שמחת־תורה ערגער געווען ווי תשעה־באב ביים ערשטן שלעפּער.

דערביי האָבן זיי נאָך שלעכט געלעבט, געשאָלטן זיך מיט טויטע קללות!

זי האָט געשריגן, אַז ער שטעלט זי מיטן טאַביק־שמעקן בדיל־הדל, כאָטש ער פלעגט קיין ייד קיין שמעק־טאַביק נישט געבן, כאָטש ער אַליין האָט אויך פיר מאָל געהאַט א ישוב, איידער ער האָט מחיה געווען די נאָז.

ע ר ווייטער, פלעגט געוואַלדעווען, אַז זי איז אַן אויסבערענגערן!

א יידענע — פלעגט ער זאָגן — וואָס האָט אויסגעגעבן אַלע קינדער, דאַרף שוין נישט קיין ברוסט־טיכל, מען מעג אויסטריפּען די זילבערנע פעדעם און פאַרקויפן.

ביי דער גאַנצער קאַרגשאַפט האָט ער זיך אָבער נישט געקענט אָפּזאָגן גאָר אינגאַנצן פון טאַביק, אַזוי ווי זי — פון ברוסט־טיכל!

ער האָט שוין אָן טאַביק נישט געקענט אָפּהוסטן, און זי טראָגט שוין דאָס ברוסט־טיכל מכמה שנים, זייט זי האָט חתונה געהאַט! עס איז נאָך געווען א ירושה פון דער עלטער־באָבען!

און דעריבער האָט מען זיך געקריגט גאַנצע טעג, געשאָלטן זיך און אַרומגעיאָגט.

און געיאָגט האָט מען זיך פּאַמעלעך, אויף די נעגל, מען זאָל, חס־ושלום, נישט אָפּרייבן די פּאָדעשוועס.

און האָט שוין איינס דאָס צווייטע דעריאָגט, האָט מען ערשט מורא געהאַט אָנצוכאַפּן ביי׳ן א פאַלע, מען זאָל זי נישט אָפּרייסן! מען זוכט אָנצוכאַפּן א נאָז, א פּנים!

ביינאַכט, האָט מען זיך געיאָגט באָרוועס און אין דער פינצטער.

שבת — ביי די האַלב־גראָשעדיקע ליכטלעך, ביי וועלכע זי פלעגט בענטשן.

פאַר דאָס האָט מען דעם האלדז נישט געקארגט, און געשאָלטן און געשריען אויף וואָס די וועלט שטייט.

דאָס גאַנצע שטעטל פלעגט באַלאַגערן די פענצטער!

מען פלעגט זיך אָנפאַרציילן פון זיי מעשות; ביי די זייטן צו האלטן, זייער קריגן זיך.

ער, למשל, וויל זי איבערשרעקן, אַט, אַט, — זאָגט ער — רופט ער אריין אַן אָרעמאַן און גיט אים אַוועק א גאַנץ־האלב ברויט, וועט זי „פּלאַצן". זי ווייטער פלעגט אים סטראַשען דערמיט, אז אַט, אַט, קויפט זי זיך פאַר א גאַנצן דרייער רעטשען־מעל, מאַכט זיך א קולישע מיט פּור־טער, און אים וועט זי נישט געבן קיין לעק...

דאָס אַלץ איז אָבער געווען פּוסטע רייד; עס האָט זיי ביידע דאָס הארץ נישט געלאָזט! און אפשר — זאָגט מען — וואָלטן זיי עס אמאָל געטון, ווען נישט די מורא עס זאָל דערפון נישט ארויס קיין טויט מיט קבורה־געלט! זיי האָבן געוווּסט, אַז חברה־קדישא שאַרפט זיך שוין לאַנג די ציין אויף איינעם פון פּאָרפאָלק.

און, אויב איינס דאָס אַנדערע שעלט א געוויינלעכע קללה: „באַ־גראָבן זאָל איך דיך!" ווערט באַלד צוגעגעבן, „נאָר נישט דאָ, רבונו של עולם! עס זאָל זיך מאכן א געלעגנהייט, איך זאָל דיך א גוסס אַוועקפירן"..

בשעת זיי האָבן נאָך די קינדער אין דער היים געהאַט, איז אין שטוב נישט געווען מער, ווי איין שינעטן קאַפּאָטל מיט איין פּאָר פלידערן.

דער עלטערער פלעגט גיין אין חדר אריין און די יינגערע — אָפּליגן: זומער אויפן הויף, ווינטער אין בעט אין די העמדלעך, מיט קרייקעס ארומגעגאַרטלט.

האָט מען דעם עלטערן פאַרקנסט און פאַרזאָרגט, האָט ר' תנחום נישט געוואָלט גיין צו דער חופה, ביז מען האָט אים נישט צוריקגעגעבן דאָס קאַפּאָטל מיט די פלידערן פאַרן יינגערן זונס וועגן.

קוים האָט מען דאָס געפּועלט, האָט זיך דאָס פּאָרפאָלק געזעצט עסן און טרינקען, און שאַרן פון די טעלער, גלייך נישט זיי זענען די מחותנים! און געגעסן און געטרונקען, עס זאָל געזונג זיין טאַקע ביז אויף א נייער שימחה!

פאַר דאָס האָבן זיי אויפן מוזיניקס שימחה זיך צעוויינט, גלייך עס וואָלט זיי דאָס גרעסטע אומגליק געטראָפן. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס איז דאָס לעצטע מאָל!

דאָך פלעגן זיי נאָך עסן, כאָטש זעלטן, אויף פרעמדע שמחות!

מיינט נישט, חלילה, אז זיי זענען געגאנגען ערגעץ אויף א שמחה; זיי פלעגן אויף קיין שמחה נישט קומען, עס קאָסט דאָך געלט! נאָר ערשט דערנאָך, א פּאָר טעג שפּעטער, פלעגן זיי אריינפאַלן מיט א פּרע־טענזיע צום בעל־שימחה, פאַרוואָס מען האָט זיי נישט געבעטן אויפן ברית צי אויף דער חתונה.

עס זענען טאקע — זאָגן זיי — שלעכטע צייטן, מען לאָזט זיך נישט גערן קאָסטן, און בפרט — פאַר וועמעס וועגן? וואָס פאַר א מצווה האָט מען דערפון? די סאַרוועדם זענען פּראָסטע גנבים, טאקע — די ווייסל פון די אויגן. אויף דער אַלטער שרהן רעדט מען שוין א יאָר פערציק... פונדעסטוועגן וואָלטן זיי אויף דעם נישט געקוקט... סטייטש... אזא בעל־שמחה; אזא טייערער בעל־שמחה! און אזא נאָענטער קרוב...

און זיי זענען געווען שרעקלעכע בקיאים אין יחוס פון דער גאַנ־צער שטאָט און האָבן זיך זייער לייכט אריינגעפּלאָכטן אין יעדער משפּחה, ווי זאָגט מען עפּעס: „קו — פערד — בייטש־שטעקעלע" — א קרבות איז אַרויס, מכבד זיין האָט מען געמוזט. און זיי האָבן אָפּגענומען זייערס.

פאַר דאָס, אמת ווילגיין, האָט מען זיך געלאָזט אויף א שבתדיקן ברית!

דאָ קאָסט שוין נישט א דרייער. אונדזער פּאָרפאָלק איז געקומען צום ערשטן און אוועקגעגאנגען נאָך אַלע משועבדי קהילה!

און שיין איז זיי געווען צו זען אויף א שמחה: זיי זענען אַנדערש געוואָרן, עפּעס ווי אויסגעוואַקסן, אויפגעלעבט; די לויפנדיקע אייגעלעך, אונטער די שיטערע גראָע ברעמען, האָבן געפלאַקערט און געשאַנצט; טיילמאָל זענען זיי פייכט און רחמנותדיק געוואָרן.

נאָכן ערשטן טרונק בראָנפן איז אונדזער ר' תנחום פאַרביטן גע־וואָרן, פון קאַרגן ווערט א שרעקלעכער נדיב!

ערשטנס, האָט ער אַרויסגעכאַפּט דאָס פּושקעלע און געוואָרפן אינ־מיטן טיש אריין: כאַפּט, יידן, שמעקט! שמעקט אָן רחמנות! אוים קאַרג! אַלע זאָלן שמעקן.

לײַדער איז שטענדיק דאָס פּושקעלע געווען ליידיק; וויל אַרויס־געגאַנגען פון דער היים איז ער ניכטערן, האָט ער דעם טאַביק באַהאַלטן... זיינס האָט ער דאָך געטון; מפקיר געווען דאָס פּושקעלע.

נאָך א צווייטער כוסע האָט ער זיך שוין גענומען צו צדקה און מעשים־טובים:

ער ווייסט גאַנץ גוט, וואָס קהל דאַרף:

דאָס בית־עלמין האָט נישט קיין צוים; איגנאַצס קו דרייט זיך אַרום צווישן די הייליקע קברים.

די מיקווה האָט צעבראָכענע טרעפּ, און ברכה — די בלינדע טיקערן, ברעכט שיר־נישט האַלדז און לייב!

א פּרוכת אין שיל אַריין וואָלט אויך נישט געשאַדט.

און אויסמאָלן די שיל מיט לייבן, בערן, נוחס תיבה און צוועלף מזלות וואָלט אויך קיין עוולה נישט געווען.

אין גרויסע שטעט איז אַזוי...

אויף דעם אַלעם פּאַסט ער אָפּ אַ געוויסע סומע, און קוים נעמט ער נאָך אַ טרונק בראָנפן, שווערט ער שוין דערויף מיט כל'ע שבועות...

גענוג פאַרזיכטיק איז ער דאָך און שווערט ביי'ן איר, זאָל לעבן...

„מיינע זאָל אַזוי געזונט און שטאַרק זיין, ווי היינט, נאָך מוצאי־שבת־קודש, מאַך איך אַ וואָרט מיט אַ מוליער, סטייטש? שווייגן וועל איך? אַזוי פיל נחת זאָל זי האָבן פון אונדזערע קינדער, וויפל רענדלעך עס וועט קאָסטן דאָס פּרוכת... דעם שופר של משיח זאָל זי אַזוי דערהערן, ווי שפּעטסטנס מאָרגן אינדערפרי וועט ער נעמען אַ מאָס אויף טרעפּ, און דווקא — דעמבינע, עס זאָל זיין אַ בנין עדי־עד, עס זאָל קינדס קינדער איבערלעבן!

די תנחומעכע, זיצנדיק צווישן די ווייבער, האָט אויך אַן אַנדערע צורה באַקומען!

זי האָט אויך אַביסל געטרונקען — זיסן בראָנפן; נאָר פאַר דאָס, האָט זי אַ מאָסע לעקעך אויסגעטונקען. אַ יידענע — זי זאָל עס מיר מוחל זיין — האָט זיך איר באַלד דאָס הינערנע קעפּל פאַרדרייט.

זי ווערט ווייך און וויינענדיק און באַקלאָגט אירע יאָר און טעג. איר טאַטע־מאַמע זאָלן אויפשטיין פון קבר און זען, אויף וואָס פאַר אַ שטייגער זי איז געקומען, אין ווען־ס הענט מען האָט זי איבערגעגעבן, וואָלטן זיי זיך צוריק אַריינגעלייגט אין קבר, און וואָלטן זיך שוין גע־שעמט תחית־המתים אויפצושטיין.

וואָס הייסט, זי וואָלט נישט געקאָנט פאַרדינען אַלע טאָג אַביסל זיסן בראָנפן מיט לעקעך? איר האַרץ כאַפּט זיך נישט אַמאָל אוועק? איר נשמה איז אַ ראָזשינקע? און אַ סאַמעטענעם מאַנטל וואָלט זי נישט גע־קאָנט טראָגן? עס וואָלט איר אפשר נישט געפּאַסט? זי איז נישט אַזאַ בריה ווי אַנדערע ווייבער? נישט אַזאַ מיוחסת?

נאַטירלעך, שולדיק דערינען איז אַליין תנחומל, אַליין דער רשע־מרושע,

וואָס ציט איר אַרויס די קליי פון די ביינער. פון איר צד וואָלט גאָר קיין מניעה נישט געווען, זי וואָלט אפילו אַריינגעוואָרפן אין אַלע צדקה־פּושקעס, באַטש צען מאָל אין טאָג.

ווינטער, וואָלט זי אָפּגעלייגט קאַרטאָפל פאַר אָרעמעלייט; פאַר אָרעמע ווייבער וואָלט זי אויף איר חשבון די מיקווה געהייצט.

דער משוגענער פּעסע, וואָס לויפט אַרום נאַקעט און בלויז אין גאַס, וואָלט זי אַ באַרכאַנעם שפּענצער געמאַכט; וואָלט זי אים אָפּגעריסן, וואָלט זי איר אַ נייעם געמאַכט!

זעלנער אויף שבת — וויפל עס וואָלט אַריין! עסן געגעבן: ציבעלעס מיט לעבערלעך, מיט אייער, מיט שמאַלץ, רעטעך אויך און פיש, פלייש; אַ קוגל וואָלט זי געמאַכט, וואָלט די גאַנצע שטאָט געלאָפן אויף זיין ווונדער! דעם בעל־שמחה, און אפילו אירע אַצינדיקע נאָענטע שכנות, וואָלט זי שבת בשבת אַהיימגעשיקט קוגל! נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז גאָט, ברוך־הוא, וויל נישט, זי זאָל זיינע פּטור ווערן! און ער האָט אַ האַנט, אַ האַנט... אויף אַלע שונאי־ישראל געזאָגט אַזאַ האַנט ווי ער האָט!

דערביי האָט זי געכאַפּט נאָך אַ קאַפּ און אָנגעהויבן אויפסניי צו כליפּען:

תנחום פאַרגינט איר אפילו נישט דאָס ברוסט־טיכל; פאַרקויפן וויל ער עס, דער רשע, דער כילי! אים אויף להכעיס, שענקט זי עס אוועק דער ערשטער־בעסטער, אָרעמער כלה, אַז עק זאָל עס האָבן!

און זי נעמט נאָך אַ קאַפּ...

דאָך די פאַרדרייטע קעפּ האָבן זיי נישט געשטערט, אַהיימצונעמען עטלעכע שטיקלעך לעקעך, אַ פּאָר מאַקאַראָנען, פון וועלכע מען האָט געגעסן אַ לאַנגע צייט; איין שטיקל לעקעך מיט אַ מאַקאַראָנע האָט מען באַהאַלטן אויף פּורים; שלח־מנות פאַרן רב.

וואָס דער רב האָט צוריקגעשיקט, האָט מען געשיקט אַ באַלעבאָס, און וואָס מען האָט פון דעם געברענגט, איז געגאַנגען צו אַ צווייטן... ביז מען האָט דורכגעשיקט דאָס גאַנצע שטעטל, אויסער אַלטע אַלמנות, אָדער אַלטע לייט און עקרות, וואָס מאַכן קיין שמחות נישט און פאַרדינען נישט אויף שלח־מנות.

אַ באַהעלפער צום שלח־מנות האָבן זיי אויך געהאַט אַן אומזיסטן: עס האָט זיך זיי געטראָפן אַ באַהעלפער אַ יתום, וואָס האָט זיי באַדינט, מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן אים נישט פאַרגעסן בשעת־צוואה.

פונדעסטוועגן האָבן זיי דעם באַהעלפער אינגאַנצן נישט געטרויט.

דעם גאַנצן טאָג פּורים פלעגן זיי אים נאָכגיין, היטן פון ווייטן, ער זאָל נישט אַראָפּכאַפּן פון א טעלערל. און, אַז מען האָט אים ערגעץ אין א הויז לענגער פארהאלטן, האָבן זיי געטופּעט מיט די פיס פאר כעס און שרעק צוזאמען.

זעט איר, — דאָס הייסט קאַרג: מטמונים, אוצרות, און געלעבט — זיי זאָלן עס מיר דאָרט מוחל זיין — ווי די כלבים!

און וואָס מיינט איר, עס איז אַרויסגעקומען עפּעס גוטס פונעם געלט? אַז אסור! אזוי ווי מען האָט נישט געוווסט, פון וואַנען דאָס עשירות האָט זיך גענומען, און וויפל עס איז געווען, אזוי האָט מען נישט געוווסט, וווּ עס איז אהינגעקומען.

ר' תנחומס קינדער האָבן קיין גראָשן ירושה נישט באַקומען.

קיין דבר שבצדקה איז דערפון אוודאי נישט געוואָרן:

די מיקווה האָט עד־היום נישט קיין טרעפּ.

פון פּרוכת פאַלן שטיקער!

איינגאַנץ פּאַשעט שוין פ י ר קי אויפן בית־עולם און ווערט ניתעשר דערפון.

גאָרנישט! עס איז צ ו נ י ש ט געוואָרן!

איינמאָל האָבן זיי זיך שבת אזוי איבערגעגעסן אויף א סעודת־מיצווה, אַז עס האָט זיי געשאַדט. עס איז פריער א לאַנגע צייט קיין שימחות נישט געווען, און זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט מיטאמאָל צו האַלטע פיש און פעט פלייש נאָך א האַלב יאָר תעניתים...

ביינאַכט האָט יעקל־יענטעס, דער שכן זייערער, דערהערט קרעכצן; אָבער קרעכצן, אַז גאָט זאָל שומר־ומציל זיין!

ער איז אַריין —

זיי וואַלגערן זיך אויף דער ערד!

ער מאַכט א גוואַלד!

מען רופט א רופא, ער גיט אויף אָפּפירן...

איז זיי א שאָד!... ווילן זיי באַין־אופן נישט איינעמען; ערשט אָפּ־געגעסן!... און זיי זענען ביידע ניפטר געוואָרן אין איין וואָך...

באַגראָבן האָט מען — ביידע אין פרעמדע תכריכים!

און אין קאַסטן זענען געלעגן עטלעכע אַלטע העמדער, א פּאָר אַניצעס מיט א צעריסענעם טלית־קטן...

און אין קעלער איז פול געווען מיט שערבעלעך, צעבראָכענע פלע־שער און קרעמעניעס...

פריער האָט מען אפילו געמיינט, אז יעקל האָט געכאפט און געמאכט א קראַץ; עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אז ניין! ער איז ערשט נישט לאנג ניפטר געוואָרן א בעל־חוב איבערן קאָפּ...

נייערט — פשוט: יענע לייט האָבן געגעבן און יענע לייט האָבן צוגענומען!

שערבעלעך, קרעמעניעס, צעבראָכענע פלעשער דערפון געמאכט! וואָס זיי קענען, השם־ישמרנו!

מלווה מלכה

איך וויל אייך פאַרציילן אַ שיינע, וווּנדערלעכע מעשה:
פון דער פּערטער סעודה פון שבת־קודש — מלווה־מלכה,
וואָס דוד־המלך, עליו־השלום, האָט מתקן געווען...

פון אַ פּשוטן ערלעכן ייד, וואָס האָט אויף זיך גענומען די מצווה פון מלווה־מלכה;

פון יענע לייט, וואָס האָבן דווקא געוואָלט אַראָפּפירן דעם ייד פון זיין דרך, ער זאָל כאָטש איין מאָל אין לעבן נישט קאָנען מקיים זיין די מיצווה —

און ווי אַזוי דער ייד איז ניצול געוואָרן פון זייערע הענט.

און אַ מעשה איז עס מיט אַ מוסר־השכל:

דער פּשוטער ייד וועט זיך דרשענען אַ קל־וחומר: מה־דאָך אַזאַ קליינע מיצווה, שאָדם (וואָס אַ מענטש) דש (טרעט) בעקבין (מיט זיינע טריט), מאַכט אַזאַ רושם, ברענגט צו'ן אַזאַ נסיון...

אַנדערע גרעסערע מיצוות, אויף וועלכע די וועלט שטייט באמת, על אחת כמה וכמה.

און דער יודע־חן, וואָס האָט אַ ידיעה אין ענין פון סעודת־דוד־המלך, עליו־השלום, — דעם וועט דאָס גאָר אויפגיין אַ ליכט אין די אויגן!

ער וועט, נעמלעך, זען באַשיימפּערלעך, עד היכן הדברים מגיעים; און וואָס אַ נדר, וואָס אַ ייד נעמט אויף זיך, באַטייט, ווי מען וועט, בעזרת־השם, זען פון גוף־המעשה.

און אַצינד הייב איך אָן:

1.

פאַרצייטנס, אין אַ גאַליציש שטעטל אין קיר"ה, זענען געווען צוויי שותפים.

תבואה־סוחרים זענען זיי געווען; היפּשע תבואה־סוחרים: געפירט גרויסע פּאָדריאַדן פאַרן מלכות, געהאַלטן אייגענע פערד און וואָגן, און אַ

יונג — א שמייסער. און צוויי מויערן געהאט אין שטאָט, יעדערער זיין מויער.

און די שותפים, וואָס זענען געווען גלייך אינעם מסחר, זענען נישט גלייך געווען אין יהדות.

איז נעמלעך איינער פון די צוויי שותפים געווען א חסיד, א ירא־שמים און א למדן א גרויסער דאָצו, און דער צווייטער — אזוי... א פשוטער ייד, אָן ערלעכער מאַן.

פלעגט דער שותף דער למדן זיצן אין דער היים על התורה ועל העבודה. און קוים אָפּשפּאָרן א שעה צי צוויי שעה אין טאָג אויף עצות און חשבונות מענין המסחר. און דער צווייטער פאר דאָס, דער פשוטער ייד, פלעגט א גאַנצע וואָך באַדן אין עסק.

פאָרט מען א גאַנצע וואָך ארום: פון פויער צו פויער, פון פריץ צו פריץ, — אויפקויפן קאָרן; אין די מילן אריין — מאָלן דאָס קאָרן; אויף די פונקטן דערנאָך, צוצושטעלן דאָס מעל פאר די חיילות.

און די חיילות זענען צעוואָרפן אין דער גאַנצער סביבה, איבער אַלע דערפער — פלעגט טאַקע דער ייד אהיימקומען קוים צום מרחץ אויף שבת. —

און וואָס האָט ער, אומשטיינס געזאָגט, פון שבת? קוים ער קאָן מקיים זיין די מצווה פון „שינה בשבת תענוג"... אוים מענטש קומט ער אהיים.

מיד, און דער גאַנצער „הו־הא" אין קאָפּ.

ווייסט דאָך אָבער א ייד, וואָס דער תוך און דער עיקר איז, גייט ער און נעמט אויף זיך די מצווה מקיים צו זיין ברוב פאר והדר די מיצווה פון מלווה־מלכה!

צו דער מלווה־מלכה פלעגט דער שותף, דער חסיד, קומען זייער זעלטן: א פאָר מאָל אין יאָר, שלא לבייש.

ער פלעגט בעסער זיצן צווישן זיינם גלייכן אין שטיבל, און עוסק זיין אין ז י י נ ע זאַכן.

פאר דאָס פלעגן קומען א נ ד ע ר ע שיינע יידן, אפילו לומדים און אזוי אָרעמע לייט, וואָס פלעגן אפשר א גאַנצע וואָך וואַרטן אויף דער מלווה־מלכה, זיך כאַטש איין מאָל אָנצועסן זאַט.

און באַלד טאַקע נאָך הבדלה, דער פשוטער ייד זאָגט זיך „ויתן־לך", זינגט זיך זמירות (פון געשעפט, ביז נאָך דער מלווה־מלכה, רעדט ער נישט) און אין קיך ברענט שוין א פייער, וועלגערט מען שוין פרישע

לאָקשן, קאָכט מען פרישע פיש, זענגט מען אָפּ פרישע עופות, וואָס מען האָט נאָר־וואָס געברענגט פון שוחט, — אביסל משקה וועט, פאַרשטייט זיך, אויך נישט פעלן, — אויף א גבירישע חתונה דאַרף מען נישט — נישט שענער, נישט בעסער...

און ביי דער מלווה־מלכה איז ששון־ושמחה.

ווייס־געדעקטע טישן, אַז עס בלאַנקט. אויסגעשטעלט כלי כסף וזהב, אַלערליי קאָלירטע גלעזערנע כוסות, ווי צו׳ן א סדר. און ליכט אָנ־געצונדענע אַ סך: הן אויפן טיש אין די זילבערנע לייכטער, הן ארום די ווענט, אין די זילבערנע העסן.

און דאָס בני־בית מיט די אורחים זעצן זיך אַרום, אנשים לחוד ונשים לחוד. די מענער אין בגדי־שבת ויו״ט, די ווייבער אין טייערע קליי־דער, אבנים יקרות ותכשיטין, און מען עסט, און מען טרינקט, און מען רופט: דוד־המלך, עליו־השלום, חי וקים! און — מען לאָזט זיך אַ טענצל...

מן־הסתם געפעלט עס נישט יענע לייט!

האָט מען אויף דעם ערלעכן ייד און זיין מלווה־מלכה אַן אויג.

2.

ויהי־היום — עס איז געקומען א צייט, און די שותפים זענען גע־שטאַנען אין א גרויסער סכנה.

געהאט האָבן זיי אַ גרויסן פּאָדריאַד, אויף כמה־וכמה אלפים כור קמח פאַרן חיל אין דער סביבה, און אין קאָנטראַקט, וואָס מען האָט גע־מאַכט מיטן מלכות, איז געשטאַנען, ווי דער סדר־עולם איז, שהור על גבי לבן, אַ תנאי, אַז אויב, חס־ושלום, מען וועט עובר זיין איין טערמין פון שטעלונג, וועט ווערן פאַרפאַלן דער גרויסער זאַלאָג, און דאָס מלכות וועט נאָך צונעמען ביי די שותפים זייערע מויערן, מיטן כלי־בית און אַלע מטלטלין, ביז פערד און וואָגן; און האָט נאָך פּראָוו, ווי פאַרצייטנס דער מינהג איז געווען, זי אַליין צו נעמען און וואַרפן אין קייטן אריין, און פאַרשיקן, ווו דער פעפער וואַקסט...

און געווען איז עס פונקט נאָך אַ שוואַכן ווינטער; געלעגן אַן ערד — אַ נאַקעטע, אָן שניי. דער זאָמען פון קאָרן איז אויסגעליפטערט געוואָרן —

איז נאָך ווייניק?

לאָזט נאָך, באַלד נאָכן ווינטער, ארויס אַ קול, אַז קיר״ה איז זיך

מכין למלחמה קעגן תוגר! ווערט ג אָ ר גאָלד און טאָלער קאָרן! און נישט בנמצא.

איין פריץ אין דער סביבה, א שררה א גרויסער, האָט יאָ עטלעכע הונדערט קאָרץ קאָרן, און נישט צוצוטרעטן. ער האָט געלאָזט זאָגן, אז אויב מען וועט אים נישט ברענגען א דריי, צי גאָר א פירפאַכיקן פרייז פאַרן קאָרן, וועט ער ארויסטרייבן פון פאַלאַץ, נאָך אָנרייצן די כלבים...

מיט איין וואָרט — סכנות נפשות: בדיל־הדל, און נאָך פארפאַלן צו ווערן אויף כף־הקל...

מילא, איז דאָך אָבער א ייד געוווינט צו צרות, צו סכנות־נפשות, איז דאָך אויף דעם פאראן בטחון... זיצט זיך מוצאי־שבת־קודש דער שותף דער למדן אין שטיבל און הערט און פארציילט מעשות פון לאַ־דירער. און דער שותף — דער ערלעכער, פשוטער ייד — וואָרט אויף דער מלווה־מלכה, און אויף אורחים, און גייט זיך אזוי אויף און אָפּ איבער דער שטוב, און ברומט זיך די אליהוס...

און ווי ער ברומט אזוי די אליהוס, דערהערט ער פּלוצים פון דרויסן א געזעצעריי איבערן ברוק אין גאַס; די שויבן קלינגען אונטער: א רייטער יאָגט זיך צום הויז.

וואָס קאָן עס זיין? א רייטער פון פאָלק? אצינד? פאר מלווה מלכה?

א רגע כמימרא — דער רייטער איז שוין פארן הויז. ער שפּרינגט שוין אראָפּ פון פערד, בינדט עס צו ביים ציימל צום דראָנג פאר דער שטוב, ער עפנט שוין די טיר — דעם שותפס ווייב רעדט שוין צו אים:

ער, פאר מלווה־מלכה רירט זיך נישט פון אָרט.

ווייזט זיך ארוים: עס איז נישט פון פאָלק — עס איז א שטאַפעט פון א פריץ. טאקע פון גרויסן שררה, וואָס האָט דאָס קאָרן, — א בריוו האָט ער אין גרוים אייַלעניש געשיקט. און דער בריוו איז א ישועה פון הימל: באשר־בכן, דער פריץ איז פּלוצלינג גערופן געוואָרן קיין ווין, תיכף ומיד צו קומען צום מלכות, האלבער נאכט מוז ער ארויספאָרן, נו — פעלט אים הוצאות־הדרך (פריצים האָבן קיינמאָל קיין בארן גראָשן נישט). על־כן, אויב „יאָש“ (יוסף האָט דער ייד געהייסן, מילא: יוסף — יאָסל, יאָש...) אויב יאָש וועט תוך־כדי־דיבור קומען מיט מזומנים, קריגט ער דאָס קאָרן בחצי־חנם. א מקח, וואָס מען הערט עס נישט אין גרעסטן זול:

האָט די יידענע איבערגעלייענט דעם בריוו אין דער ערשטער שטוב, פאַלט זי אריין מיט דער בשורה צום מאַן, — לויפנדיק צו דער צווייטער

שטוב, שרייט אין קיך אַריין צום משרת, ער זאָל געשווינד איינשפּאַנען פּערד און וואָגן און —

— הערסט, מיין מאַן!

ווייל דער מאַן אָבער נישט הערן.

שרייט זי אוים די בשורה אויף אַ קול:

— כאַפּ, מיין מאַן, פאָר!

— להד"ם! מיין יידל וויל פאָר „מלווה־מלכה" נישט פאָרן. ער וועט צוליב מיסחר נישט מבטל זיין זיין מיצווה, נישט עובר זיין אויף אַ נדר!

דער יידענע געפעלט עס אפילו; פונדעסטוועגן זאָגט זי:

— נאַרעלע איינער, איינגאַנצן אַ מייל וועגס, און די פערד זענען אויסגערוט... און דאָ שאַבט מען ערשט די פיש, מען איז נאָך נישט צוריק־געקומען פון שוחט... וועסט נאָך, אי"ה, צוריקומען צו דער צייט... און וועט אביסל שפּעטער? —

ענטפערט דער מאַן יוסף, אַז פּ אַ ר מלווה־מלכה מאַכט ער קיין מסחרים נישט.

זאָגט זי. אַז זי וועט שיקן נאָכן שותף. אַן ערלעכער ייד, אַ למדן, זאָל ער זאָגן...

און איידער זי רעדט אַרוים דאָס וואָרט — אצבע אלקים! דער שותף דער חסיד איז פּונקט געקומען צו מלווה־מלכה.

הערט ער, דער למדן — דער חסיד, וועגן וואָס עס גייט, לאַכט ער!

— פע, זאָגט ער, אָפּשטויסן בידים אַ ישועה פון זיין ליבן נאָמען? און —

— אַ דבר האָבוד, און אַזאַ נס! משוגע מיינע שונאים!"

הייבן זיך אָן צוזאַמענקומען אורחים. העלפן זיי אונטער: באַ־שיימפּערלעך, אַ גאָט־זאַך!

ווערט דער פּשוטער ערלעכער ייד בטל ומבוטל פאַר די לייטישע אורחים, דער עיקר פאַרן שותף, דעם ירא־שמים, דעם חסיד און דעם גרויסן למדן; בפרט, אַז דער רופט זיך נאָך אוים, אַז ער פאָרט מיט.

דערווייל פאָרט, פאַרביי פאַר דער טיר, דער וואָגן מיטן קנאַק. דער יונג שפּרינגט אַראָפּ, גלייכט אוים דאָס געזעס; דער חסיד כאַפּט זיך אַרויף און זיצט שוין. דער פּשוטער ערלעכער ייד קריכט אַרויף — הייסט מען דעם שטאָפּעט רייטן פאָרוים, רייט ער. הילכט ווייטער די גאַס פון די טריט פון פערד. שפּרינגט אַרויף דער שמייסער אויף דער קעלניע, נאָכאַמאָל אַ קנאַק מיט דער בייטש, דאָס בני־בית מיט די עטלעכע, שוין אָנגעקומענע אורחים רופן נאָך: אין אַ מזלדיקער שעה! דאָס ווייב: פאָר געזונטערהייט

און קום געזונטערהייט! דער וואָגן רירט. דער פּראָסטער ייד — דער שותּף לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. עס צופּט אים עפּעס ביים האַרץ, עפּעס שלעכטע נביאות זאָגט אים דאָס האַרץ, נאָר ער שעמט זיך אויסצוזאָגן דעם למדן, — זיפצט ער אָפּ און שווייגט.

די אורחים מיטן בני־בית זענען צוריק אין שטוב אַריין, זינגען זמירות...

3.

און גאָר אינגאַנצן איז דעם פּראָסטן יידס האַרץ קיין פאַלשער נביא נישט געווען...

אַרויסגעפאָרן זענען זיי אין אַ לבנה־נאַכט: שטערן כחול־הים. אָבער קוים האָבן זיי געהאַט די שטאָט הינטער זיך, האָט זיך דער הימל פאַר־וואָלקנט. טונקל איז געוואָרן און וואָס אַמאָל טינקעלער.

דער רייטער איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן געוואָרן; אַ פּריציש פערד! די פערדס־טריט הערן זיך נאָך אַ ווייַלע און — פאַרהילכן!

דערווייל ווערט נאָך טונקעלער, עס הייבט אָן בלאָזן אַ צפון־ווינט און יאָגט אָן נ י י ע עננים. די שטערן לעשן זיך, איינס נאָכן אַנדערע ווי קליינע קינדער־לאָמטערנדלעך פון ווינט.

עס ווערט חושך, מען פאַרלירט דעם וועג, מען שניידט זיך עפּעס אַריין אין וואַלד, אויפן וועג דאַרף גאָר קיין וואַלד נישט זיין; פון וואַנען האָט זיך גענומען אַ וואַלד?

דערווייל פאַרלירט דער יונג — דער שמייסער, די בייטש; שפּרינגט ער אַראָפּ ז ו כ ן די בייטש. די פערד שלעפּן זיך וויַיטער, דער שמייסער קומט נישט צוריק. מען רופט, ער ענטפערט נישט. דער אָרעמער פּראָסטער ייד זיצט פאַרחושט און האַלב־פאַרחלשט פאַר שרעק. דער חסיד שפּרינגט אַראָפּ זוכן דעם שמייסער, און ווערט אויך נעלם אין דער פינצטערניש. דער פּראָסטער ייד ווערט שוין גאָר פאַרחלשט; שטאַרקט ער זיך אָבער, שטעלט זיך אויף, קריכט אַרויף אויפן געזעס, גלאָצט אין דער פינצטערניש אַריין מיט די אויגן — ער זעט נישט.

וויל ער שרייען, קען ער, פאַר גרויס שרעק, נישט אַרויסברענגען קיין קול. דערווייל שלאָגן אָן די פערד מיטן דישעל אָן אַ בוים; דער די־שעל פּלאַצט, דער וואָגן קערט זיך איבער. דער ייד פאַלט אַרויס, צו זיין גליק — אויף אַ בערגל גראָז. די פערד רייסן זיך אָפּ פון בוים, און אַנט־לויפן, משוגע פאַר שרעק, אין דער וועלט אַריין... עס הילכן אַ ווייַלע די

טריט, די רעדער, און ווערן אויך פאַרזונקען אין חושך. און דער פּראָס־טער ייד הייבט זיך אויף איינער אַליין אין דער פינצטער, ער שטויסט קוים מיט די לעצטע כוחות א קול פון האלדז אַרויס, שרייט; קיינער ענטפערט נישט. דער ווינט כאַפּט דאָס געשריי און צעברעקלט עס, און צעטראָגט עס און עס ווערט פאַרזונקען אין אַ געפּיפּערײַ.

וואָס זאָל, נעבעך, טון א ייד? אין פינצטערן וואלד איינער אַליין איז ער; מי־יודע וואָס פאַר א חיות־רעות עס האלטן זיך אויף אין וואַלד, אינעם געפּייפערײ פון ווינט דאכט זיך אים, ברילן זיי, די חיות...

ענטפערט ער איבער זיין נשמה צום בורא־עולם: טו מיט מיר, ווי דיין ווילן איז, — און הייבט אָן שטיל צו זאָגן ווידוי, גרייט האַרץ זיין אַ ייד.

און דער ווינט רוישט, ער הערט זיינע אייגענע ווערטער, זיין אייגענע ווידוי נישט; עס רוישט, פייפט און רייסט די ביימער, די צווייגן.

אָבער אָט — צווישן די פונאַנדערגעריסענע צווייגן גיט פּלוצלינג ווי א בליץ, אויף א רגע כמימרא באַווייזט זיך א ליכט...

מילא, ותחי נפשו! עס מוז דאָך זיין ערגעץ א הויז! די צווייגן האָבן זיך שוין צוריק באַהעפט, פאַרפלאָכטן אינעם חושך... הייבט ער אָן צו גיין צום אָרט, פון וואַנען דאָס ליכט האָט זיך אים באַוויזן... און ער איז גע־גאַנגען און געגאַנגען, ביז גאָט האָט אים געהאָלפן, און ער איז צוגעקומען צו א הויז מיט ליכטיקע פענצטער.

געלויבט איז זיין ליבער נאָמען!

פונדעסטוועגן צוגיין גלייך זוכן א טיר, האָט ער מורא. א קשיא אויף א מעשה: א הויז אין וואַלד, עס קאָנען זיין גזלנים, עס קאָנען זיין יענע לייט, באַהיט און באַשירמט זאָל מען זיין... ער וועט נאָר א בליק טון אין פענצטער... לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף אַלע פיר, קריכט שטיל און פּאַמעלעך צום ליכטיקן פענצטער צו, שטעלט זיך פּאַמעלעך און מיט גרויס האַרצ־קלאַפּעניש אויף, בייגט זיך צו, קוקט אַריין, און דערזעט דאָס, וואָס איך וועל אייך פאַרציילן אין פערטן קאַפּיטל.

4.

אַ גרויסע שטוב האָט ער דערזען. און ער וואָלט געשווירן, זיין שטוב: אין מיטן שטוב שטייט אַ טיש, פונקט ווי ביי אים צו מלווה־מלכה. פונקט אזא טישטעך; פונקט צו דער האָר, אזוינע כלים: זילבער, גאָלד און קאָלירט גלאָז. און טעלער אזוינע, ווי ביי זיין אשה. און אויף די מע־

לער די זעלבע מאכלים... און פּונקט אַזוי פיל ליכט: הן אויפן טיש אין זיל־בערנע לייכטער, הן אַרום די ווענט אין זילבערנע העסן, כהוויה דער־קענט ער זיי.

איז עס נישט אַ חלום? גיט ער זיך אַ צופּ ביי דער באָרד, אַ ריס ביים אויער, אַ ביס אַריין אין פינגער. ניין, עס איז קיין חלום נישט!

און ביים טיש, צו אים הינטערן פענצטער מיט די אַקסלען, זיצט אַ ייד, — דאַכט זיך, ער אַליין! זיין קרומער אַקסל.

רבונו של עולם. אַ חלום, צי אַ כישוף, צי גלאַט אַזוי אַ פאַרבלענ־דעניש?!

ווי עס איז, ער מוז אַריינגיין. סיי־ווי־סיי, אַ ייד זיצט, אַ טיש צו מלווה־מלכה איז געדעקט; ער וועט גיין, מקיים זיין די מצווה.

און ער איז גובר די שרעק, רייסט קוים אָפּ די פיס פון דער ערד און גייט אַרום הויז, טאַפּט און געפינט אין דער צווייטער זייט, פּונקט קעגנאיבער דעם פענצטער, אַ טיר! ער עפנט זי מיט אַ פאַרציטערטער האַנט, דערזעט דעם ייד פנים־אל־פנים, עס הענגט דאָרט נישט קיין שפּיגל, ער זעט דעם ייד בחוש, און דער ייד איז ער אַליין, זיינע באָרד־און־פאות, זיינע ברעמען, זיינע אויגן, זיינע באַקן, און די יאַרמולקע מיטן קאַפּטאַן זענען זיינע...

ער אַליין איז עס.

און דער ייד, דאָס הייסט, ער אַליין, זיצט און קוקט אויף אים מיט שטיל־שווייגנדיקע אויגן, נאָר פול מיט רחמנותדיקער שטראָף; ווי איינער רעדט: וואָס האָסטו מיר, וואָס האָסטו, הייסט עס, דיר געטון? פון וואַנען פאַלסט עס דו אויס?...

וויל ער פרעגן: וואָס? קאָן ער ווייטער קיין קול פון האַלדז נישט אַרויסרייסן, נאָר דאָס האַרץ זאָגט אים: מבטל געווען מלווה־מלכה, עובר געווען אויף אַ נדר...

און ווי דאָס האַרץ זאָגט אים אַזוי, פאַרלירן פּלוצלינג די כלים אויפן טיש זייער גלאַנץ און ווערן ווי פאַרטריבט; און די ליכט, אין די לייכטער און העסן, הייבן אָן טונקל און טינקעלער צו ווערן, און ווערן באַלד טאַקע שוואַרץ — שוואַרצע ליכט ברענען! און דער ייד, דאָס הייסט ער אַליין, צוזאַמען מיטן טיש, מיט די מאכלים, מיט די כלים, מיט די לייכטער הייבן אָן אַלע צוזאַמען פּאַמעלעך, פּאַמעלעך צו זינקען אין דער פאַדלאָגע אַריין... די שוואַרצע ליכט־פלעמלעך אין די לייכטער און העסן הייבן אָן צו ווערן רויכיק און רויכיקער. און אַז דער טיש מיט אַלעם

ארום איז שוין איינגעזונקען ביז צום אויבערשטן שטח פון טאָוול, און דער ייד, דאָס הייסט, ער אליין אין יענער געשטאַלט, איז שוין אראָפּ מיט דער באָרד, און עס האַלט שוין ביי די ליפּן, האָבן זיך די פלעמלעך מיט־אַמאָל געטון א לעש אויס...

זאָגט פלוצלינג דאָס הארץ אונטער דעם ייד: כאַפּ עפּעס און מאַך א ברכה. זיי מקיים מלווה־מלכה! — שטרעקט ער אויס א האַנט, און כאַפּט, איידער דער טיש ווערט איינגעזונקען, א פרי פון א טעלער אראָפּ, מאַכט „בורי פרי העץ"; א ביס, א שלונג־אראָפּ, און גיט א געשריי: דוד מלך ישראל חי וקים!

און דאָס האָט געהאָלפן!

כהרף־עין איז אַלץ פארשוואונדן געוואָרן: די געשטאַלט, דער טיש, דאָס הויז. דער וואַלד, — איינער אליין שטייט ער ווייט הינטער דער שטאָט, אויף עפּעס א לאָנקע... און תוך־כדי־דבור נעמט אים אָן פון הינטן א האַנט; הייבט אים אויף, טראָגט אים אין אוויר, צו דער שטאָט־צו טראָגט מען אים, און מען לאָזט אים אראָפּ פאר זיין אייגענער טיר. —

5.

שטייט דער ייד מבולבל הינטער זיין אייגענער טיר און גלייבט זיי־נע אויגן נישט.

הערט ער פון אינעווייניק, די אורחים זינגען זמירות, הייבט ער שוין אָן צו גלייבן, — עס זאָל האָבן אזוי ווייניק געדויערט?

דערהערט ער אָבער, ווי זיין פלוניתטע זאָגט אין קיך:

— שוין אַלץ פארטיק, — וואָס זוימט ער זיך, נעבעך?! ווער ווייסט, וואָס מיט אים איז, נעבעך, געשען?...

טראַכט ער: וואָס איז זי נעבעך שולדיק? עפנט ער אויף די טיר און גייט אריין.

זעט ער, קיינער וואונדערט זיך נישט.

דאָס ווייב האָט'ם דערזען און שמייכלט.

פרעגט ער: ווו איז דער שותף?

זאָגט מען: נישטאָ!

„גאָרנישט געווען?" — ניין! אוודאי, ווי אַלע מאָל, אין שטיבל. —

און דאָס ווייב זאָגט אים: וואַש דיך! און רופט באַלד צו דער קיך; זי הייסט, דער יונג זאָל אריינטראָגן דעם באָרשטש..

פארשטייט ער נאָך ווייניקער:

— דער יונג איז אין דער היים?

— ווי דען?

— און די פערד?

— שטייען אין שטאַל, ווו זאָלן זיי זיין? הערסט נישט זייער הירזשען?

ער הערט!

ער הערט אַפילו, ווי די פּאָדקאָוועס קלאַפּן אָן דער פּאָדלאָגע; די שטאַל איז נישט ווייט פון שטוב. —

פאַרשטייט ער שוין, אַז עס איז געווען אַ שפּיצל פון יענע לייט, אַז נאָר מיטן „בורא פרי העץ" און „דוד מלך ישראל חי וקים" האָט ער זיך מציל געווען פון זייערע הענט. —

הייבט ער אויף די הענט מיט לויב און דאַנק צו זיין ליבן נאָמען...

און ווי ער דאַנקט אַזוי און לויבט גאָט אין דער שטיל, דערהערן זיך ווייטער פערדס-טריט פון גאַס, הילכט ווייטער אָפּ דער ברוק; אַ רייטער גענענט זיך ראַש צום הויז. און אָט איז ער דאָ, שפּרינגט אַראָפּ, קומט אַריין, — אַ זעלנער איז עס, נישט קיין שטאַפעט אַ קיראַסיער.

און האַלטנדיק דאָס ציימל פון פערד איבער דער שוועל, גיט ער איבער אַ פּאַפּיר:

דאָס איז געווען אַ פּריקאַז פון גענעראַל.

און אַזוי האָט דער גענעראַל געשריבן:

„היות דאָס חייל רוקט צוריק אָפּ קיין ווין, איז בטל דער פּאָדריאַד, דאַרף מען נישט קיין קאָרן". —

פאַרשטייט איר שוין אליין, וואָס פאַר אַ מלווה-מלכה עס איז געווען!

ווי אַזוי אַ פּרוש איז געוואָרן אויס פּרוש

איז געשטאַנען א פּרוש, פּרייטיק נאָכן קניזש, וואָס ער האָט ביי דער שוחטקע געגעסן, אין ליידיקן בית־המדרש, אָן דער זייט פון אַ שטענדער. אויף וועלכן עס איז אָפן געווען „שיר־השירים”, ווי עס פּאַסט פאַר פּרייטיק.

מיט די הענט האָט ער זיך א פּריש בעזעמל — א פּריש בעזעמל פון פּרישע ברעזינע צווייגלעך און פּרישע, הארטע, גרינע בלעטער — געבונדן; מיט די פּיכטע־פּארחלומטע אויגן אין „שיר השירים” ארײַנגע־קוקט, און מיט די ליפּן א פּסוק נאָך א פּסוק, האַלב זינגענדיק, געמורמלט...

אז ער איז געקומען צום פּסוק: „הנך יפה, רעיתי” — דאָס איז טייטש: דו ביסט מיין חברטאָרן, שיין — האָט ער (דאכט זיך, צופעליק) צו דער מערב וואנט אן אויג געוואָרפן. צום פענצטערל אין דער מערב־וואנט, וואָס גייט אין דער שמשטעס שטוב אַריין...

און באותו הרגע האָט ער פּלוצלינג דערפילט, אז עפּעס הייבט אים אָן צו שטיקן אין האַלדז און רייסט זיך ארויס דורכן מויל.

דערשרעקט ער זיך, עפנט ברייט דאָס מויל, — שפּרינגט אים, פון מויל אויפן שטענדער ארויף, עפּעס א קליינס, א גרינלעכס, א רירעווודיקס...

ער קוקט זיך בעסער צו: אַ קליין־רירעוודיק גרינלעך מענטשל. נאָר א ווײַדעלע האָט עס פון הינטן, און אויף הינערנע פיסלעך שפּרינגט עס.

— ווער ביסטו?

— דיין מחשבה: ענטפערט לאכנדיק דאָס קליינע מענטשע און באַ־ווייזט צוויי שורות ווייסע, שארף־שפּיציקע צײַנדעלעך.

— איך האָב שיר־השירים געזאָגט! — באַליידיקט זיך דער פּרוש.

— הנך יפה, רעיתי”, — אמת: און דערביי צו דער שמשטעס פענצטערל אן אויג געוואָרפן — נישט די כנסת ישראל, — ברײַנע דער שמשטעס האָסטו אין זין געהאט... ווילסט זי זען?

רוקט זיך דער פּרוש אָפּ דערשראָקן.

— נו, נו, — לאכט דאָס מענטשעלע — איך האָב סיי־ווי־סיי היינט

קיין צייט נישט: איך מוז אריין הינטן, פארשרייבן זיך אין ספר הנולדים — א מעטריקל מאכן. איך וועל צוריק קומען.

און פארשווינדט.

מיינט דער פרוש: א זעניש, א פארבלענדעניש געווען... ער שלאפט שוין נישט אזוי פיל נעכט!

שטארקט ער זיך, נעמט צוזאמען די צוויגלעך פארענדיקט דאס בעזימל און גייט אין מרחץ אריין.

ווייטער א פריטיק נאכן אנבייסן; ער איז ווייטער איינער אליין אין בית-המדרש...

זיצט ער, קוקט אריין אין „תרגום שני".

הפלא ופלא שלמה דעם מלכס פאלאץ.

פון קריסטאל, אין מיטן ים...

פארמאכט ער די אויגן פאר גרויס תענוג און שאקלט מיטן קאפ אין דערברייט:

— אי-אי-אי!

באקומט ער א קליין שנעלכל אין דער נאז.

עפנט ער די אויגן — דאס מענטשעלע!

נאר גרעסער, דאכט זיך אים.

— ביסט, דאכט זיך, צוגעוואקסן?

— דו טראכסט און איך וואקס:

איך האב נישט געטראכט! — לייקנט דער פרוש — „תרגום שני" געלערנט.

— אמת! אבער טיף אין שטילן הארץ געטראכט:

אין אזא פאלאץ, אינמיטן ים מיט איר צוזאמען...

לאזט דער פרוש אראפ דעם קאפ.

— זי ווערט א כלה? — זיפצט ער.

— נארישקייטן:

— מיט יונה לייבלס...

— ער הוסט:

— איז וואס?

— וועט ער שפעטער בעסער הוסטן... שפייען מיט בלוט...

— איז וואס —

— דערווייל גאָרנישט: דאָס פּרילע מוז זיך אויסשטיין אויפן בוים... בוים...

באַטראַכט אים דער פּרוש, פאַרשנדיק.

דערזעט ער, ווי ער איז איבער דער צייט גאָר רויט געוואָרן.

— אוי, ווי רויט דו ביסט געוואָרן! — שרייט ער אויס, דערשראָקן.

— „אָדם" — ענטפערט דאָס מענטשל — איז א מענטש „אדם" איז רויט, „דם" איז בלוט...

— וואָס פּלאַפּלסטו?

— ס'וועט קומען די רעכטע צייט, וועסטו פארשטיין!

— זאָג בעסער — מאַכט ווייטער דאָס רויטע מענטשעלע נאָך א קליינער פּויזע, — ווילסט זי זען?

זי צוואָגט זיך אצינד.

און אז דער פּרוש זאָגט נישט: ניין, גיט דאָס רויטע מענטשעלע א בלאָז צום פענצטערל צו אין דער מערב וואנט, עפנט זיך דאָס פענצטערל, שטייט ברײנע, דער שמשטעס טאָכטער, צו זיי מיט די אקסל, איבער א שיסל הייס וואסער און צוואָגט זיך לכבוד שבת.

— זעסט — מאַכט דאָס רויטע מענטשעלע — אביסל האָר! די שיסל איז פאר זיי צו קליין. זי האַלט זיי קוים אין דער שיסל!

כאַפּט אים דער פּרוש אָן דערשראָקן:

— זי קאָן זיך נאָך אויסדרייען און דערזען!

— וועמען?

— דיך! זי וועט זיך חלילה, דערשרעקן!

— אויסער דיר — ענטפערט דאָס מענטשעלע — קאָן מיך קיינער נישט זען...

— רייד שטילער!

— אויסער דיר, הערט קיינער נישט מיין קול... זע בעסער דעם האַלדז־און־נאַקן: אָן אַלאַבאַסטערן וואָס?

און, אז דער פּרוש ציטערט:

— ווילסט, איך זאָל זי דיר ווייזן? ווי אחשוורוש האָט געוואָלט זען ושתין, ווילסט?

— כ'וויל! — ענטפערט דער פּרוש, קוים רירעוודיק מיט די פאַר־ברענטע ליפּן...

— וועסט אונטערשרייבן?

— וואָס?

— א כתב! — מיטן בלוט פון מינדסטן פינגער...

— כ'וויל, תיכף, גיב אהער!

— גיי איך שוין אראָפּ און ברענג א כתב.

דאָס מענטשעלע איז פאַרשוווּנדן, דאָס טירל איז פאַרמאַכט, און דער פּרוש וואַקלט זיך קוים צו צו'ן א באַנק.

הושענה־רבא, שפּעט ביינאַכט.

אויפן שולחן ברענען זיך צוויי יאָר־צייט־ליכט.

דער פּרוש זיצט אויף דער באַנק הינטערן אויוון. באַווייזט זיך דאָס קליינע מענטשעלע, וואָס איז שוין, אייגנטלעך, נישט אזוי קליין געווען, — און דערלאַנגט אים עפּעס צו דער האַנט.

— וואָס איז? פרעגט דער פּרוש.

— „חוזק האָט דעם טאַטן נישט דערקענט" — וויצלט זיך דער רויטער. עס איז דאָך דיין קניפּיק. האָסט דאָך מיר אים געגעבן אויס־צושלייפן.

— ווען?

— איינמאָל, האַלבער נאַכט, נאָך א זעעניש.

— נאָכוואָס?

— „אדם" — א מענטש, „אדם" — רויט — — —

— צווייג! — שרייט אויס דער פּרוש אין איין שרעק.

שמייכלט דאָס רויטע און פאַרעט:

— אָבער זע, ווי אויסגעשליפט!

ער עפנט דעם קניפּיק — די קלינג גיט א בליץ.

— ווי א חלף, מאַכט ער, פּרווו אויפן נאָגל.

דער פּרוש נעמט מעכאַניש דאָס מעסער, פּרוווט דאָך נישט און זאָגט פאַרבענקט:

— זען וויל איך!

— אז דו האָסט אונטערגעשריבן, מהיכא־תיתי! ענטפערט דאָס מענטשל און רופט:

— וואַנט, וואַנט, לאָז זיך אראָפּ!

פאָלגט זי די מערב־וואַנט, לאָזט זיך אראָפּ — בריינע שלאָפט אויף א באַנק־בעטל.

זיצט דער פּרוש, פאַרבאָדן אין שוויים, מיט ציטערדיקע הענט און פּיס, א פּנים — ווייס ווי קאַלך און ברענענדיק פאַרגלאָצטע אויגן און קוקט.

זיצט דער רויטער לעבן אים און רוימט אים אין אויער אריין:

— זעסט א יידל, וואָס? אַפּגעטאָקט! אן עלנבויגן! פון עלפּנביין, וואָס?

— מער! מער! לעכצט דער פּרוש מיט פאַרברענטע ליפּן.

קאָלדרע אראָפּ! הייסט דער רויטער און עס געשעט.

— ווי מיינסטו, שמייכלט ער, שענער ווי ושתי!

— שולמית! מאַכט דער פּרוש מיט שוים איבערן מויל.

— און דער פּאלאַץ, — ציטערט ער — דער פּאלאַץ, קריסטאל אינמיטן ים?...

— וועט זיין! — פאַרזיכערט דער רויטער — די פרוי איז אויסגעשטאנען... היינט, מאָרגן וועט זיין, נאָך א קליינינקייט פעלט...

— אָבער ס'העמד אראָפּ! קאָכט דער פּרוש —

באותו הרגע איז אָבער דאָס גאנצע זעעניש פאַרשוואונדן, די וואנט איז צוריק ארויף אויף איר אָרט.

— וואָס איז דאָס? וואָס האָסטו געטון?

— נישט איך — ענטפערט דער רויטער, יונה לייבלס!

— יונה לייבלס, ער? ווי אזוי?

— געקומען תורה לערנען... זיצט ביי דער מזרח־וואנט. האָב איך קיין שליטה נישט... מוז מען וואַרטן. אָדער — זיינער פּטור ווערן...

מאַכט זיך דער פּרוש, די לעצטע ווערטער נישט הערנדיק, און בייגט זיך אויס, און שטרעקט ארויס דעם קאָפּ פון הינטערן אויוון:

אמת, יונה לייבלס זיצט ביי דער מזרח וואנט און לערנט. ער האָט ביים זעעניש, זיין קומען נישט געהערט.

— און ער הוסט נישט! מאַכט ער בייז, און דריקט, נישט ווילנדיק און ווימנדיק, שטאַרקער דאָס הענטל פון קניפּיק אין דער האנט. ער הייבט נישט אָן צו היסן!

— ר'וועט! זאָגט דער רויטער.

הייבט יונה לייבלס אָן צו הוסן.

— א פּשוטער הוסט! זאָגט דער פּרוש, ווי פון א קאַטער.

כאַפּט זיך יונה לייבלס אָן ביים לייב;

ער פאַרקייכט זיך.

ער הייבט זיך אויף און גייט צו צום כיור, נאָך א ביסל וואסער. צוריק צעוועגס וואקלט ער זיך...

— גברא קטילא, וואָס?

— ניין! ענטפערט דער פּרוש. היינט הושענא־רבא... דער שׂאָטן גייט אים נאָך!

— א ציטעריקער, א דינער... ווי לאַנג מיינסטו...

— אויפדערוואָך איז די חתונה — האקט אים פינצטער איבער דער פּרוש.

— וועט זיין א יונגע אלמנה!

— כ'וויל נישט, ער זאָל זי אָנרירן! שפּרינגט אויף דער פּרוש מיט שוים איבערן מויל.

— קענסט דיר אַן עצה געבן.

— ווי אזוי —

יונה לייבלס האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָטעם צו כאפּן און דאָס רויטע מענטשל זאָגט:

— קום צו צו זיין שאָטן!

— וואָס וועט זיין?!

— וועסט זען!

זיי גייען צו, דער פּרוש איז באָרוועס, הערן זיך נישט די טריט.

— פארליר נאָר נישט — וואָרנט דער רויטער — דעם קניפּיק, ס'וועט טון א קלאַפּ.

דער פּרוש דריקט פעסטער דעם קניפּיק אין דער האנט.

יונה לייבלס שטייט אינמיטן בית־המדרש, האַלט זיך אָן ביי'ן א שטענדער און קייכט, זיי שטייען אויף זיין שאָטן.

— ווילסט פּטור ווערן? פרעגט דער רויטער.

— דער פּרוש שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

זיין קול וואָלט יונה לייבלס געהערט.

— לאָז אראָפּ דעם קניפּיק אויפן שאָטנס האלדז, געשווינד לאָז אראָפּ!

און אז דער פּרוש וויינערט זיך, גיט אים דער רויטער א שטויס אָן עלנבויגן; פארלירט ער דאָס מעסער.

פאלט דאָס מעסער מיטן שפּיץ אראָפּ, שטעכט דורך דעם שאָטנס האלדז און בלייבט שטעקן אין דער פּאָדלאָגע.

אין דער זעלבער רגע פאלט יונה לייבלס אנידער, און א שטראָם־בלוט שיסט אים ארויס פון האלדז.

גיט דער פּרוש א געשריי: געוואלד! און כאפּט זיך אויף!

וואָרום דאָס אַלץ איז אַ שווערער, וויסטער חלום, אויף דער האַרטער באַנק, אין ליידיקן בית־המדרש, אין אַ לבנהדיקער נאַכט געווען...

און אַז דער פּרוש האָט זיך אויפגעכאַפּט שטייענדיק אינמיטן בית־המדרש, פאַרבאָדן אין שווייס, האָט ער זיך דערשראָקן, דערנאָך צוגע־וואַקלט צוריק אונטערן אויוון אַרונטער. אַפּירגעשאַרט זיין זעקל מיט זאַכן פון אונטער אַ באַנק. פאַרבונדן מיט אַ שטריקל, געוואָרפן איבער די פּליי־צעס און איז אויס פון בית־המדרש...

אַהיים אָדער אין דער וועלט אַריין. —

דאָס פּראָבלעם

די זון גייט אונטער. דער עולם זאַמלט זיך צו נעילה. מיין באַקאַנטער דרייט זיך אַרום פאַר דער שיל, שטעלט מיך אָפּ.

— עס ציט! — מאַכט ער מיט אַ פאַרבענקטן בליק צו דער שיל. — אָפּגעריסן, אין דער ערד אַריינגעגראָבן. — „ממעקים"... גליטשיק־פּייכט, מיט מאָך באַוואַקסן, און עס ציט...

איך שמייכל: אַלטע געפילן, טראַדיציע... אַטאַוויזם! דער שטערן פאַרשאָטנט זיך אים; די אויגן ווערן אים טונקעלער, דאַכט זיך, ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין האַרץ אַריין פּרווונדיק.

— דאַכט זיך — ניין! האָט ער אויסגעשטאַמלט נאָך אַ ווײַלע.

דער עולם גייט פרום און פאַרטראַכט פאַרביי, ער נעמט מיך אונטערן אָרעם און ציט מיך צו דער ווינקל־מויער צו.

— איך פיל מיך — זאָגט ער — עלנט... פאַריתומט... כ'בין עפּעס אַ זאַך, וואָס מען האָט אין גאַס פאַרלוירן, אין שטוב נישט אַריינגענומען, און מען האָט דערין פאַרגעסן, מען זוכט עס נישט...

דער אָטעם ווערט ביי אים האַסטיקער.

— עס איז דאָך מיין פאָלק: מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער, היימישע, פריינט, באַקאַנטע... אַ גאַנץ יאָר זענען מיר דאָך צוזאַמען; צו־זאַמען געדריקט. מיר צאַפּלען דאָך דאָ אין איין נעץ, אין איין שפּינוועבס — קומט אַ טאָג, אַ טאָג יום־כפור, גייען מיר זיך אַלע צוזאַמען, גייען זיי אין אַ הויז אַריין בעטן צוזאַמען, וויינען צוזאַמען, טרייסטן און שטאַרקן זיך צוזאַמען. און איך איינער בלייב אין דרויסן... — נישט איינער! — פּרווו איך אים טרייסטן — נישט אַלע זענען אין שיל... זייער פיל... ער ווערט אומגעדולדיק. דאָס ווייסט ער... ער קומט הייבן פון איין אָרט ווו די אַנדערע זענען.

— זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, און האָבן זיך נאָך דאַמען געשיקט... דאָס מערסט האָבן זיי אים אהער געטריבן! זיי זענען אַזוי עלנט זיכער, זיי לאַכן אַזוי אידיאָטיש־פּעסט. אַ טענצל און געלאַכט... ער באַפּט

מיך אָן ביי די הענט און הייבט מיך אָן האסטיק צו פירן אויף און אָפּ. — געלע פּנימער — געווים אזא באַלייכטונג. א קעלנער־קנייפּע... א טענצל און געלאַכט... און איך האָב געזען: געלע הערבסט־בלעטער, אָפּגעריסענע פון צווייג... פון א הערבסט־ווינטל ארומגעטראָגן, און זיי היפּען ארום בוים, צו זיינע פיס... דאָס — מאַכט ער, צו דער שיל וויינדיק — איז דאָך דער שטאָם... איבערגעפלאַנצט, אין א זומפּ אריינגעשטעלט, אָבער א שטאַם מיט וואָרצלען... יענע זענען בלעטער, אָפּגעריסענע...

— איך וויל נישט — שרייט ער אויס — אָפּגעריסענע ווערן!

אין די אויגן באַווייזט זיך אים שרעק: — עס איז כרת!

פון שיל הערט זיך דער נעילה־קדיש. — קום אריין! — און איך נעם אים אָן ביי דער האַנט. ער רייסט זיך אויס:

ל—כ׳קען נישט!

אין די אויגן איבערן געזיכט — שמערץ... דער אָטעם ווערט האסטיק — איז אָבער פאַראַן, — זאָגט ער — עטוואָס העכערס, עטוואָס הייליקערס ווי א פאָלק... פאַראַן פאַראַן — — דאָס העכסטע, דאָס גרעסטע — — ער שטאַמלט עפּעס. איך וויל טרעפן:

— דער אמת? מיט געוואַלד רייסט זיך אים פון מויל ארויס:

— גאָט! איך שטוין: — דו און גאָט! דו גלויבסט?

— איך? — איך ווייס נאָר — א „צופעליקייט" איז אומזין... „זעלבסטשעפּונג" — א גרעסערער! „אַנטוויקלונג" — א לעקעכל פאַר קליינע קינדער, פאַרשטופּ דאָס מויל און פרעג נישט... אָפּגערוקט די שאלה אויף א צייט... — רעדסט קיינמאָל נישט דערפון. קיינמאָל גאָטס נאָמען נישט דערמאָנט?! — א גאַנץ יאָר נישט, צווישן מענטשן — נישט. עס איז א וואָרט, א גרויס וואָרט. א סימבאָל, א באַצייכענונג פאַרן העכסטן, פאַרן הייליקסטן... האָבן זיי עס אין מויל אריינגענומען, מיט שפּייעכץ באַנעצט... האָט זיך יעדערער א געטל צו זיין פּרנסה צוגעפּאַסט, צו זיין תאוות־לע צוגעשניטן. האָבן זיך געפּרוכפּערט און געמערט די עבודה זרהלעך...

עס דערהערן זיך יעלהס. — קום, רעד צו דיין גאָט...

צאַרניק ענטפערט ער: — מיין גאָט לויבט מען נישט, מיין גאָט בעט מען נישט... איך קען מיין גאָט נישט באַליידיקן.

. . . .

מיר האָבן ביידע נעילה נישט געדאווענט.

[illegible]
PROPIEDAD
DE LEON [illegible]